ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבחי רמ"ל

אידיש

**655**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# שבחי רמ"ל

פון דעם הייליגען צדיק מפורסם דער אויסגערופענער אוהב ישראל

## רבי ר' משה ליב סאסיבער זצ"ל

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן כן יהי רצון.

**א סגולה צו אהבה אחוה שלום וריעות. חיים ברכה ושלום איז דאס טייערע ספר.**

אין דעם ספר איז בעשריעבען די טייערע אויפפיהרונג פונ'ם הייליגען רבי ר' משה ליב סאסיבער זצ"ל ווי ווייט ער האט דעם שלום געזוכט, די איינהייט פונ'ם פאלק ישראל, זיין אויסערגעווענהליכע אהבת ישראל; אויך די גרויסע וואונדערליכע ערצעהלונגען וואס ביי איהם איז אין זיינע לעבענסיאהרען געשעהן; זכותו יגן עלינו:

# ספר משיבת נפש

דאס איז די צווייטע אבטיילונג פון דיעזען ספר דעם הייליגען צדיק'ס זיסע ווערטער וואס ערקוויקען דאס נפש פונ'ם לעזער דאס אלעס האב איך פון הייליגע לשון קודש ספרים צוזאמען געקליעבען און איבערגעזעטצט אויף ריינעם דייטליכען שפראך כדי יעדער יוד זאל אויף שבת אנ'אמתדיג דערקוויקעניש האבען;

פערפאסט פאן יצחק שאסטיק ס"ט וציצית איז נארבורנא.

דער הערויסגעבער פונ'ם ספר דברי מאיר וספר שבחי ר' מאיר נכד הרה"צ הקדוש מפרימישלאן זצ"ל וי"ע.

# שבחי רמ"ל

בעזר השם יתברך !

## הקדמה ! פארערדע !

ליעבע לעזער !

דוד המלך עליו השלום האט געזאגט אין תהלים קפיטל כ״ט ה׳ עוז לעמו יתן ה׳ יברך את עמו בשלום (גאט גיבט שטארקהייט צו זיין פאלק, גאט בענשט זיין פאלק מיט שלום), ביים ערשטען בליק דאכט זיך יעדען אז ער פערשטעהט גיט די מיינונג פון דעם פסוק, נור אז מען קלעהרט אביסעל טיעפער אין די ווערטער פערשטעהט מען גאר נישט. דען וואס פאר א פריינדשאפט איז עפיס צווישען דער ברכה פון שטארקייט מיט דער ברכה פון שלום וואס דער פסוק נעמט זיי ביידע צוזאמען ? אויך מוזען מיר פערשטעהן וואס פאר א שטארקהייט און וואס פאר א שלום מיינט דער פסוק ? דען פשוט שטארקהייט האבען די חיות רעות אין וואלד גענוג אז זיי קענען דעם שטארקסטען מענש צו רייסען ? אויך דעם איינגאבען שלום האבען געוועהנליך נור אלע ליידאקעס וואס טרינקען צוזאמען שפיעלען אין קארטען דורך די נעכט ? נור אום די ווערטער פון דעם פסוק ריכטיג צו פערשטעהן, מוזען מיר אביסעל צו דער אלטער צייט א בליק געבען און זי נוט מיט אפענע אויגען אנקוקען ; די הייליגע גמרא האט אונז געדעקט אז דאס בית המקדש איז חרוב געווארען נור דורך שנאת חנם. איבערהויפט דער לעזער וואס לעזט דייטליך די געשיכטע פונם חורבן בית המקדש זעהט ווי ווייט יודען זענען נעביך פון זייער גרויסקייט ערנידערט געווארון נור דורך דעם וייל צווישען דעם פאלק איז דעמולט א גרויסע שפאנונג געוועזן. קיין אחדות איז אויך קיין סימן דעמולט נוט געוועזן נור פערשידונו פארטייען מוט פערשידונו גדאנקון וואס דאדורך זענון זיי פון זייער גאנצון שעהנעם גלאנץ אראבגעפאלון, און דער פעהלור איז ביי דעם טהייערסטון פאלק ישראל ביז היינטע פערבליבון, נור מוט דער האפנונג אז עם וועט אמאל די צייט קומון פון אונזר גאולה שלמה, און דעמאלט וועט דם אמתדיגע אחדות זיין ביים פאלק ישראל וום דאדורך וועלון זיי דם שטארקסטו פאלק ביי דר וועלט גרעכנט זיין אויף דער צייט הט דוד המלך ע״ה געמיינט „ה׳ עוז לעמו יתן“ (ווען וועט גאט די שטארקהייט צו זיין פאלק געבען) „ה׳ יברך את עמו בשלום“ (אז גאט וועט זיי זיי. דעם אמתדיגען שלום מוט דעם אמתדיגען אחדות בענשון) אם כן זעהן מיר

דאך

# שבחי רמ"ל

דאך פון דעם דם אונזר גאנצר תכלית וואס מור דארפון טראכטון צו דעם צו צוקומון איז, מור זאלן זוך איינוגון און איין יוד זאל באמת דעם אנדורון לוב האבון דען פיער זאכון וועגן אימער צוזאמון געבונדון איינם ברענגט צום אנדורון — אהבה, אחוה, שלום, ורעות, ליבע ברענגט צו בריעדערליכקייט — צופרידענהייט־צו דר גרעסטור פריינדשאפט, דאדורך ליבע לעוער נוב אוך דא פאר איך הע"ווים דאס טייערע ספר פון דעם בערידהמטון אוהב ישראל דער היילוגור צדיק קדוש וטהור ר' משה ליב סאסיוער זצ"ל וואס וועד עס וועט דם ליינון וועט געווים און זיין הארץ איינגפלאנצט ווערון דם גרעסטו אהבת ישראל און וועט צו זיין רעכטון ציעל צוקומן צו זיין אמתדינען תכלית ערהייכון, אויך אונזר ערשטור שטאם־פאטור אברהם אבינו אז ער הט געוואלט בעקאנט מאכון דער גאנצר וועלט אז מור האבון נור איין גאט וואס הט הומול און ערד בעשאפון, הט ער קיין אנדורו עצה נושט געהאט נור אהבה ער הט יעדון ליעב בעקומון מוט יעדון א גוטור ברודור גוועזן, יעדון דורך רייזענדור הט ער געגעבון אוים ליבע עסון און טו ונקון, אזוי ווי דו אלטו מעשה יעדון בעקאנט איזט, און דאדורך הט ער בעקאנט גמאכט יעדון אז עס איז דא דער איינצוגור גאט אויף דר וועלט, אזוי ווי גאט ב"ה אליין הט אונז און זיין היילוגור תורה גזאגט „ואהבת לרעך כמוך — אני ה'" (אז דו וועסט ליעב האבון דעם חבר אזוי ווי דוך, דעמאלט קענסט דו בעקאנט מאכון מוט דעם — אז אוך בון דער גאט דר איינצוגור אויף דר וועלט) דר זכות פון דעם צדיק דר אמתדיגער אוהב ישראל זאל אויף אונז מגין זיין בזה ובא אכי"ר:

## די יוגענד פונ'ם הייליגען רבי ר' משה ליב :

אין זיינע יונגע יאהרען פלעג ער תמיד בוז שפעט ביי נאכט זיצען אונ לערנען תורה, דער נאך פלעג ער זיך אובער צו טהון אנדרו קליידר, אונ געהן אונ שענק אריין דארט ווי ער הט גטראפען אלז וואהלע יונגען אלז פאר בארטע פערשווינדליך— עסון, טרונקען, הוליען, טאנצען, שפרונגען, דער צו נאך אונ קארטען שפילען ; הט זיך דער הייליגער רבי רמ"ל ז"ל אויך צווישן זיי אנידר גזעטצט, אונ גזונגן מיט זיין טייער קול אונ גטאנצט מוט זיי צו זאמען ; נור אז זיי האבן גוואלט א גראבע עבירה טהון האט ער זיי אבגעראטון אזו לאנג בוז זיי האבן אוהם גפאלגט ; דער נאך שוין פאר טאג פלעג ער אהיים געהן אונ זיך אובערטהון זיינו געווענליכו קליידר, אונ געהן דאבוונין אזו האט ער פיעל נעכט פערבראכט, אונ האט דו לעבענסווייזען מציל געוועזן פון חטאים, דאס האט איהם דערצו נור זיין שטארק אהבת ישראל גבראכט צו פערהיטון נאך זיין מיגלוכקייט א יודיש נפש זאל חס ושלום אונ יצר הרע'ס נעטץ נושט אריין גחאפט ווערון : שפעטער מוט אפאר יאהר ווען דער רבי ר' משה ליב ז"ל איז א גרויסער צדיק מפורסם געווארון, אונ אויף יעדון שבת איז גוועזון הונדערטער פערשונן ביי זיין טיש, איז אמאהל צווישן עולם גקומען אייגר פון דער חברה וואס ער פלעג מוט זיי צוזאמען ביי נאכט אונ שענק זונגען אונ טאנצן, דער געוועזענער גוטער ברודער זיינער האט נור אויף איהם דעם ערשטון בליק געטהון און הט דם רבי תיכף דערקאנט ! — דס איז ער הט ער צו זיך גזאגט — אוך דערקאהן איהם גאנץ ווכער — אז ער איז דם ; וואס ער הט מיט מור צוזאמען דורך דו נעכט געהוליעט אין שענק גזונגען, גטאנצט, גלייך מוט מור ; — אוי ! וואס פאר א גוועלם הייקר איז די וועלט, האט ער ביי זוך אין זיין הארץ גטראכט, א יונגר מאן וואס האט מוט מור צו זאמען תמיד ביי נאכט אין שענק געהוליעט, געזונגען, געטאנצט, קען אזויפיעל מענשון פערנארען ! נור ווי ער האט אבער בישליבווייז זיין חכמה מוט זיין תורה ערפאהרען, זיינו מעשים טובים געהערט, זיין אהבת ישראל, ווי וויט ער זיך מוסר נפש געווען פון א יוד'ס וועגון, האט ער זיך שוין זיין קשיא פערענפערט, אונ צו זוך אליין גזאגט, אצונד פערשטעה איך ערשט זיין קומען צווישן דו הוליאקעס אין שענק אריין, זיין זונגען, זיין טאנצון דארט איז אבנים נור געוועזן כדי אונז דערמאלט מציל צו זיין מוט זיין גרויסער חכמה פון חטאים וואס מור העטען דארט געוועזן גטהון, נאך דעם אמתדיגען געדאנק וואס האט פלוצים אין זיין מוח אמתדיג אריין גשיינט איז ער תיכף צו גגאנגון צום רבי ר' משה ליב ז"ל, מוט א גרויסער שמחה זאגענדוג צו איהם, טויזענד מאהל דאנק אוך אייך פאר דעם וואס איהר האט מוך פון טויזענדער עבירות מציל געוועזן, איהר זאלט נור לאנג לעבון פאר אייער חכמה פאר אייער צדקות פאר אייער אהבת ישראל אוך האב ערשט יעצט דבי לעב פערשטאנון אייער צוזאמענקומען מוט אונז אונ שענק אריין אונ אייערי יונג יאהרען וכ"ע .

## זיין חצות אברעכטען: און זיין גוט־מארגען זאגען:

פון די צוויי מנהגים האט דער רבי רמ״ל זצ״ל זייער שטארק געהאלטען! אז ער איז ארויסגעגאנגען נאך פריה און ער זיך דורך געגאנגען די גאס שאקלענדיג מיט זיין קאפף צו יודען אדער להבדיל צו ערלים גוט־מארגען, גוט מארגען; קיין איינציגער מענש האט נישט געקענט זיך מקדים זיין איהם קודם צו זאגען גוט מארגען; נאר ער פלעג תמיד זיך מקדים זיין און האט קודם יעדען מענש גוט־מארגען געזאגט, אזוי ווי די הייליגע גמרא זאגט, דער צווייטער שטארקער מנהג זייער איז געוועהן, חצות לילה, אלע האלבע נאכט גראדע זייגער צוועלף ביי נאכט פלעג ער תמיד זיך אויפכאפען ווי א ליב מיט זיין שטארקהייט ער האט געואלט זיין ווי מיד און שלאף און אבגעמאטערט, האט ער נישט פערפעהלט איין נאכט זיך אויפצוכאפען און אויפצושטעהן פונקטליך און דער רגע זייגער צוועלף ביי נאכט אבצוזאגען חצות מיט גרוים געוויין, מען האט ממש געזעהן אז די שכינה הקדושה האט איהם פון זיין שלאף אויפגעוועקט, אמאהל איז דער הייליגער רבי רמ״ל ז״ל געזעסען און בראדי דארטען די חסידים זייגע געשמועסט צווישען זיך פון דער קדושה, און הייליגע דרכים פון זייער הייליגען רבין ר׳ משה ליב און האבען אויך איבערגעשמועסט פון די צוויי הייליגע און טייערע מנהגים זיינע פונ׳ם גוט־מארגען און פונ׳ם חצות לילה אויפשטעהן דערביי איז אויך גושטאנען דער גרויסער בראדער גביר ר׳ יודיל נאטנזאהן, האט דער גביר ביי זיך זעהר געלאכט און געשפעט פון זייערע רייד, און האט ביי זיך אבגעמאכט און זיינע גדאנקען — זאגענדיג צו זיך אליין — איך מוז זיי מארגען אי״ה איבערצייגען זייערע שקרים און זייערי ליגענם. דערמאלט איז געוועהן שבת פרייטאג צו נאכטס, דער ר׳ יודיל האט א גאנצע נאכט געקלערט, שבת אין דער פריה האט ר׳ יודיל געוועהן געהן דעם רבי ר׳ משה ליב פון דער מקוה שאקלענדיג מיט דעם קאפף און זאגענדיג יודען אויך להבדיל ערלים גוט מארגען, גוט מארגען, אדער גוט שבת, און קיין איינציגער האט איהם קודם נישט געקענט זאגען, נור ער האט אלץ יעדען קודם געזאגט, אזוי ווי זיין מנהג איז געווען, האט דער ר׳ יודיל געשיקט זיינע צוויי פערשוינען זיי זאלען געהן אנטקעגענווייליכן לאנגזאם און שטיל אונטער דעם רבי ר׳ משה ליב אזוי אז דער רבי זאל נישט דער שפירען זייער גאנג און זייער טריט. און זאלען פלוצים געבען אגעשריי און זיינע אויערין גוט שבת־רבי, די מענשען ר׳ יודל׳ס האבען אזוי געטהון און געהן זיך לאנגזאם און שטיל, אונטער ר׳ יודיל שטעהט און קוקט פון דערווייטענם, ווי ערשטוינענד אבער איז אונטער ר׳ יודיל געבליבען שטעהן, וועהענדיג פון דערווייטענם אז נאך איין רגע האבען די מענשען בעדארפט צו צוגעהן ביז צום רבי ר׳ משה ליב׳ם פליצעם, האט זיך דער הייליגער רבי ר׳ משה ליב [illegible] א דרעה אום זאגענדיג גוט שבת גוט שבת. האט שוין דער ר׳ יודיל געזעהן

[illegible] זיינע אויגען האבען געזעהן, יעדי

האט ער זיך געפריוט אפלייקענען, און דעם שקר אויבערצייגען וועגען זיין חצות אויף שטעהן, אזו אזהם איינגעפאלן א ספעקולאציע און האט פארבערייטעט א גרויסע סעודה און פערבעטען דעם רבי ר׳ משה ליב ז״ל צו זיך אויף דער סעודה, און האט אוהם געגעבן שמארק אלטען ווין צו טרונקען צוואר דער רבי ר׳ משה ליב האט דעם ר׳ יודלים כוונה גוט פערשטאנען־ער זאל זיך פערטרונקען, און פערשלאפען די צייט פון חצות לילה יעדאך האט דער רבי ר׳ משה ליב זיך נישט אבגעזאגט פונ׳ם טרונקען, דער צו האט דער ר׳ יודיל אוהם און דער נאכט פערשמוסט ביז זייגער עליף, גראדע זייגער עליף האט זיך דער רבי רמ״ל ז״ל געלייגט שלאפען, דער ר׳ יודיל האט זיך ארום געדרעהט צו זעהן וואס היינט וועט דער סוף זיין מיט דעם רבי ר׳ משה ליב׳ס חצות אויפשטעהן? אפאר מינוט פאר צוועלף א זייגער האט ר׳ יודיל געזעהן ווי דער רבי שלאפט זעהר געשמאקעזוי ווי נאכן טרונקען אזא אלטען וויין; דעמאלט האט זיך אונזער ר׳ יודיל געקלעהרט — נאך א פאר מינוט וועל איך זיי שוין איבערצייגען זייערי שקרים; אז עס איז אבער די רגע אנגעקומען פון חצות לילה פונקטליך זייגער צוועלף האט זיך שוין דער היילגער רבי ר׳ משה ליב פון דעם אלטען־וויין־טרונקען גענוג אויסגעשלאפען, און האט זיך אזוי ווי זיין מנהג איז געוועהן מיט א שטארק צומערניש אויפגעכאפט פון זיין געלעגער, און תיכף אויפגעשטאנען; און מיט א צובראכן הארץ געזאגט דעם תקון חצות; דעמאלט האט שוין ר׳ יודיל זיינע געדאנקען גענצליך פערלוירען און האט מודה געוועזן על האמת:

## א נייע מאדע חצות אפרעכטען:

הרב הצדיק רבי הירשלי ודיטשובער זצ״ל ז״ע האט דערצעהלט בשעת ער איז געוועזן ביי זיין רבי דער היילגער ר׳ משה ליב סאסיווער, האט ער זיך אמאל אבגעפאסט און זיינע געדאנקען־ער זאל נאכקוקען דעם רבי ר׳ משה ליב׳ס התנהגות ביי זיין חצות אפרעכטען, ווייל זיין הצות אפרעכטען איז זעהר געריהמט געוועזן; דאדורך האט זיך דער רבי ר׳ הירשלי ודיטשובער זצ״ל בעהאלטען ביים ר׳ משה ליב אין זיין שטובל, כדי צו זעהן ווי אזוי ער איז זיך נוהג; א מאל האט ער געזעהן ווי זיין היילגער רבי ר׳ משה ליב טהוט זיך אן גוישע קליידער א פעלץ מיט א קיטשמע און האפט אויף זיינע פלייצעס א גראבע און א גרויסע פאלינע האלץ, די האק אויף זיין אקסעל, די לאטערנע אין זיין האנד; און געהט זייגער צוועלף ביי נאכט ערגיץ אזוי חצות אפרעכטען, זיין היילגער תלמוד דער רבי ר׳ הירשעלי ודיטשובער זצ״ל איז זייער נייגעריג געוועזן צו וויסען דעם סוף פון דעם היילגען גאנג, א נייא שערי־ציונדיל קלעהרט ער ביי זיך איז געדרוקט געווארען מיט א נייעם תקון חצות, ער איז שוין דעם רבי ר׳ משה ליב פוס־טריט פון הונטען נאכגעגאנגען, און האט שוין און אנגוטער שעה דערלעבט צו זעהן ווי דער רבי ר׳ רמ״ל איז אריין געגאנגען אין א שטוב, דארט און דער שטוב איז געוועזן אנארומע קינד־פטרון, און

שטיב

שטוב א קרידה, פשוט אג'אומקומעניש, פון דעם אומדערבארמדיגן פאר פאלק דר פראסט מוט דר זאווירעבי ים האבן זוך און דר שטיב מחמת האלץ מאנגל ארייגעהאפט, דו יולדת נעבוך לוגט און בעט און צוטערט דם קונד אוז פערבלויט פר קעלט, פלוצים הט ר' הערשעלי ז"ל דערהערט זיין רבי רמ"ל גויש שמיסען צו דר יולדת־זאגענדיג צו איהר־אוך האב א גראבע און אגרויסו פאליגע האלץ קויף זו בי מור – אצונד בי נאכט וועל אוך זו בילינ פערקויפון. הט איהם דו יולדת געענפערט איך וואלט גנייטוג דו פאליגע האלץ בעדארפט, אוך האב אבור אפילו קין פרוטה נישט, הט דר רבי רמ"ל גזאגט — נעם נור דם האלץ, געלד וועל אוך שוין בי דיר אבנעמין מארגון; — יא ווס וועט מור ארויסקומון קען אוך דען לאזון אייגהייצון מוט אזא גראב שטיק האלץ? דם מוס מען דאך צו האקון אין קיין האק האב אוך נישט אין שטוב — הט צו איהם דו יולדת ווייטור גזאגט, דם אוז בי מור גאר א קליינר קיים הט איהר דר רבי רמ"ל ז"ל אנגעפיר געמון מוט קאראש — אוך האב בי מיר א האק באלד אוז דם צו האקט, און אוך וועל נאך אריין אנהייצון כדי זאלסט זעהן אז האב דוך נישט אבגעגארט, באלד וועבט דו זעהן ווי דם וועט ברענון — טריקען האלץ ווי א פעפער, הט דר רבי ר' הורשעלי זצ"ל גהערט ווי בשעת דעם האקען דם האלץ הט דר ר' משה ליב אזאג געגבון ·תקון לאה· נאכדעם הט ער אייגעהייצט הט ער גהערט בשעת אנהייצון ווי ער הט גזאגט ·תקון רחל· און טאקי תיכף אוז ער צוריק אהיים גגאנגון און הט זוך זיינו קליידר צוריק איבערגעטהון, ווי דר רבי ר' הערשלי הט געזעהן דעם חצות אויף דר נייער מאדע הט ער גזאגט אויף זיין רבי ר' משה ליב זצ"ל דעם פסוק "שבילך במים רבים ועקבותיך לא נודעו" דם הייסט דיין גאנג אוז אין דאס טיעפסטע וואסר, אין דיינו טריט זענן אונר פערשטענדליך זכותם יגן עלינו.

## זיין געהן אונ שוהל אריין ערב יום כפור צו כל נדרי :

די שוהל אוז גוועז פאל מוט מענשון יעדר זאגט דו תפלה זכה, אונ מען וויינט און שרייט יעדר יוד מוט א צו בראכון הארץ, אזו ווי דער מנהג אוז פר כל נדרי, מ'קוקט ארוים דער רבי ר' משה ליב ז"ל זאל שוין באלד אנקומען, עס אוז שוין שפעהט באלד א האלבע שעה אונ דער נאכט דער רבי אוז נאך נישט דא ; נאך אבוסול ווארטון אוז דער רבי ר' משה ליב אנגעקומען, און קיטעל און אין טלית אנגעטהון דאס פנים בערפלאמט ווי א מלאך אלקים, זאגענדיג צום גאנצון עולם הערט אים רבותי ! אוך בון גגאנגון אונ שוהל אריין דאבנין, האב אוך גהערט אונ א שטוב זעהר א יעמערליך גוויין ; בון אוך אריין גגאנגון און האב גטראפון א קליין מיידעלע זוצט אונ וויעגט א קונד, אונ דאס קונד וויינט גאר אונאויפהערלוך ; ווי אוז די מאמי פון דעם קונד האב אוך גפרעגט דאס מיידעלע ? ! אוז אונ שוהל אריין גגאנגון, האט דם מיידעלע געענפערט, לויף גשווינד אונ שוהל אריין אהיים רופען דו

מאמע

מאמע, און איך וועל דא זיצען נעבען דעם קינד, האב איך איהר געזאגט דם מיידעלע האט מיך געפאלגט אונ איז גלופען, די מאמע אהיים גבריינגט, אונ האט דאס קינד אנגעזייגט דאנן בין איך מיר ווייטער גגאנגען דאבונין הערטשעט איהר רבותי מיר מוסען וויינען וויל מיר האבען געזינדיגט, אבער דאס קינד וואס האט נעבוך גאר נישט געזינדיגט, האט משה ליב נישט געוואלט לאזען וויינען; אבער דעם האב איך מיך פערשפעטיגט, אונ מיט דער בריינגענדיגע אהבת ישראל האט ער זיך געשטעלט זאגען כל נדרי וו"ע :

## דאס פרייטאג צו נאכטיגע דאווענען :

פרייטאג צונאכטס; דער רבי ר' משה ליב שטעהט זיך אנגעטהון זיינע ווייסע שבתדיגע קליידער איינגעהילט אונ טלית פאר'ן עמוד, אונ הט נור ווס פון זיין היילוג מויל ארויסגזאגט דעם פסוק "הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו" פלוצים הט ער פון זיך אראבגווארפען גשווינד דעם טלית מיט די בגדי שבת אונ זיך אנגעטהון די וואכעדיגע קליידער, אונ לויפט זעהר מיט א גרויס געייך פון דער שוהל ארויס; אלע חסידים האבען די זאך זעהר פערוואונדערט, אונ זענען איהם אלע נאכגעלויפען כזו אינטער דער שטאט, דארט הט ער געטראפען א גראף פון א דארף פאהרענדיג מיט זיין גרעפען, אונ פון וועגען ביי די רעדלעך פון זיין קארעטע שלעפט זיך נעבוך נאך אנגעבונדען ביי א שטריק א איד מיט זיין ווייב מיט זיינע קליינע אבגעמאטערטע קינדער פאר א שטראפע וואס זיא האבען דעם גראף די נאכטע פר דער ארענדא נישט בצאהלט, די פערד הט מען געשלאגען זיי זאלען געשווינד לויפען כדי די יודי'שע נאבשטעפערס זאל זייער נשמה ארויספליהען פונים לויפען; דר רבי משה ליב זצ"ל איז געוועזן א הויכער אונ זעהר א וועלטיגער שעהנער פערשון זיין צורה הט געלייכט ווי די זון, ער הט גהאט חן ביי די גרעסטע פירסטען וועלכע האבען איהם געזעהן; דערבייא הט דר רבי ר' משה ליב אנגהויבען צו שמועסן מיט דעם גראף אונ מיט דער גרעפין אונ הט זיי זעהר גלובט, דר נאך האט ער ביי זיי געבעטען זייער קליין קינד אין הט עס געקושט אונ הט דם קינד זעהר מפליא געוועזן ווי שעהן אונ קלוג דם איז, דר גראף מיט דר גרעפין האבען דם רבי ר' משה ליב אויך געקענט פר א געטליכען מאן האבען זיי פערלאנגט ער זאל זיי דם קינד בענשען הט ער זיי דם קינד אב געבענטשט, שטעהענדיג געבען זיי אונ מיטען דעם טיפען שמוס האט ער זיא געפרעגט ווער זענען די מענשען וואס שלעפען זיך אזוי נאך הינטען ביי די אונטערדעליך? האבען זיי איהם ערצעהלט פון דעם חוב וואס דר יוד איז זיי שולדיג געבליבען, הט דר רבי רמ"ל זיי געבעטען צו פערשטעהן אז עס פאסט נישט פאר אזויגע גרויסע הערין זיי זאלען זיך זייער כבוד שעדיגן מיט אזויגע נידריגע מענשען, אויך הט ער געזאגט ווס מיינט איך דם געשריי און דאס וויינען פון די ארימע מענשען דאס גוויין קען נאך חו"ו שאדען אייער טייער און לעבטיג קינד; אונ הט דם קינד ווייטער ארומגעכאפט אונ

געקושט, ביים צווייטן מאהל קושן הט שוין דער גראף גהייסן תיכף די שטריק אויפבינדן אונ האט שוין די נאכשלעפערס די פארביטערטע נשמות בפרייט; דער רבי ר' משה ליב ז"ל הט זיך אומגעקערט מיט דעם גאנצן עולם מקבל שבת צו זיין, ביי זיין אנטהון צוריק די שבתדיגע מלבושים האט ער אנגעהויבן צו שרייען אוי, אוי א מאל וואס האט צוויי מאהל געקושט אן ערל א בן הנדה א מאל וואס האט זיך אזוי פערשמוצט ווי אזוי קען זיך אזא מאל עפענען צו זאגן הייליגע דיבורים פאר דעם איינציגן בורא ברוך הוא, אונ מקבל שבת זיין; נור משה ליב דערמאנט זיך אז עס שטעהט ווי די מלאכים זאגן אויך שירה צו גאט ברוך הוא איז משה ליב'ס מויל נישט ערגער פון א הלב דאדורך מעג שוין אפילו משה ליב מקבל שבת זיין; יעדער יוד דארף גוט די מעשה מיט די דיבורים איינפלאנצן אונ זיין הארץ דען אונ אלע ענדרון קומט איהם דם צו נוטין: וי"ע.

## זיין הייליגען רבי'ס ווייסער האלאט:

דער אלטער הייליגער טשארטקיווער רבי הקדוש ר' דוד משה זצללה"ה האט דערצעהלט; זיבען יאהר הט דר רבי ר' משה ליב סאסאווער ז"ל געלערנט ביים הייליגן צדיק ר' שמעלקע ניקלסבורגער ז"ל; נאך זיבען יאהר הט איהם זיין רבי געזאגט אצונד מעגסט די שוין אהיים פאהרן נור איך וועל דיר מיט געבן צדה לדרך; און הט איהם מיט געגעבן א ברויט, א גילדען רענדיל. און א ווייסן האלאט דם איז איז געווען דם צדה לדרך; און דער רבי ר' משה ליב איז זיך אהיים געגאנגען; גייענדיג אויפ'ן וועג הט ער דערהערט זעהר א פערביטערט יעמערליך קול, אונ איז נאך דם קול נאכגעגאנגען ביז ער איז צוגעקומען צו א הויז האט ער דערהערט דאס קול גייט פון א קעהלער וואס ס'זיצט נעביך דארט א יוד פערשלאסן שרייט אונ וויינט, אוי ווי נעמט מען דערייהונדערט רייניש בצאלן דעם גראף פר דר ראטע פונ'ם שענק, כדי מיין חיות זאל מיר חס נישט אויסגעהן פר דער צייט, הערענדיג די ווערטער האט תיכף דער רבי ר' משה ליב איהם אונ קעהלער זיין איינציג ברויט וואס דער רבי זיינער הט איהם מיט געגעבן אריין געווארפן, זאגענדיג צו זיך די ווערטער, לאז דער יוד דערווייל נישט אויסגעהן פר הונגער; און איז תיכף געלאפן צום גראף אונ האט מיט איהם געשמועסט פון דעם יוד אונ קעהלער; אונ הט איהם געוואלט איינגעבן דעם רבי'ס רענדיל; דער גראף הט אבער מסתמא נישט געוואלט א חוב פון דרייהונדערט רייניש פר איין רענדיל אבצולאזן; דער רבי ר' משה ליב געהט שוין צוריק פונ'ם גראף מיט א פערביטערטן הארץ, וואס טהוט מען, וואס טהוט מען, זאגט ער צו זיך אליין, דר צער פון דעם יוד הט איהם אזו שטארק בריהרט, אונ איז נאכאמאל געלאפן צוריק צום גראף ווידר מיט דעם רבי'ס רענדיל אונ דער האנד, דעמאלט אבער אונ דר צייט האבן די גראפן גהאט ממשלה ביי זיך אין דארף אליין צו ארטיילן אפילו מאדעסארטהייל, אונווער ר' משה ליב נעבוך האט דער גראף

אנגענומען

אנגענומען אלס מורד במלכות פר זיין צווייטן מאהל קומן פר איהם מוט דעם רענדיל אונ דער האנד אונ הט איהם פעראורטיילט צום טויט, און אויף דר ארט; מען זאל אן איהם אנרייצן דו שלעכטו הויפטהונד זיי זאלן איהם אויף שטוקר צו רייסן, דעם רבי ר' משה ליב האבין אבר דו הונד אפילו נושט אנרורען גוואלט; ווי דער גראף הט דם דערזעהן הט ער גהייסן מען זאל איהם אריין פיהרען אונ דעם ארט אונ הויף וואס דארט האט דער גראף גהאלטן פערשידענו חיות רעות; ווי דר רבי ר' משה ליב האט דערזעהן דם לויפן פון דו חיות רעות אקעגן איהם, הט ער זוך תיכף געגעבן א טיהראן דעם נייסן האלאט וואס זיין היילגור רבי ר' שמעלקי הט איהם מוט געגעבן זענן אלו חיות רעות פון איהם אוועקגלויפן; ווי דר גראף הט שוין דם דערזעהן איז ער בכבודו ובעצמו געגאנגן צום יוד אין קעלער און הט איהם בפרייט; אונ דעם רבי ר' משה ליב אנדאי; דר היילגור טשארטקיווער ז"ל הט אויסגעפיהרט ווי געמט מען הייגט אזא האלאט:

## זיין נסיעה מיט זיין היילגען רבי:

דער בערזאנער רב הגאון ר' שלום מרדכי ז"ל האט ערצעהלט — ס'איז א מאהל נגזר געווארן א שלעכטו גזירה פונ'ם מלכות, בשעת דער רבי ר' משה ליב הט געלערנט ביי זיין רבי ר' שמעלקי אונ ניקעלסבורג — איז געפארן דער רבי ר' שמעלקי מוט זיין היילגען תלמיד דער רבי ר' משה ליב ז"ל קיין וויען צום קיסר אויף אודיענץ; ווי זיי זענן געקומן שוין אונטער וויען האבין זיי זוך בדארפט אריבער שיפען דם וואסר דאנוי; דעמאלט איז אבר געווען גראדו דר אייזגאנג, וואס אונ דר ציט קען קיין שום שיף אויף קיין וואסער נישט געהן, ווייל דם איז הט וואסערט די שיף צובראכן, דער מעשין פונ'ם רעכטמעקעגקייט דער גזירה איז אבער שוין אנגקומן, און אין פאלס הייגטעגען טאג זיי וועלן דם אודיענץ נישט אבגהאלטן וועט שוין אזוי פערבליבן; דאדורך הט דר רבי ר' שמעלקי ז"ל גהייסן א שיפער ער זאל נעמן א קליין שיפעל וואס עס קענן אונ דעם נור צוויי מענשן זיצן, און דר ר"ש מוט זיין תלמיד ר' משה ליב זענן אריין געגאנגן אונ דעם שיפעל שטייענדיג באלד הט דער רבי ר' שמעלקי אנגעהויבן צו שירה וואס יודען האבין גזאגט א זעגן צוריקגעגאנגען דעם ים אונ זיין תלמיד דער רבי ר' משה ליב ז"ל האט איהם נאכגזאגט ווארט ביי ווארט; און אזוי האט זוך דם שיפעל דורך געשיפט צווישן די שטוקר אייז; פון יענער זייט דאנוי אונ זייען זענן געשטאנען פיעל מענשן אונ האבן געקוקט אויף דעם וואסער ווי דם שיפעל רוקט זוך צווישן אזאלכע ריזעגע שטוקן אייז וואס קענן דו שטארקסטו מעכן איינברעכן, און דערצו נאך שיפט דם שיפעל אריבער צוויי פערזאנען און אזא גרויסן געפאהר נאכן וויען הט געראשט מוט דעם וואנדר בוז עס איז דם קול אויך צום קיסר אנגקומען, און דער קיסר אליין

[illegible] וואנדערליכע מענשען ביוצו וואָ

# שבחי רמ"ל

זו זיי וועגן בירוּ, דער רבי ר' שמעלקע מוט זיין תלמיד ר' משה ליב צום קיסר אויף אוידיענץ אריין געקומען, האט ער זיי זעהר שטארק בטראכט און האט תיכף ד גזירה מבטל געוועזן אזו ווי זיי האבן פערלאנגט; וז"ע:

## זיין אבגעזעגענען פון זיין הייליגען רבי ר' שמעלקע זצ"ל:

דר ניזגובער רב הרה"ג ר' יחיאל מיכל היבנער זצ"ל האט ערצעהלט, דר מנהג ביים רבי ר' שמעלקע ניקלסבורגער זצ"ל איז געוועזן בשעת ווען ער האט שוין אבגעזעגנט פון זיך א תלמיד פון זיינע תלמידים ער זאל זיך שוין אהיים פארן ער זאל שוין פאר זיך א רב אדער א רבי ווערן — האט דר תלמיד מוט איהם געמוזט צור ענדע אום שבת נאך סעודת שחרית אין שוהל אריין געהן, און צונויף גרופן און שוהל אריין דעם גאנצן עולם פון דר שטאדט, און דר תלמיד האט פאר דעם עולם א דרשה אבגעהאלטן, ווי עס איז גוקומען דר געזעגנר טאג פונם רבי ר' משה ליב ז"ל, האט איהם זיין רבי ר' שמעלקע פרייטאג ערב שבת געזאגט ער זאל זיך פארטרייטן שבת ביי טאג א דרשה צו זאגן, דר רבי ר' משה ליב ז"ל האט דעם מנהג גוט געוואוסט, האט ער מוט זיין קאפ אשאקעל געטהון יא! יא! בוודאי מן השמים דארף איך מיר עפיס פארטרייטן — איך וועל שוין דאריבר טראכטן, שבת ביי טאג דר רבי ר' שמעלקע ז"ל איז מיטן רבי ר' משה ליב ז"ל געגאנגן אין שוהל אריין, דר גאנצר עולם שטעהט שוין פארטרייט צום הערין דעם רבי ר' משה ליבס דרשה, דר מנהג עולם איז, שבת ביי טאג אז א דרשן קומט דרשנין, זאגט ער קודם די דרשה און דר נאך דאבינט מען מנחה אצונד אבער האט אונזר רבי ר' משה ליב גהייסן דר עולם זאל קודם דאבינען מנחה, מען האט איהם ריכטיג געפאלגט דר גאנצר עולם האט גדאבינט מנחה, מען האט ווי דר סדר עולם אויסגענומען א ספר תורה און געליינט די פרשה פון דר קומענדיגר וואך, דערנאך האט דר רבי ר' משה ליב אויפגעמישט אין דר תורה פרשת אחרי מות די פרשה פון עריות און האט די גאנצע פרשה פון עריות דורך געליינט מיט גרויס התלהבות און האט זיך מיט אזא ברענן די פרשה געליינט אז ווי פיעל מענטשן פערשטורטע מיט דעם חטא פון ניאוף זיינען צווישן דעם עולם אין שוהל געוועזן האבן אלע מיט איין קול בבכיה אנגהויבן הויך און שטארק צו וויינען געוואלט ווי אזוי טוהט מען תשובה? און זענען אלע צו געלאפן צום רבי ר' משה ליב ז"ל ער זאל זיי א תשובה ארויסגעבן, ער האט יעדן לויט זיין זינד געגעבן א תשובה ארויסגעגעבן, און האט געוואלט אנהייבן זיין דרשה צו זאגן האט איהם דר רבי ר' שמעלקע ז"ל געזאגט גענוג, גענוג, שוין, משה ליב דו דארפסט שוין מעהר גאר ניט דרשנען דו האסט שוין א גוטע דרשה געזאגט, אזא דרשה האט קיין שום תלמיד ניט געזאגט וז"ע אבי"ר:

## דאס אונערבארמהערציגקייט פונ׳ם רבי ר׳ משה ליב זצ״ל:

אין דרויסן איז א שטארקער איבערבארימיגער ווינטער א פראסט אויף צוואנציג גראד מיט א טיעפען שניי און דער צו אן אומדערבארמיגער ווינד. פלוצים אויף דער נאכט קומט אריין אן ארומע יודענע צום רבי ר׳ משה ליב ז״ל וויינענדיג און זיפצענדיג פאר איהם מיט איהר בקשה זו איז שוין צוואנציג יאהר אן עגונה און ווייסט ניט ווי איהר מאן איז, דערווייל איז גיווארן ביטער אבער די יודענע האט דארט נאכאמאל אבגעגעסן, נאך דעם עסן האט זי געבעטן דעם רבי ר׳ משה ליב ז״ל זי זאל דא ביי איהם איבערנעכטיגן האט ער איהר געענטפערט אויף קיינעם פאל האט ער קיין פלאץ פאר איהרעט וועגן ניט, און האט איהר אנגעוויזן אין דרויסן אויף יענער זייט נאנט אויף דער פריספע זאל זי זיך געהן לייגן שלאפן. די יודענע האט נאך אמאהל געבעטן רבי ליעב וואס זאגט איהר? אין אזא פראסט זאל איך מיך געהן אין דרויסן אוועק־לעגן — יא יא, אזוי זאג איך אין אזא פראסט זאלסטו געהן אין דרויסן שלאפן ביי מיר איז קיין נאכטהויז האט דער רבי רמ״ל ז״ל איהר געענטפערט, אויב אזוי זאגט די יודענע וויים איך שוין פון אצינד אן, אט דאס איז דאס רחמנות דאס אהבת ישראל פונ׳ם גרויסן רבי ר׳ משה ליב, וואס שטעט אויף דער גאנצער וועלט, דאס איז זיין רחמנות — אז ער הייסט א יודיש קינד זאל אין דרויסן אויסגעפרוירן ווערן און לאזט נישט א יודיש קינד ביי זיך איבערנעכטיגן, דו מעגסט רעדין וואס דו ווילסט — האט איהר דער רבי ר׳ משה ליב געענטפערט ס׳וועט דיר גאר נישט העלפן דא וועסטו ביי מיר אין מיין שטוב נישט נעכטיגן. אנעבירה דיין שמים געה דיר גוטערהייט ווי דו ווילסט, אין דרויסן אויף דער פריספע וועהר איך דיר נישט אז ווילסט מעגסט דיך דארט לייגן שלאפן אזוי ווי איך האב דיר צום ערשטן מאהל גזאגט. די יודענע נעביך איז מיט איהר פערביטערט הארץ ארויסגעגאנגען, אין דרויסן וועהט מען נישט קיין וועג קיין שטעג, דער ווינד בלאזט אונטער דעם שניי אין דער לופט. פאר־פינסטערט איהרע אויגן, אנאנדערע בריה האט זי נעבוך גזאגט זי האט זיך געמיסט לייגן אויף דער פריספע ביי דער וואנד, שלאפן — האט זי נעבוך נישט געקענט דורך דער אומדערבארמיגער קעלט מיט דעם שטארקן פראסט זי איז נעבוך געלעגן אין גהאקטע ווינדען געזיפצט און געקרעכצט, איין זיפץ איז געווען שטארקער אין העכער פונ׳ם אנדערן, דער רבי ר׳ משה ליב האט נעבוך נישט געקענט צוהערן דאס קרעכצן, האט ער איהר בעטגעוואנד דורכן פענסטער ארויסגעווארפן, זי האט אבער אויך נישט געקענט שלאפן. און ליגענדיג אזוי אויף דער פריספע הערט זי ווי עס פאהרט א שליטען א קלינגענדיגער, איז זי פון איהר געלעגער אראבגעגאנגען און האט נעבוך א גרוסן געשריי געטהון פאר די דורכרייזענדע, אזוי ראטעוועט מיך, די רייזענדע זיינען געבליבען שטעהן אפולער שליטען מיט יודען זי האט פאר זיי דערציילט די גאנצע מעשה ווי אזוי דאס רחמנות פונ׳ם רבי ר׳ משה ליב איז, די יודען האבן אויף איהר רחמנות

גהאט, און האבן איהר גהייסן אויפעטצען הט זו זיך אומגעקעהרט צו דר פריסא. און גענומען איהר פעקעל, און דר צו הט זו פר פערדרוס דעם רבי'ס בעטגעוואנד אויך מיט גנומען, לאז ער מוז געהן לדין הט זו ביי זיך גטראכט. און דריסען הט אנגהויבען טאג צו ווערין וואס אמאהל לעכטיגער און באלד ווי דר טאג איז שוין גוט לעכטיג געווארן איז דר יודענע שוין איך און איהרע אויגן לעכטיג געווארן ווי זו הט איהר מאגן צווישן דו אלו יודן דערקאנט און גראדע דעמאלט איז ער גפאהרן אין א ווייט לאנד אביין ער זאל שוין מעהר און זיין געבורטסלאנד נישט צוריקקעהרין און ווען זו זאל איהם אצונד נישט גוועזן טרעפען הט זו איהם שוין קיינמאהל און איהר לעבן נישט געוועזן גטראפען, פון דעם הט זו, איך אלו זעצענדיגע יודען אויף דעם שליטען גוט פערשטאנען דם אכזריות [אומדערבארימגקייט] פונ'ם רבי ר' משה ליב, פר וואס ער הט דו יודענע נישט גלאזט בשום אופן אין זיין שטיב אויבערנעכטיגן די יודענע מוט איהר מאן האבן שוין דעם רבי ר' משה ליב צוריק געשיקט זיין בעטגעוואנד, און אבריעף גשריבען מוט זייער א שיינים דאנק פר זיין אומערבארמיגקייט וואס ער הט דו יודענע נישט גלאזט נעכטיגען נור אין דרויסן. זיין יכות זאל אויף אונז מגין זיין עלינו ועל כל ישראל:

## זיין וואונדערבארע ברכה פאר 4 גרייצער:

נאך אין דו יונגע יאהרען פונ'ם רבי ר' משה ליב ז"ל ביי זיין אהיים גיין פונ'ם מרחץ ערב שבת נאך מיטאג, הט ער בעגעגנט א יונגעמאן וואס הט געוואהנט נישט ווייט פון סאסוב און א דארף, דעם יונגענמאנ'ם פרנסה איז געוועזן, ער פלעג קומען אין שטאדט אביין האלץ האקען, פון דעם פלעג ער זיך מוט זיין ווייב ערנעהרען. די וואך גראדע הט ער זיך נעבוך ארום געדרעהט א גאנצע וואך אין שטאדט און הט קיין גרייצער נישט געפונען ווי צו פערדיענען, ערשט פרייטאג נאכמיטאג הט אויף איהם השי"ת רחמנות גהאט, און הט איהם צוגעשיקט א פערדיענסט און האט אין א גיטער שעה ביי האלצהאקען מוט אמאל פערדיענט זעקס גרייצער, הט ער זיך נעבעך דעם פערדיענסט און זיין גדאנקען פערטיילט. פר צוויי גרייצער צו קויפען צוויי חלות קליינע לכבוד שבת, פר צוויי גרייצער ויין אויף קידוש, און פר צוויי גרייצער צו קויפען לעכט לכבוד שבת, געהענדיג אזוי מוט זיין געדאנק אהיים צו קויפען דו דריי זאכען, בעגעגנט איהם דער רבי ר' משה ליב ז"ל, וואס ער איז איהם גאנץ אונבעקאנט און פרעמד געוועזן, און זאגט צו איהם יונגערמאן, ווען זאלסט מור קויפען א גלעזעל מה"יא פר צוויי גרייצער־זאג איך דור צו אז וועסט האבן עולם הבא, דר יונגערמאן הט זיך א מינוט מישב געוועזן און זיך בעקלעהרט דו גמרא זאגט שבת מעין עולם הבא [שבת איז נור אבישעל אפערגלייך צו עולם הבא] וואס קען זיין אז איך וועל אראב נעמען פונ'ם שבת צוויי גרייצר און איך וועל פר די טאקי עולם הבא אלייז איינהאנדלען, וועל איך דאך מעהר מציאה קויפען, און הט באלד

זיין

זַיין גוטע מַחֲשָׁבָה בֶּעפֶאלגט, און הָט דֶעם רֶבִּי רמ"ל ז"ל גְקױפְט פַר צְוֵויי גְרַייצֶר א גְלֶעזִיל טְהֵייא, הָאסט מִיךְ פָּשׁוּט בַּיים לֶעבּען עֶרהַאלטען — זָאגט דֶר רבי רמ"ל ז"ל צו אִיהם, נוּר וֶוען זָאלְסט מִיר נָאךְ א גְלֶעזֶעל טְהֵייא קױפֶען, וָואלט איךְ דיךְ גְבֶּענְשְׁט מִיט אַ כַּךְ בְּרָכוֹת און מוּט אַ כַּךְ יְשׁוּעוֹת, הָט זיךְ וַוייטוּר דֶר יוּנְגֶערְמַאן אַ מִינוּט מְיַשֵׁב גְוֶועזען, ווי לָאזְט מֶען אַזַא גְרוֹסֶע מְצִיאָה אַוֶועק? אַזויפִיעֶל בְּרָכוֹת פַר צְוֵויי גְרַייצֶער, — איךְ וֶועל נָאךְ דִי מְצִיאָה אויךְ הַאנְדְלֶען — זָאגט דֶר יוּנְגֶערְמַאן צוּ זיךְ אַלֵיין, און הָט אִיהם דָם צְוֵויטֶע גְלֶעזֶעל טְהֵייא גֶקױפְט — הָט אִיהם תֵּיכֶף דֶר רֶבִּי ר' משה ליב ז"ל, אַזוֹי ווי עֶר הָט אִיהם צוּגְזָאגְט — גְבֶּענְשְׁט, אִיהם מוּט זַיין גַאנְץ בְּנֵי בַּיִת מוּט אֵלּוּ מִינֵי הַצְלָחוֹת, ישועות, און ברכות, — וֶוען זָאלְסְט מִיר נָאךְ דָם דְרִיטֶע גְלֶעזֶעל טְהֵייא קױפֶען, — זָאגט אִיהם וַוייטֶער דֶר רֶבִּי ר' משה ליב ז"ל, וָואלט איךְ דיךְ גְבֶּענְשְׁט מוּט בְּרָכוֹת אויף דוֹרֵי דוֹרוֹת, — דָם קֶען איךְ שוֹין נִישְׁט טְהוּן בשום אוֹפֶן — הָט אִיהם דֶר יוּנגֶערְמַאן גְעֶנְטְפֶערְט, דֶען איךְ מוּס הָאטְשֶׁע וֶועניגְסְטֶענס פַר צְוֵויי גְרַייצֶער לֶעבְּט אַהֵיים בְּרֶענְגען לכבוד שבת, דֶר רבי ר' משה לֵיבּ ז"ל הָט אִיהם גְבֶּענְשְׁט מוּט אַלֶערְלֵיי ברכות, און הָט אִיהם אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן בֶּעוּמְסְט עֶפִּים אַ שְׁטִיקֶעל פֶערְמֶעגֶען און דֶר הֵיים, יָא־הָט אִיהם דֶר יוּנְגֶערְמַאן גְעֶנְטְפֶערְט איךְ הָאבּ אַ קוּה אין דֶר הֵיים, וָוס הָאבּ פוּן אִיהר אַבִּיסֶעל מִילְכִיקְס אין שְׁטִיבּ, — דִי קוּה זָאלְסְט דוּ פֶערְקױפֶען — הָט אִיהם דֶר רֶבִּי רמ"ל ז"ל גְזָאגט און זָאלְסְט אַהֶער אי"ה זוּנְטָאג אַרַיין קוּמֶען פַיין אָנְגֶעטְהוּן, אין דַיינוּ שַׁבָּתְדִיגֶע קְלֵיידֶער, דָם גֶעלְד פוּן דֶר קוּה זָאלְסְט מוּט דִיר מוּטבְּרֶענְגען, און זָאלְסְט מִיךְ זוּכֶען אין מַארְק דֶערְנָאךְ וֶועסְטוּ זֶעהְן מַיין הבטחה וָוס איךְ הָאבּ דִיר צוּגֶעזָאגְט, און מוּט גָאט'ס הִילְף מַיינוּ בְּרָכוֹת וֶועלֶען דיר מקויים וֶוערֶען און וֶועסְט אי"ה דוּרְךְ דִי בּרכות אַ גְרוֹסֶער עוֹשֶׁר וֶוערֶען, דֶר יוּנְגֶערְמַאן בַּיי זַיין אַהֵיים קוּמֶען הָט עֶר זַיין וַוייבּ אַלֶעם עֶר־צֶעהְלְט וָוס מוּט אִיהם הָט זיךְ הַיינְט פַּאסִירְט, זָארְג דיךְ שוֹין גָאר נִישְׁט מַיין וַוייבּ הָט עֶר צוּ אִיהר גְזָאגְט איךְ בּוּן שוֹין אַ נָגִיד ב"ה און דוּ אַ נְגִידָה און אוּנְזֶערִי קִינְדֶערְלִיךְ נְגִידִישֶׁע קוּנְדֶער, נוּר דִי קוּה מוּס איךְ פֶערְקױפֶען — וָוס זָאגְסְטוּ? וָוס רֶעדֶעסְטוּ? הָט צוּ אִיהם זַיין וַוייבּ גֶעשְׁרִיגֶען, בִּיזְט דוּ מְשׁוּגָע אָדֶער פֶערְרִיקְט? אַ קוּה וֶועל איךְ דִיךְ לָאזֶען פֶערְקױפֶען! דָם בִּיסֶעל מִילְכִיקְס אִיז אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבֶּען! און מִי יוֹדֵעַ וָוס דֶר מֶענְשׁ וֶועט דִיר נָאךְ הֵייסֶען טְהוּן מוּט דִי פָּאר רֵיינִישׁ פוּן דֶר קוּה? אֶפְשַׁר וֶועט עֶר זיךְ נָאךְ הֵייסֶען אַוֶועק גֶעבֶּען דִי פָּאר רֵיינִישׁ — און וֶועט דִיר דֶערְפַאר מוּט בְּרָכוֹת גוּט בֶּעצָאהְלֶען? און איךְ ווייס אַז דוּ וֶועסְט אִיהם זִיכֶער גֶעבֶּען, איךְ וויל אָבֶּער זֶעהְן וָואס פוּן דֶעם וֶועט זַיין — הָט אִיהר דֶר מַאן גֶעעְנְטְפֶערְט — אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ סוֹחֵר מִיךְ פְרֶעגֶען אוֹיבּ איךְ וויל דִי קוּה פֶערְקױפֶען וֶועל איךְ וִויסֶען אַ סִימָן אַז עֶס אִיז מִן הַשָּׁמַיִם, נָאךְ אַ סִימָן מַאךְ איךְ מִיר — אוּנְזֶער קוּה וַוייסְט דוּ אִיז וֶוערְט צְוֶועלְף רֵיינִישׁ איךְ וֶועל בַּיים סוֹחֵר פֶערְלַאנְגֶען צְוֵויי און פֶערְצִיג רֵיינִישׁ אַז עֶר וֶועט מִיר גֶעבֶּען פִּינְקְטְלִיךְ דָם גֶעלְד, וֶועל איךְ פֶערְקױפֶען, און וֶועל וִויסֶען זִיכֶער אַז דָם אִיז

מן השמים, דאן וועל איך אלדינג טהון אזו ווי דער יוד הט מיר גזאגט, וינטאג גאנץ פריה קומט אריין א סוחר־פרעמדער איהם וואס האסטו גוואלט יונגערמאן ביי מיר פר דיין קוה — צוויי און פערציג רייניש — הט איהם דר יונגערמאן תיכף געענטפערט אפשר וואלסטו דו עפים נאכגלאזט — הט איהם דר סוחר א פרעג געטהון, ניין! אפילו קיין ווענקעליל אויך נישט — הט איהם דר יונגערמאן געענטפערט, דער סוחר הט מיט איהם קיין סך טענות נישט גמאכט, און איהם מסלק געוועזן פאלע צוויי און פערציג רייניש, דר יונגערמאן הט שוין געזעהן אז די ברכות זענען נישט קיין פוסטע ברכות געוועזן, און הט תיכף ווינטאג ווייטער געטהון אזוי ווי מען הט איהם גזאגט, אנגעטהון זיך די בגדי שבת, די סומא געלד אין קעשענע מיט גנומען, און איז זיך אין שטאט אריין אריינגעגאנגען, ער זוכט דעם יוד אויפ'ן מארק און הט איהם נישט געקענט געפונען, דרעהענדיג אזו אויפ'ן מארק הט ער געזעהן רעדלעך מענשען שטעהן, און געהן, מ'שמועסט מ'טענה'ט גשמאק, הט ער א פרעג געגעבן וואס איז דא עפים אזא געדעבטור שמים, הט מען איהם גזאגט ס'דארף זיין א ליציטאציע אויף א פסעסיא, (גיטס־פאכטונג), הט ער זיך מישב געווען אנ'עושר בין איך דאך שוין ב"ה, איך וועל אויך געהן אויף דר ליציטאציע — הט ער צו זיך אליין אין זיינע גדאנקען גערעדט, בשעת ליציטאציע הט ער אויך שטארקען חשק בעקומען און איז אויך געווארן א ליציטאנט, ארויסהאבענדיג זיינע צוויי און פערציג רייניש פון דר קעשענע און זיי אלס קויציאן בעלייגט און הט לאנגזאם אנגעהויבן ווי דר שטייגער איז ביי א ליציטאציע, צו טרייבן דם גשעפט אין געלד אריין, די פריצים וואס זענען אויף דעם גשעפט גגאנגען האבן איהם גוואלט געבן הונדערט רענדליך ער זאל אבטרעטן, דם גשעפט נישט אין געלד אריינצוטרייבן, הט ער נישט געוואלט, טראכטענדיג ביי זיך איך בין אזא עושר ווי זיי זענען, אפשר לויט מיינע איינגעקויפטע ברכות נאך א גרעסערער פון זיי, די פריצים הט דו זאך זעהר שטארק פערדראסן, זיי האבן פון זיין פנים זיין ארומען צושטאנד בעמערקט, און האבן פערשטאנען אז ער וועט נישט האבן אפילו די קויציאן צו ערגענצען, ביים פערטראג שליסען, דאדורך האבן זיי זיך אלו בעשלאסן זיי זאלן דעם יוד צו לאזן די פיסעסיע, און דר נאך וועלן זיי זאגן דעם ליציטאציאנס־אנפיהרער ער זאל זיין בעפעהל ארויסגעבן—אז בוז אפאר שעה מוס ער דם גאנצו געלד פארויס בעלייגן, און אז נישט, איז זיין ביסעל קויציאן פערפאלן, און דר יוד לויט זיין פנים ווייזט אונז אוים — האבן די פריצים געזאגט, וועט בודאי נישט האבן דם געלד צו בעלייגן וועט זיין ביסעל קויציאן פערפאלן געהן, דערנאך וועלן מיר צונעמען די פיסעסיע אזוי ווי מיר וועלן פערשטעהן, די פריצים הבון אזוי געטהון, און אונזר יונגערמאן איז אין א גיטער שעה פסעסער געווארן דם גשעפט איז גגאנגען פינף אין צוואנציג טויזנד רייניש, האטשי דם גשעפט איז א מציאה געוועזן זעכציג טויזנד רייניש, איז איהם אבער זייער ביטער געווארן, הערענדיג וואס דער ליציטאציאנס־אנפיהרער הט אויסגערופן אז

נאכמיטאג

נאכמיטאג בוז זייגער איינס מוס ער די העלפט געלד מסלק זיין אונ די צווייטע העלפט אונ צעהן טאג שפעטר; טאמער ברענגט ער נישט קיין געלד בוז זייגער איינס אוז זיין קויציאן פערפאלען; אלו פריצים זענען זיך געגאנגען אונ האטעל מיטאג עסון; דער יונגערמאן בשעת ער הט ארויסגהאפט פון זיין קעשענע די פאר רייניש אלס קויציאן צו בלייגון הט ער נאר פערצוג רייניש ארויסגהאפט; אוז איהם אונ זיין קעשינע צוויי רייניש איבערגבליבן, א גביר אוז ער דאך שוין; צוויי רייניש הט ער נאך אונ זיין קעשענע אוז ער זיך געגאנגען אונ גאסטהויז א מיטאג עסון; גרוסין בטחון אן השם יתברך הט ער דעמאלט בקומען טראכטענדיג און זאגענדיג צו זיך גאט וועט בודאי העלפון, נור בשעת מיטאג עסון אוז איהם פארט פערשיידענע גדאנקון אויף זיין זינן דורכגלויפון וים האב איך גטהון? — הט ער ביי זיך גקלערט, מען הט מיר גוואלט הונדערט רענדליך געבון! ביי אזא יוד ווי איך בון; א פרמעגן געלד! וים האב איך גטהון? ארוים געגאסון ריין וואסער אונ אצונד האב איך נישט אפילו קען אומרייניס, באלד הט זיך אונ איהם זיין בטחון — גדאנק געשטארקט, און הט זיך דערמאנט אן דעם יוד׳ס ברכות — זיינע ברכות זענען נישט פוסטע — הט ער צו זיך גרעדט ער מוס בודאי זיין א גרויסער צדיק, פלוצים און מיטון זיינע פערטיעפטע גדאנקון קומט צו איהם צו דער הוידזוירטה — זאגענדיג צו איהם גייט זייט מוחל אום צווייטן צומער עפעס א גלח אוז גקומען וים פרעגט אויף אייך — ווי איז דער יוד ווים האט היינט ערהאלטן די פיקעסיע אויף ליציטאציע? האב איך איהם גזאגט אז איהר זענט דא הט ער גבעטון איך זאל אייך צו שוקן צו איהם ער הט מיט אייך נעטהיגעס צו שמוסון; אונזער אונגערמאן אוז זיך אריין געגאנגען צו דעם גלח זאגענדיג צו איהם איך בון דער יוד וים האב די פיקעסיע ערהאלטון! איך האב דיר עפים א דבר סוד צו דערציילון — הט איהם דר גלח גזאגט; איהר מעגט מיר דער ציילון ווים איהר ווילט, הט איהם דר יונגערמאן געענפערט, זאלסט ווימין, האט איהם דר גלח ווייטור גזאגט, אז איך האב איך גוואלט געהן אויף דער ליציטאציע נור ווייל איך בון א גלח טאר איך נישט לויט מיין גזעטין; לכן בעט איך דיך אז די ווילסט וועל איך צו דור זיין א שותף און איך וועל דם גאנצו געלד אין געשעפט אריין לייגון; נור די זאלסט מיר נור א כתב געבון און מיין האנד אז איך בון א שותף, דעם יונגנמאן אוז לעבטוג געווארון און זיינע אויגון און האט זיך מישב געווען אבסול, דער נאך האט ער דעם גלח געענפערט די און איך, מיר ווייסון און פעשטייען ביידע אז אזא געשעפט אזא גרוסו מציאה טרעפט זיך נישט אלע טאג, די פערשטעהסט גאנץ גוט אז דאם געשעפט האב איך בילינער מיט אסך טויזענדער גנומון; על כן אז די ווילסט מיר צו געבון אפאר טויזענד רענדליך וועל איך מיט דיר שותפות שליעסון; דער גלח הט קיין סך טענות מיט איהם נישט גמאכט, און הט איהם צוגעגעבון א פאר טויזענד רענדליך, און הט איהם גגעבון דם גאנצו געלד וויפיעל דר פאכטציגו הט בטראפון; און דר יונגערמאן הט איהם א געזעלשאפטס־



פערטראג

פערטראג אונ זיין האנד געבן; די אלו פריצים ווען זיך צונויפגעקומען נאך מיטאג כדי אבסולוט אבצושפעטן פון דעם יודעל דעם נייעם גוטס-פעכטער ווי ער ער ווערט געוויס אנדאי קומען אבווייזן זיינו ארומע פערצוג ריינוש; אבער ווי ערשטוינענד ווען זיי געבליבן שטעהן — אז זיי האבן פלוצים דערזעהן דעם יודעל אנקומענדיג מיט קאראש, זאגענדיג צום ליצטאציאנס-פיהרער אויך וויל נישט נאך אפאהל אונ צעהן טאג קומן אהער, נור צוגענד וויל אויך דעם גאנצן בעטראג מסלק זיין; ארויסהאפענדיג די גאנצע אפותיקי פון זיין קעשינע, און מקיים דבור געוועזן: און האט אין א גיטר שעה פערטראג גשריבן; די פריצים אלו ווען ווי דערשלאגענע געבליבן שטעהן און ווען נעבוך וועהר טרויריג אהיים געגאנגען; דאגעגען דם יודעל איז זיך וועהר לוסטיג און לעבענדיג געגאנגען און מיטן גאנג הערט ער א גרוים נייעם געשריי דר גרויסר גלח (וואס איז זיין שותף געווען) איז פלוצים געשטארבן אויף וועהר א געפעהרליכער אנשטעקענדער קראנקהייט; אלו דאקטורים האבן זייער געמאכטען קאנסיליום בשלאסן; מען זאל דעם גלח אזוי בגראבן און די וועלבע קליידער וואס ער איז און זיי געשטארבן כדי עס זאל חיו קיין שום מעגש פון זיין קראנקהייט נישט אנשטעקיג ווערן; ממילא אז אונזער יונגערמאן האט דם דערהערט איז שוין זיין שמחה פערפולט געווארן; טראכטענדיג ביי זיך אליין איז די נשמה ריין; דם שיתוף האב אויך שוין אויך פטור געווארן, ובפרט פון דעם געשלאסענעם שותפות האט קיין שום מענש נישט געוואוסט און דעם שטר שותפות וואס איז און זיינו קליידר געוועזן קלעהרט ער ביי זיך איז און קבר גוט און טיעף בגראבן געווארן! געהענדיג אזוי אונ זיין הארץ ווערט וואס א מינוט וואס אמינוט פולער מיט שמחה, בגעגנט איהם דר יוד וואס האט איהם די ברכות פר די צוויי גליעזליך טהעע געגעבן, האט ער זיך וועהר מיט איהם געפרייט, מזל טוב! מזל טוב! האט צו איהם דר רבי ר' משה ליב א געשריי געגעבן ווען זאלסט מור געוועזן קויפן דם דרויטע גליעזול טהעע אזו ווי אויך האב דור געזאגט וואלט דור געוועזן די הצלחה גרויסער אנקומען; וואלסט נישט געווען בדארפט האבן די פאהר שעה עגמת נפש; נור וואס ס'איז געוועזן איז שון פרפאלון פאהר שוין אהיים צו דיין ווייב זו זאל שוין וויסן דעם סוף פון דער קוה; אונ דער יונגערמאן איז תמיד א גביר עצום געוועזן, און פלעג שטענדיג קומען צום רבי ר' משה ליב ז"ל; זי"ע ועכי"י אבי"ר:

## ר' פייווישיל באלשעווער'ס ערשטע נסיעה צום רבי ר' משה ליב ז"ל

דאס האט ר' פייווישיל באלשעווער ז"ל אליין דערצעהלט, איך בין תמיד געפאהרן צום הייליגן רבי ר' אלימלך קיין ליזענסק ז"ל; נאך זיין הייליגן הסתלקות ווען ער איז זיך געגאנגען אונ גן עדן עליון בין איך נעבוך געבליבן אהן א רבי, האב איך מור אבגעקלעהרט און אנגעהאלטן צו פאהרען קיין סאסוב צום הייליגן רבי ר' משה ליב ז"ל; געווישן מיינו גוטע געדאנקן איז אויך ווי דער סדר איז דר שטן מיט

זיין

# שבחי רמ"ל

דיין עצה אויך פאר מיר געקומען זאגענדיג צו מיר, פייוויש! עס פאסט נישט פאר אזא צדיק ווי דו ביזט נאך דיין הייליגען רבי'ס פטירה צו פאהרען צו איין אנדערן צדיק, ובפרט אזא אלטער שלאפער מענש ווי דו ביזט, און אין דרויסען איז אזא שטארקער ווינטער א שניי מיט א פראסט אויף 30 גראד און אלו וועגן זענען בחזקת סכנה; ווארט האטשו וועניגסטענס ביז עס וועט ווארם ווערן דערנאך וועסטו פאהרן; אויך האב אבער פארשטאנען אז דאס איז דעם שטן'ס ווערטער. און האב דיין עצה גאר נישט געוואלט צו הערן. און האב אויף גאר נישט געקוקט און בין תיכף געפאהרען; אויפ'ן וועג איז מיר אנגעקומען אנגעקומען קלעהרעניש טאמער איז גאר מיין גאנצע מיהע אומזיסט, ווייל דער רבי ר' משה ליב פלעג כמעט תמיד ארום פאהרן, אפשר איז גאר דער הייליגער צדיק נישט אין דער היים; דער געדאנק האט מיר גאר דעם גאנצן קאפ מיינעם צערשרויפט, און פון באלד מיט טרויריקייט און מיט מרה שחורה פול געווארן איך דער שטן האט דיין געדאנק מיט ארבייט איינגעגעבען און דער שליטען האט זיך מיט מיר איבערגעקעהרט, און איך ליעג שוין אין א טיפען שניי קוים וואס דער קאפ שטעקט מיר ארויס, ליגענדיג אזוי און דעם טיפען שניי קומט פלוצים צו מיר צו א יוד, און האט מיך פון דעם טיפען שניי ארויסגעשלעפט, און האט באלד ארויסגעכאפט א ביסיל בראנפן און האט מיך ממש מחיה מתים געווען, ביים לחיים טרינקען האב איך ערשט דער קענט דאס יוד דאס איז געווען ר' הירשילי זידיטשובער ז"ל — וויא דאסט דוא דיך דא פלוצים גענומען, טייערער גוטער ברודער — דוא זאלסט מיך פון דער צרה ראטעווען? — האב איך איהם נפרעגט — הער אויס פייוויש'ל ברודער! סערגע קרוין! די דרכים פון אונזער הייליגען רבי ר' משה ליב, איך זיטץ שוין עטליכע וואכען ביים רבי ר' משה ליב אין סאסוב אזוי ווי מיין סדר איז תמיד ביי איהם לאנגע צייטען צו פערברענגען כדי זיך עפעס פון זיינע הייליגע מעשים טובים אבצולערנען; תמיד לאזט ער מיך זיצען ביי איהם וויפעל איך וויל נור, אבער היינט פלוצים האט ער מיך ארויסגעטריבען — זאגענדיג צו מיר הירשילע! תיכף זאלסט דו אהיים פאהרען — נור ווייסט דו ווי אויך מיין תיכף טאקי אין דעם מאמענט אין דער רגע, האב איך מיך ביי איהם גבעטען רבי טייערער ווי אזוי זאל איך אין אזא קעלט פאהרען? לאזט מיך חאטשי אויסווארטען ביז דער שטארקער פראסט וועט ברעכען — ניין טאקי נור תיכף זאלסטו פאהרן, און דער רבי ר' משה ליב איז אליין תיכף ארויסגעגאנגען און האט מיר שוין א געשפאנטען שליטען צו געבראכט, און אויך האב דורך דיין בעפעהל שוין געמוזט פאהרען, דו זאך איז ביי מיר זעהר וואונדערבאר געווען נור ווי איך בין גקומען אין מיטן וועג און האב דיך פייוויש'ל ברודער געזעהן שטעקן אין שניי — האב איך שוין פערשטאנען פארוואס דער רבי האט מיך ארויסגעטריבען — דווקא תיכף צו פאהרן, דען ווען איך זאל געווען מיט א מינוט שפעטער קומען העטסטו געווען אויסגעפרוירן געווארן, ר' הירשעלי זידיטשובער האט זיך שוין מיט ר'

פייוויל

פיוושלען צוזאמען קיין סאסוב אומגעקערט ביי זייער אנקומען קיין סאסוב האט ר' פיוושיל ווייטער ערצעהלט אז עס גקומען צום רבי ר' משה ליב א בריעף פונ'ם היילוגן באררדיטשיווער ז"ל ער זאל פאר איהם מתפלל זיין ווייל ער איז נעביך זעהר קראנק, אייך איז געשטאנען אין דעם בריעף אז דר רבי ר' משה ליב זאל איהם אין זינען האבן בשעת טאנצון פרייטאג צו נאכט'ס, ביי מור — האט ר' פיוושיל ערצעהלט איז דם טאנצון א נייע עבודה געוועזן האב איך מיך פארעטיג געמאכט צו זעהן דם טאנצון פונ'ם היילוגן רבי ר' משה ליב — פרייטאג צו נאכט'ס האב איך געזעהן — האט זיך דר רבי ר' משה ליב אנגעטהון א פאר נייע טייערע פאנטאפעל און האט גטאנצט, האב איך געזעהן ממש אין יעדער תנועה פון זיין טאנצון היילוגו פארכטערליכע יחודים, כמעט זיין גאנצו שטוב איז פול געווארן מיט ליכטיגקייט מען קען זאגון די גאנצו פמליא של מעלה האט מיט איהם גטאנצט דר מענשליכער שכל הגשמי קען דם גאר נישט משיג זיין די"ע אבי"ר:

## דאס בעהאלטענע רעבעריא!

פון א דארף נעבן סאסוב ווענן אג'אשה מקשה לילד" (א יודענע ווס איז שווער צו קינד גאנגען) האט מען געשיקט א שליח צום רבי ר' משה ליב קיין סאסוב ער זאל פר דר יודענע רחמים בעטן, דר שליח האט דעם רבי ר' משה ליב נישט געקענט פערזעהליך, אנגעקומען איז דר שליח קיין סאסוב זייגער צוויי ביי נאכט, אין דרויסן איז געווען א גרויס פינסטערניש ממש חושך! איינער האט דעם אנדערן נישט געזעהן, נור איין שטיבול האט דר שליח בעליכטעט געזעהן אין דר גאנצער שטאדט. — דם איז געוועזן דעם רבי ר' משה ליב'ס שטיבעל! דען ער איז שוין ווי זיין סדר איז געוועזן פון לאנג חצות אויפגעשטאנען דר שליח האט קיין אנדרע ברירה נישט געהאט און איז צו דעם שטיבעל פערפאהרען, און האט אנגעקלאפט אין פענסטער — מאכט מיר אויף! דר רבי ר' משה ליב האט איהם תיכף אויפגמאכט — אפשר איז דא — ביי אייך א גאספאדע איבערצוגעכטיגען האט דר שליח גפרעגט? — יא! האט איהם דר רבי ר' משה ליב געענטפערט און האט איהם תיכף צו גבראכט א טרונק בראנפון דם ערשטי ער זאל איהם מחיה זיין, און האט איהם דעם שליח גפרעגט — מיין ליעבער יוד! וס טהוט איהר דא? וס ווענט איהר א העער גקומען? צום רבי ר' משה ליב בין איך גקומען א שליח פון דעם דארף ווענן א מקשה לילד איך בדארף בייטוג געהן אצונד צום רבי ר' משה ליב — ווי ווט איהר געהן אין דעם פינסטערניש אצונד זייגער צוויי ביי נאכט האט איהם דר רבי רמ"ל גזאגט — עסט עפיס אב קודם און לייגט אייך שלאפן. איך בין ביים רבי א חשוב, גאנץ פריה וועל איך מיט אייך אריבער גיין צום רבי און וועל פר אייך אלעם שמועסן ווט שוין אלעם רעכט זיין דערציילט מיר נור ווי אזוי די יודענע הייסט אויך איהר מאמעס נאמין, דר שליח האט איהם אלעם ערצעהלט און דר רבי ר' משה ליב האט איהם צו גבראכט עסן און האט איהם אויפגעבעטעט א געלעגער, דר שליח האט זיך געלייגט און גשמאק

גשלאפן

גשלאפן, אין דר פריה חאפט זיך אונזר שליח אויף פונים שלאף ועהר קרעכצענדיג, רעדענדיג צו זיך אליין, וואס האב איך געטהון? געשיקט האט מען מיך אזא נעטיגע שליחות צום רבי, ווער וויס נעביך וואס די יודענע טהוט? און איך האב געזעסען און גשלאפען און דעם רבי'ס פנים אפילו נאכנישט געזעהן. אז תיכף דר רבי ר' משה ליב אריין גגאנגען צו איהם, זאגענדיג: שרעקט אייך גאר נישט! איך בין שוין גאנץ פריה גגאנגען פון אייערט וועגן צום רבי האט דר רבי גזאגט אז די יודענע האט שוין א בן זכר גהאט צו מזל ע"כ מעגט איהר שוין אהיים פאהרן, וויל איהר האט שוין אין אייער שליחות מצליח געוועזן, דר שליח איז תיכף גגאנגען איינשפאנען און אהיים פאהרן, ערשט ביים ארויספאהרן פון דר שטאט איז עהר געוואהר געווארן אז ער איז טאקי ביים רבי ר' משה ליב אליין געוועזן, און דר רבי האט איהם אליין בעדיענט כדי מקיים צו זיין מצות הכנסת אורחים זי"ע אכי"ר:

## דער גליקליכער וואסערפיהרער:

דר רבי ר' משה ליב ז"ל סאסיווער, האט גהאט אויף זיך א חוב קדוש צו פאהרען יעדע וואכע צו זיין טאטי קיין בראדי אויף אפאר שעה מקיים צו זיין כבוד אב; דאס ערשטעמאל אין דר פריה האט דר רבי ר' משה ליב ז"ל דערזעהן שטעהענדיג ביי זיין פענסטער, שמואל ליב וואסערפיהרער, פאהרענדיג מיט זיין פאר פערדליך וואס זענען נעבוך קוים גקראכן, אויבן געשטעלט צוויי ברייטע הילצערנע פעסער אויפגלאדן; — ווי פאהרסטו שמואל ליב אזוי פריה וואסער פר דיינע אבגעדינגענע בעלי בתים — קוים נור אריין צו מיר האט דר רבי ר' משה ליב א געשריי גטהון, אז דר רבי רופט מוז מען געהן! — דר ר' שמואל ליב איז תיכף אריינגעקומען, — דו ווייסט שמואל ליב אז איך האב נאך די וואך קיין כבוד אב נישט מקיים געווען! דו מוזט דא ביי מיר די פעסער אבגיסן און ארויפלייגן אפאר ברעטער וואס ליגן ביי מיר אין הויף — פר דראבינעס, און מיט מיר תיכף פאהרן קיין בראד איך זאל כבוד אב מקיים זיין, יא רבי טייערער! האט ר' שמואל ליב געענטפערט דעם רבי ר' משה ליב — וואס וועלן די בעלי בתים מיינע זאגן, די ווייסט זיי שפעטער דאס וואסער ברענגן האט דר רבי איהם געענטפערט, און פאהר טאקי שוין, דר ר' שמואל ליב האט שוין נעביך קיין סך קשיות נישט גמאכט די פעסער אבגלייגט, די ברעטער פר דראבינעס תיכף ארויפגלייגט, דר רבי איז מיט איהם קיין בראדי גפאהרן, האט זיך דארט ביים טאטי אפאר שעה געזוימט און באלד צוריק קיין סאסוב אהיים גקומען בשלום, דר ר' שמואל ליב האט דעם פעקיל אריין גטראגן — פרעגט איהם דר רבי ר' משה ליב וויפיעל קומט דיר שכר עגלה? וויפיעל דר רבי זאל לעבען וועט געבן וועל איך נעמען — קיין געלד גיב איך דיר נישט שמואל ליב! נור א ברכה וועל איך דיר געבען האט איהם דר רבי אנגעפער געגעבען — א ברכה רבי לעבן איז ביי מיר נאך טייערער פון געלד האט איהם ר' שמואל ליב תיכף געענטפערט;

דער אוים די ברכה — שמואל ליב! האט איהם דער רבי ר' משה ליב גזאגט, די זאלסט מעהר קיין נאסור צו די בעלי בתים נישט פיהרען, נור פיהר אליין די צוויי פערדליך אין דיין שטאל אריין — פאר נאכט זאלסט די אליין געהן און שטאל אריין וועסטו טרעפון איין פערדיל טויט, וועסטו דיין פעל אבשינדען און פערקויפון, פון די גרייצערים זאלסטו שבת מאכון, אויך אם ירצה השם מארגון אין דער פריה וועסטו דעם אנדערן פערדיל טרעפען טויט זאלסטו אויך אזוי טהון נור די פאר וועקסערליך זיי די וועסט אבליזון זאלסטו צו מיר ברענגון וועל איך דיך שוין ראטען וואס זאלסט מיט דעם געלד טהון, לעת עתה זארג דיך גאר נישט, עס וועט אלעס מיט גאט'ס הילף גוט זיין, דער ר' שמואל ליב איז געבליבן פערביטערט און פערפינסטערט אהיים גגאנגען. א גוטע שכר עגלה האב איך מיר ביים רבי פערדינט היינט, א טייערע ברכה האט ער מיך מכבד געוועזן, האט ער צו זיך אליין אהיים גייענדיג גרעט; ווער שמיסט אז עס איז געקומען פארנאכט און דער ערשטער מופת איז געראטון; האט ער זיך שוין אייף דעם אנדערן גרעכט. און מארגן פריה איז ער האט נעבעך אזוי גטראפון ווי דער רבי האט אבגעזעגט האט ער שוין גוויסט פון דער אנדערן נבלה דעם רבי די פאהר וועקסערליך אבטראגון און ווי ער האט איהם אנגזאגט; אריינקומענדיג צום רבי האט ער א זאג געטהון: שמואל ליב! גיב אהער די פאהר וועקסערליך, און ווינטאג וועסטו קומען וועל איך דיר שוין זאגען וואס די זאלסט ווייטער טהון; אזוי ר' שמואל ליב האט שוין קיין דעם שבת מוצאי שבת'ס נאכט צו נאכט'ס האט ער נעבעך נישט געקענט שלאפון; אוים ניי-געריגקייט ער זאל שוין דערלעבון דעם ווינטאג צוהערין וואס דער רבי ר' משה ליב וועט איהם הייסון ווייטער טהון? ווינטאג תיכף נאכדעם דאווענין איז דער ר' שמואל ליב גגאנגען צום רבי די גוטע עצה פון איהם צו הערין ווי אזוי ער זאל זיך היינט א נייע פרנסה פערשאפון, טאקי גאך ביי זיין ערשטען איינקום צום רבי; האט איהם תיכף דער רבי ר' משה ליב א זאג געטהון: גייה אין מארק אויפ'ן פלאץ אין דעם ערשטען מעקלער וואס וועסט טרעפון זאלסט איהם זאגען ער זאל פון דיינעט וועגען אויפזוכען א קרעטשמע צו דינגען, און פרעג נישט קיין סך נור געה שוין; אנשטאט וואס אזוי ר' שמואל ליב האט זיך פאר'ן געשטעלט דעם רבי'ס עצה אז ער וועט אודאי ביי זיינע חסידים צוגויף נעמען פון דיינעט וועגן א פאר רייניש ער זאל זיך געבוך אנדערע צוויי פערדליך קויפון, האט איהם דער רבי גאר אן עצה געגעבן ער זאל א קרעטשמע דינגען; וואס א קרעטשמע דארף האבין קאפציע האט'ש דם וועניגסטע הונדערט רייניש: און אפשר פערלאנגט דר פריץ פאר'ן ערשטען קווארטעל פאראהיניין איז שוין בודאי גוט; און דער ווייל האט ער נישט קיין צוויי גרייצער אויף א ברייטיל, נור אנדערע ברירה האט ער גהאט אז דער רבי האט נישט גלאזט קיין סך טענות מאכון נור שוין געהן, מן הסתם האט דר רבי גוויסט וואס ער האט גזאגט, האט צו זיך ר' שמואל ליב גייענדיג און מארק אריין גרעט ביז ער איז אויפ'ן פלאץ געקומען און האט תיכף ריכטיג א מעקלער גטראפון

טראכט

טראכט פון מיינט וועגן א קרעטשמע צו דינגען האט דער ר' שמואל ליב צום
מעקלער געזאגט, צייט—ווען האסטו דיין וואסערפיהרעריי אוועקגעלייגט? און וויא
האסטו אזוי בגלוקט וואס זוכסט שוין א קרעטשמע צו דינגען? און ווילסט א רענדאר
ווערין — האט איהם דער מעקלער גפרעגט; איך האב נישט בעגליקט נור פער-
אונגליקט דו פערדליך וועגן ביי מיר געפייגערט — האט מיר דער רבי גהייסן;
א רענדאר ווערין; אזוי האט רבי שמואל ליב דעם מעקלער געענפערט; לויט דער
אנטווארט; האט זיך תיכף דער מעקלער אנגערופען — אויב אזוי! האב איך פון דיינט
וועגן וועהר א גוטע קרעטשמע, דו דארפסט נישט קיין געלד דאזמן צו דעם געשעפט
דער פריץ וועט דיר נאך — קען זיין — דעם ערשטן יאהר געלד צו געבן; נור דעם
גאנצן אמת מוס איך דיר דערציילן; אז און דער קרעטשמע וויפיעל רינדארים
האבן געפריוט זיך און איהר אריין ציעהען האבן נעביך דם יאהר נישט אויס-
געלעבט; די קרעטשמע פערשטעהט איך קענסט דו לויט דיין פערשטאנד דינגען —
איך וויים אליין גאר נישט צו טוהן אהן דעם רבי'ס עצה און לויף צום רבי אז ער
וועט הייסן בין איך דאבי— האט איהם ר' שמואל ליב געענפערט; באלד איז ר'
שמואל ליב שוין מיט זיין תשובה אנגעקומען פונ'ם רבי; יא! — האט ער א געשריי
געטהון צום מעקלער, ס'איז גוטאבט! דער רבי האט מסכים געוועזן, נור דר רבי האט
מיר אנגזאגט דו תנאים; ערשטענס זאל דער פריץ פיין אויסריכטען די קרעטשמע,
צווייטענס, זאל ער זו מיר אויף דריי יאהר געבן אהן דאמע, דריטענס, ער זאל מיר
צו געבן 50 רייניש אויך זאל דאס ערשטו מאהל האבן אויף בראנפן; דער ר'
שמואל ליב האט שוין ביי זיך גהאט דו מאר ווערטעליך פון דער קבלה וואס דר רבי
האט איהם אצונד צוריק געבן; ער מיט דעם מעקלער האבן גדינגען א פוהרעל און
זענן תיכף אריין גפאהרין צום פריץ; און ווייל דער פריץ האט געוואלט פון דער
פיקסו קרעטשמע אנשעפט מאכן האט ער זיך אויף דו אלו פונקטען נאכגעגעבן,
און מען האט און א גוטער שעה פערטראג געשריבן און אונזר ר' שמואל ליב האט
זיך אונג א גוטער שעה אריינגעצוגן — און דער קרעטשמע און האט זעהר שטארק
מצליח געוועזן, מיט גזונד, און מיט ברכה והצלחה, ער איז דארט אזוי געזעסן
בהרחבה גדולה זיבן יאהר, און האט אלו מאהל דעם רבי ר' משה ליב אריין
געבראכט אבוסול מליחוק'ס מיט פאר רייניש א פדיון. — אויפ'ן אכטן יאהר געהט
דער ר' שמואל ליב צום פריץ ווייטר דינגען די קרעטשמע האט איהם דער פריץ
געענפערט — איך האב שוין פערדונגען — פארוויפיעל געלד? וועמן? האט שמואל ליב
אלין גפרעגט, — דער פריץ האט איהם אבער נישט געוואלט ענטפערן; דער ר' שמואל
ליב האט זיין אלטו קגולה צו די צרות אפיהרגענומען; און איז תיכף אריין גפאהרין
דערצעהלון דעם רבי ר' משה ליב ז"ל, דער רבי האט איהם אויסגהערט און האט
איהם די ווערטער פון הלשון געענפערט מיר זאגן אלו שבת צו נאכטס "בלי צוקה
בלי פרץ און יוצאת ואין צוחה" געה גזונטערהייט האב נאר קיין מורא נישט עס

זייגען

וועט אלים גוט זיין; אונזער ר' שמואל ליב חאטשו ער האט דעם רבי'ס ווערטער
גאר נישט פערשטאנען פון דעסוועגען איז ער ליכטיג געווען; אז דער רבי זאגט עס
וועט גוט זיין איז בודאי אמת ויציב ונכון וקים וישר; ער איז צוריק אהיים
געפאהרען און האט זיין בני בית די גוטע בשורה דערצעהלט, פון טאג צו טאג
האט דער ר' שמואל ליב מיט זיין בני בית געהאפט אויף דעם גיטקייט — אט היינט
אט מארגען קומט די ישועה ואין קול ואין עונה, — מען וועהט נישט מען הערט נישט
קיין גוטע בשורה, נור איין קול! אזוי ווי עס איז געווען, געדיגען פערפאלען, די עולים
האבען שוין אין קרעטשמע אנגעהויבען צו שטיפען נאך אין א פאר טאג בעקומען מיר
שוין אנייעם רינדאר ביי די נייע ווערטער הערענדיג — האט ווידער ר' שמואל ליב
דערמאנט דער רבי האט דאך פארט מיר צו געזאגט, און איז באלד נאכאמאהל צום
רבי קיין סאסוב אריין געלאפען — רבי וואס טוהט מען? נאך אין 8 טאג בעדארף
שוין דער נייער רינדאר איבערנעהמען — האט דער ר' שמואל ליב ביים שלום נעמען
צום רבי געזאגט, האט דער רבי ר' משה ליב ווייטער געזאגט די ווערטער "בלי צוחה
בלי פרץ אין יוצאת ואין צוחה" — פאהר אהיים שמואל ליב, און וועלסט היכף
איבערגעבען צום פריץ — וואס דער פריץ וועט זאגען — איך ווייס מיר גאר קיין עצה
נישט צו געבען, איך האב גרויס חרטה וואס איך האב בעליידיגט דעם פריץ וואס ער
האט אפגעשטעלט געוועלט אין סאסוב ער קומט אלו מאהל צו מיר ווך אברעגין
פאר סחורה וואס מען נעמט פון מיין הויף ביי איהם האט ער מיך עפעס ביי מיין ווארט
ערווישט, איך האב מיך ערשט בערעכענט די וואכע מיר פון מיין קרעטשמע א לייט
גמאכט, נאא מהייער געשפאט געמאכט, און ווי יונגע דער פריץ האט דאס געשעפט פאר זיין
קינד געדינגען אפשר וועט ער גאר די קרעטשמע פערדערבען אזוי ווי די רינדארים
וואס זענען פאר דיר געווען, אוי! וויי! וואס טוהט מען? וואס זאל איך טוהן? — זאלסט
די דעם פריץ אזוי זאגען איך האב איין עצה — ביי א שטאט יוד ווייסט דו גאנץ
גיט וואס ביי איהם איז חשוב — א פאר ווערעליך קארטאפעל, א וועקיל פאפאלים, א
ביטעל ארבעס, א צווי מאות קרויט, א וועקיל אוגערקעס, א וועקיל מיליא מעהל, ביי
דיר פריץ לעב איז דאס פאר דיין ווארט א קליינער ווערטה, און ביי דעם פריץ וועט
דאס א גרויס חשיבות זיין, און ער וועט דיר בודאי מוחל זיין נור איהר פריץ לעבען
זאלט מיר מיט געבען דעם פערטראג וואס איז ביי אייך, וועל איך איהם דעם פריצין
אבגעבען, און וועל זייך בודאי דעם פערטראג וואס איז ביי איהם אבברענגען, און אז
וועסט בודאי דו אלו זאכען נעמען ביים פריץ זאלסטו די פיהר מיט די זאכען ביי מיר
אבליגען און פון מיר וועסט ארויפטראגען צו דעם פריץ אז ער וועט דיך נור דער-
זעהן וועט ער אויך אזוי זאגען — אוי וויי וואס האב איך געטוהן? אזא קרעטשמע וואס
פיעל רענדארים האבען דארט דאס יאהר נישט איבערגעלעבט. ווי קען איך מיין קינד
אהין אריין שטעלען? צו וואס האט מיר דאס געטויגט? אבער שמואל ליב! וואלסט דו
געקענט זעהן דער פריץ זאל מיך פון דעם פערטראג ארויסלאזען? זאלסט די איהם

זאגן יא! איך קען מיך אונטערנעמען נור מיט ליידיגע הענד קען איך צום פריץ נישט קומען גיב מיר מיט — דיין פערטראג און דאצו א פאר הימעל צוקער, א פאר קילא קאווע, א פאר פונט טהיי, און נאך אזוינע זאכן פון דיין געשעפט — וואס פערשטעהסט אז ביים פריץ וועט דאס זיין א חשיבות, וועל איך פרובירן צום פריץ געהן מיט דער מתנה און איהם צוריק געבן דיין פערטראג מיין איך מיט השי"ת הילף אז איך וועל דיר זאגן ביי איהם פועל'ן ער זאל דיר דיין פערטראג צוריק געבן און דוך פון דעם געשעפט ארויסלאזן — ס'איז געמאכט! — ווען דער פריץ דיר בודאי ענטפער'ן זאלסטו דאס אלעס גיב ברענגען צו מיר, דער נאך זאלסטו אב געבן דעם פריץ פרצ'ס פערטראג און שרייבן איך דיר פערטראג מיטן פריץ דער נאך וועסטו קומען אין שטאט אריין און אבגעבן דעם פריץ דעם פערטראג פונ'ם פריץ. דער רבי שמואל ליב האט אזוי אלעס פינקטליך געטהון און אלעס איז אזוי פינקטליך געשעהן אזוי ווי דער רבי ר' משה ליב האט איהם געזאגט דערמאלט האט ער שוין דעם שפראך פונ'ם רבי ר' משה ליב גוט פערשטאנען "בלי צוחה" (אהן געשריי) בלי פרץ (אהן פרץ דאס הייסט דו קרעטשמע וועט זיין אהן פרצ'ן פרץ וועט אין איהר נישט אריין קומען) "אין יוצאת" (דו וועסט פון דער קרעטשמע נישט ארויסגעהן) "ואין צוחה" און בעדארפסט גאר נישט שרייען. — דער ר' שמואל ליב האט נאך דעם רבי ר' משה ליב'ס הסתלקות זיך געדונגען א פעסטע געבן סטרעליסק און פלעגט קומען אלע שבת צו נאכט'ס צום הייליגן סטרעליסקער און פלעגט איהם מוזן דערציילן די גאנצע מעשה א יעדן שבת צו נאכט'ס, און דער הייליגער סטרעליסקער פלעגט ביי דעם דערציילן זייער לאכן, האבן די חסידים אמאהל געבעטן דעם ר' שמואל ליב ביי זיין ארויסגעהן פונ'ם הייליגן סטרעליסקער ער זאל דערציילן וואס דער שמועס איז מיט איהם אלע "שבת צו נאכט'ס און דער רבי לאכט אזוי, האט ער זיי דערציילט די גאנצע מעשה אזוי ווי אויבען שטייט, ודי"ע אכי"ר:

## שין תחת בן! א צאהן פאר א קינד!

עס איז אמאל צום רבי ר' משה ליב ז"ל געקומען א יוד מיט זיין בקשה וועגן א מקשה לילד (א יודענע וואס איז שווער צו קינד געגאנגען) האט ער דעם יוד אויסגעהערט, און פלוצים האט דער רבי ר' משה ליב א געשריי געטהון צום גבאי לויף געשווינד צום רופא ווייל די ציין האבן מיך מיט א שטארקער ווייטיג אנגעכאפט, עס האט קיין סך נישט געדויערט איז באלד דער רופא געקומען און האט תיכף דעם רבי רמ"ל אקוק געטהון אין זיין מויל פרעגענדיג איהם — דער איז דער צאהן וואס טהוט אייך וויי? יא! — האט תיכף דער רבי רמ"ל איהם געענטפערט, דער רופא האט דעם צאהן נור וואס ארויס געשלעפט האט דער רבי רמ"ל ווייטער א געשריי געגעבן — איך האב מיך א פנים טועה געווען דער צווייטער צאהן טהוט מיך וויי נעם געשווינד דעם אנדערן ארויס; דער רופא האט תיכף דעם אנדערן צאהן ארויסגעצויגן; דערמאלט האט זיך ערשט דער רבי

ר' משה ליב צו דעם יוד פון דער מקשה לילד־בקשה אויסגערעדט ואגענדיג צו איהם, פאהר אהיים דיין ווייב האט צו מזל א צווילינג געהאט צוויי יונגליך זאלן לעבן; מזל טוב ! מזל טוב ! עס איז כדאי געוועזן משה ליב זאל זיך צוויי ציין ארויסנעמען פאר צוויי יודישע נפשות מיט זייער מאמי, משה ליב'ן אז די צוויי ציין פעלען איז ער דער זעלבער משה ליב, אבער אז א יודיש נפש פעהלט איז גלייך ווי עס פעהלט א גאנצע וועלט אזוי ווי די גמרא זאגט "כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא" (דער וואס ערהאלט איין יודיש נפש איז גלייך ווי ער וואלט א גאנצע וועלט ערהאלטען); (אגב, אין דער תורה אז איין ארויסנעמען איז א סגולה צום קינד־האבין; דען די תורה זאגט "שן תחת שן" און עס איז דא אין אלף בית ווען ווערט געשריבען א"ת ב"ש פערבייט זיך א שין פאר א בית איז שון גלייך ווי עס שטייט אין דער תורה שן תחת בין א צאהן פאר א קינד וי"ע :

## א ווארט איז טייער !

דער סדר פונ'ם רבי ר' משה ליב ז"ל איז געוועזן, אז מען האט איהם מכבד געוועזן מיט סנדקאות, איז ער ביז בינפאגען מייל געפאהרען; הגאון ר' מאיר'ל בראדער האט דעם אנדערן ווייב געהאט, און זי האט איהם יעדעס יאהר א בן זכר געבוירען, נור "כאשר בא כן ילך", (פון וואנעט דאס קינד איז געקומען אהין איז דאס תיכף געביך צוריק געגאנגען) אמאל ווען זי האט א בן זכר געבוירען זענען צו דער רביצין ר' מאירל'ס אריין געגאנגען דעם רבי ר' משה ליב'ס חסידים פון בראד, — זאגענדיג צו איהר — ווילט איהר אונז פאלגען, זאלט איהר זעהן דער ר' משה ליב זאל דא זיין אויפ'ן ברית מילה, וועט אייער קינד לאנג לעבן; דער בראדער רב ר' מאיר'ל איז אהיים געקומען פונ'ם דאווענען, האט תיכף די רביצין איהם געזאגט, איך וויל דעם קינד נישט געבען צום ברית ביז דער רבי ר' משה ליב וועט זיין אויפ'ן ברית, און האט אויף די ווערטער געשווארען; האטשע דער רבי מאיר'ל איז געביך א מתנגד געוועזן פון די לאנגסטיגע מתנגדים — ער האט זיך אבער קיין עצה נישט געקענט געבען, און האט געמוזט מכבד זיין דעם ר' משה ליב מיט סנדקאות, דעם טאג פונ'ם ברית איז דער רבי ר' משה ליב געקומען; דעמאלט איז א גרויסע ווינטער קעלט געוועזן און דער רבי ר' משה ליב איז זיך פאר'ן דאווענען געגאנגען אין טייך טובלין, דער נאך האט ער זיך געוואשען די הענד און איז דער צ"א נאך געגאנגען אין שוהל אריין דאווענען וואס דארט ווערט קיינמאהל נישט געהייצט, פיעל מענשען זענען אויף דעם הויפ'ס גלייכען קוקען ווי אזוי מען געהט אין אזא פראסט פון דעם טייך גלייך אין שוהל אריין, דארט האט ער זיך ווי זיין היילגער דרך איז געווען אנגעדער געזעצט אויף דער באנק, און געדאווענט שטילערהייט קוים זיינע ליפען האבען זיך גערוהרט נור ווי ער איז אויפגעשטאנען נעבעך דוד האט מען געזעהן אז א שווייס האט איהם בעזעצט גלייך ווי ער זאל פונ'ם שוויצבאד קומען; דעם קינד בעזהי"ש פאריך ימים געוועזן און דאס

קינד

קינד איז אויסגעוואקסן הגאון ר' יחזקאל מיכל דער קריידרב פון בראד אמאהל איז פאר פסח האט מען דעם רבי ר' משה ליב מכבד געווען מיט א סנדקאות אויף צעהן מייל ווייט פון מאסוב און דער ברית איז אויסגעקומען אום ערב פסח. צוריק אהיים קומען איז שוין אוממעגליך געווען פאר דעם רבי משה ליב איז רעכט געווען צו האלטן פסח אונ איין אנדערע שטאט; נור זיין רעביצין האט דו זאך שטארק בעריהרט, — ווס בין איך זינדיגער פון אלע יודישע קינדער אלז מאנין קומען אהיים אויף פסח און דו לאזט מיך נאר איבער? — איך לאז דיך נישט פארן אים ערב פסח בשום אופן — האט דו רעבעצין צו איהם געזאגט; דיינט אויף דעם ברית מעג אנ' אנדערער סנדק זיין; יא! רעביצין מיינע ביזט גערעכט; נור זאלסט וויסן אז איך פאר נושט אויף דעם ברית היינט, ביזט דו נישט מעהר מיין רעביצין — האט איהר דער רבי ר' משה ליב ז"ל אנ' ענטפער געגעבן; פארוואס איז מיין שטראפע איז גרויס? האט איהם ווייטער דו רעביצין געפרעגט, — איך וויל דיך נישט שטראפן נור עס מוז ממילא אזוי אויסקומען — האט איהר דער רבי ר' משה ליב געענפערט; דען פארוואס ביזט דו מיין רעביצען; און אז פערלאנגסט געלד גיב איך דיר מיין לעצטן גרייצער; פון זייט דער חתונה האסט דו מיך שוין א שווערער פערמעגן איבער גקאסט? דם אלעס אונ נור דורך איין ווארט וואס איך האב דיר א ווארט געזאגט "הרי את מקודשת לי" — און דם איז גאר נישט קיין וואונדער, דען עס דארף אזוי צו זיין, אז א יוד זאגט א ווארט, בדארף ביי איהם זיין ווארט הייליג זיין אמת וצדק; היינט אז דו בוזט מיין רעביצין דורך א ווארט, און אז איך וועל היינט מיין צוזאגט ווארט אויף דעם ברית צופארון־ברעכן, און איז דאך מיין ווארט קיין ווארט נושט ביזט דו דאך שוין אוים רעביצין; דען אזוי ווי דאס ווארט ווערט גבראכן ווערט דאך דיין ווארט וואס האב דיר געזאגט "הרי את" אויך גבראכן; ווארען פארוואס זאל דם ווארט ווס האב דיר גזאגט שטארקער זיין פון אנ אנדער צוגזאגט ווארט? ווי זו האט דו ווערטער געהערט האט זו איהם שוין גלאזט פאהרען; וד"ע:

## גוטע קינדער איז דער בעסטער תכלית:

אמאל איז דר רבי ר' משה ליב געוואהר געווארן פון זייער א טייערן אידלען יונגען מאן אין בראד אז מען האט איהם געמאכט אונשולדיג אין קרימינאל אריינבעקומען, און ער איז געבוך מיט ווהר א שווערען אורטהייל אויף אפאר יאהר קרימינאל פערארטיילט געווארן, דם געפיהל פון דר גרויסער ברענענדיגער מצוה פדיון שבויים האט זיך און דעם רבי ר' משה ליב ז"ל דערמאלט זעהר געמארקט, טראכטענדיג און קלערענדיג איז ער געלאפען אהער דר שטיב הין און צוריק, און צו זיך אליין גרעדט — ווס מוזט מען? ווס פאר אנ עצה געפינט מען עפים דעם יונגענמאן צו רעטון? באלד האט ער א בעפעהל געגעבן ניין נבאי ער זאל אריבערפאהרון קיין בראד — דארט איז געווען איינער א קצבייונג ווהר א שטארקער מענש ער האט

געקענט מויערן איינברעכון, און דערצו איז ער געוועזן א רייזקאנט אז ער האט מוט זיין לעבן ריזיקירט און זיינ׳ס האט ער תמיד געמוזט אויספירען, האט דר רבי ר׳ משה ליב ז״ל אנגעזאגט דעם גבאי ער זאל צו איהם נור דעם קצב־יונג ברענגון — דר גבאי איז תיכף געפאהרון און איז מוט דעם קצב־יונג תיכף געקומון. — ווס פערלאנגט איהר עפ״ס רבי לעב פון מור — האט תיכף דר יונג דעם רבי ר׳ משה ליב ז״ל ביי זיין אנקומון א פרעג געטהון, — איך האב צו דור א בקשה זאלסט מור דעם יונגענמאן פונ׳ם קרימינאל ארויסבעקומון, און וויפיעל געלד דו פערלאנגסט פר דיין מיה וועל איך דור בעצאהלון — האט איהם דר רבי ר׳ משה ליב תיכף געענפערט, קיין געלד פר אזאלכע געשעפטון נעם איך נישט — נור אז איהר קענט מור רבי לעב געבון א קוויטיל איך זאל האבן אייער עולם הבא וועל איך מוך אונטערציעהען דו זאך אויסצופיהרען — האט דר יונג ווייטור אפגענפערט דעם רבי ר׳ משה ליב, נישט קיין סך געקלעהרט האט דר רבי ר׳ משה ליב תיכף דם קוויטיל אב געשריבון דען א יוד צו רעטון איז כדאי אפילו דעם עולם הבא צו פערקויפון׳ האט ער ביי זוך גטראכט, און האט תיכף דם קוויטיל דעם יונג געגעבון זאגענדיג צו איהם דם געשעפט איז אב געמאכט, אז דם געשעפט האט זוך יא אזוי גלייך צו געפיהרט איז א סימן אז עס איז טאקי געמאכט, און אז מען מאכט אב א געשעפט מוז מען טרינקון מאהריטש, קומט רבי לעב מוט מור און א שענק ארין לאמור מאהריטש צוזאמון טרינקען — האט דער קצב־יונג צום רבי ר׳ משה ליב געזאגט, דער רבי ר׳ משה ליב איז מוט איהם תיכף געגאנגון כדי עס זאל ווס וועניגער דויערן, דארט אין דעם שענק האט דר קצב־יונג געשאפט א גאנצן ליטער בראנפין אביסיל האט דער רבי ר׳ משה ליב ז״ל געטרונקון דם איבריגע האט דר קצב יונג אויסגעטרינקון און געשריען רבי דם געשעפט איז געמאכט. דער קצב יונג איז זיך באלד אהיים קיין בראד געפאהרון, און איז מוט א טאג שפעטער קיין סאסוב צום רבי צוריק געקומן — זאגענדיג צו איהר — רבי לעב! איך האב חרטה אויף אונזר אבגעמאכטן משא־ומתן׳ דען איך האב מיך גראטן מיט מענשון האט מען מיר ערקלערט אז דר עולם הבא איז נור — ווס די צדיקים זיצען אין גן עדן און לערנן תורה פון גאט׳ס מויל אליין און איך בין געביך א גראבער יונג וועל איך נור פון דעם עולם הבא גרויסע בושות ליידן צו ווס טויג מיר אזא געשעפט? — ווס דען פערלאנגסטו האסט איהם דר רבי ר׳ משה ליב געפרעגט. — איך פערלאנג רבי לעב איהר זאלט מיר געבון א קוויטיל אז איך זאל מוז מיר א שיינעם שידוך מהון, און זאל האבן גוטע קונדר תלמידי חכמים ווייל דם האט מען מיר ערקלעהרט איז פאר דעם מענש דר בעסטער תכלית — אז איך וועל איבער הונדערט יאהר גוטע קונדר איבער לאזון וועט מען מיר אויף יענער וועלט דעם גרעסטן כבוד אבגעבן — האט איהם דר קצב יונג געענפערט, דר רבי ר׳ משה ליב ז״ל האט ביי איהם דם ערשטע קוויטעל אב גענומן, און איהם באלד לויט זיין פערלאנגן דם אנדרו קוויטיל איבער־

געגעבן און האבן נאכאמאל מאהריטש א ליטער בראנפן געטרינקן אזוי ווי דם ערשטן מאהל; — זייט געזונט – רבי לעב ! דאס געשעפט איז אין א גיטער שעה אבגעמאכט ! נאך מארגן אי"ה ברענג איך אייך רבי לעב דם יונגערמאן; די אבמאכונג איז געווען פאר נאכט, אונזר קצב־יונג איז זיך אהיים געפארן קיין בראדי, און הט זיך געקויפט א ליטער ועקם און דרייסיג גערעדן בראנפן און איז טאקי נאך ביי נאכט גיגאנגן צום קערקר מייסטער קבאפענדיג ביי זיין פענסטער און זאגענדיג צו איהם מאך מיר אויף — די קענסט דאך מיך גוט, מיר טרינקן תמיד צוזאמען — איך בעדארף יעצט עפוס צו דיר פון דיין טובה וועגן; דר קערקר מייסטער הט נור דם גוטן ברודער'ס קול דערהערט איז ער תיכף ארויסגעגאנגען און איהם אויפגעמאכט – ווס איז נייעס גוטער ברודר ? — הט איהם דר קערקערמייסטער געפרעגט – גאר קיין נייעס ! שוין אנ'אלטע מעשה ! איך בין געוועזן דא אין דעם דארף האב איך דארט גטראפן אזא בראנפן ווס מיר האבן נאך קיינמאל אזא סחורה נישט פערזוכט, האב איינעם מוט געבראנגט א ליטער פון סחורה און בין איינעם געקומען צו דיר מיר זאלן צוזאמען פון דר טייערער סחורה זיך אונטערהאלטן — און די פלאש שטייט שוין אויפ'ן טיש — אהער צוויי גלעזלעך ! — איך קען דיר גאר נישט פארשטעלן גוטער ברודער נור דעם טעם פונ'ם גן עדן איז אין דעם ביסעל משקה – האלט דער קצב־יונג אין איינרעדן דעם קערקערמייסטער; ווי האבען ביידע פון דער סחורה אנגעהויבען ביסליכווייז צוא פערזוכען ביז דיא פלאש איז פון זיי בעליידיגט געווארן, און דער קערקער מייסטער איז פון דער משקה ביים טיש זיצענדיג האדט איינגעשלאפען ; אונזער קצב יונג האט לאנגזאם ביי איהם די שליסעל בעקומען, און איז זיך שטיל צו דער אבטיילונג ווי דער יונגערמאן איז געזעסן אריינגעקומען, און איהם ארויסבעקומען און איז מיט איהם באלד קיין סאסוב גוקומען און נאך אפאר שעה איז ער שוין אויף יענער זייט גרעניץ אריבערגעשטעלט געווארן, דר קערקערמייסטער הט פר בושה גאר נישט געטארט אויסזאגן נור ער הט זיך געאייסערט אז ער ווייסט פון גאר נישט ווי אזוי די זאך איז געשעהן, אונזר קצב־יונג הט זיך ווייטער זיין געשעפט געטריעבען און פלעג אויך צו א גרויסן גראף לעבון בראד אלו מאהל קאלב פלייש פון זיין אבער־קצב אבפיהרען, דר גראף איז געוועזן א שוואכור מענש און די דאקטוירים האבון איהם פעראָרדענירט אז ער מוז נור קאלב פלייש עסון צו זיין געזונדהייט, אמאל איז געוועזן אזא זאך ווס דר קצב הט בשום אופן קיין קעלבליך נישט געקענט בעקומען, און הט דם דעם גראף תיכף פערשטענדיגט, דר גראף הט צושיקט שלוחים תיכף צו אלו קצבים אין בראד יעדער הט איהם די זעלבע אנטווארט צוריקגעשיקט אז עס איז אונמעגליך אצונד א קעלביל צו בעקומון ; אונזר קצב־יונג דר וואהלער יונג הט זיך א דרעה געטהון אויף די דערפער און זיין וואהליונג שאפט איז איהם אויך אצונד געלונגען צו בעקומון פר זיין איינן געלד אפאר קעלבליך, און איז מיט די קעלבליך

גלייך

גליך צום גראף גגאנגען ווי דר גראף הט איהם דערזעהן — הט ער איהם גפרעגט דיין בעל הבית מיין קצב הט דאך מור בעפוילען אז עס איז אינמעגליך אצונד קעלבליך צו בעקומען און איך אלע אנדרע קצבים האבען מור דו אנטוואורט נאך מיינער הערוועגדונג צו זיי, געגעבען, ווי האסטו בעקומען? — פרעגט גאר ניט מייערער גראף! פון אייערט וועגען העט איך מיין לעבען געאפפערט. איך האב אלעס אנגעווענדעט פון אייערט וועגען, דען אייער לעבען איז ביי מור טייערער אלס מיין לעבען — הט איהם דר קצב־יונג געענטפערט, אויב אזוי! זאגזשע מור וואס קומט דיר וועל איך דיר בעצאהלען — וואס צאהלען? — אייער ערהאלטונג פון אייער לעבען איז ביי מור אזוי טייער אז איך וויל גאר ניט קיין געצאהלט, דר גרעסטער פערדיענסט איז ביי מור אז איך בין ווערט געוועזען ביי גאט — און ער הט מור געהאלפען אייך אייער וואונש צו ערפילען - הט איהם דר קצב־יונג געענטפערט, אויב אזוי אז איך האב יא אזא גיטען פריינד! — הט דר גראף ארויסגעהאפענדיג א בינד מיט נאמען פון זיין קעשענע אום געציילטע - צו איהם געזאגט, — פר דיין אויסערגעוועהנליכע געטרייהאפט צו מור וויל איך שוין ניט וויסען וויפיעל עס געבירט דיר נא־דא האסטו געלד איך וועל ניט וויסען וויפיעל נור דס איז גאט׳ס און דיינס, און מהיום והלאה ביזטו שוין מיין ליעבערגאט, וואריין דיך האב איך אצונד אנערקענט פר מיין אמתדיגען גוטען־פריינד, און וויער עס וועט מיט מור וועלן עפיס א געשעפט אבמאכען זאלסטו דר מעקלער זיין, אהן דיר טוה איך שוין גאר ניטש, די ביזט מיין פריינד! עס הט ניט לאנג געדויערט, איז דר קצב־יונג איז דורך דעם מעקלעריי א גרויסער חשוב געווארן אין שטאט ביי אלו גבירים, דען דר גראף הט מיט זיי אלו געהאנדעלט ער הט פערשידענע געשעפטע געהאט צום פארדינגען, און אלעס איז נור דורך דעם געטרייען מעקלער אבגעמאכט געווארן, אין א צייט ארום איז דעם קצב־יונג׳ס נאמען גאר אין שטאט פערגעסען געווארן ער איז דר ערשטער אנגעזעהענער מענש אין שטאט געווארן און מען הט איהם אלס פרנס חודש ערנענט דס הייסט א מאנאט׳ס פרעזידענט פר יודישען קולטוס אין בראד, ווי דר מנהג ביי יודען איז פריהער געוועזן יעדען מאנאט א פרעזידענט צו וועהלען, אלס פרנס חודש א בחור הט איהם שוין געפאסט דו שענסטע שידוכין פארצו שלאגען, ער הט חתונה געהאט מיט א גרויסער מיוחסת א גרויסען תלמיד חכם׳ס א טאכטער און הט מיט זיין ווייב געהאט קינדער גרויסע תלמידי חכמים דס איז דר נאך דו שענסטע פאמיליע אין בראד געוועזן און מיט דר פאמיליע האבען זיך גרויסע צדיקים משדך געוועזן, און ער הט ביי זיין לעבען געזעהן ווי די ברכה פונ׳ם רבי ר׳ משה ליב ז״ל איז מקוים געווארען אין דעם רבי ר׳ משה ליב׳ס קוויטיל איז ריכטיג און פינקטליך בעצאהלט געווארן, ז״ע:

## די לוסטיגע קבורה!

אמאהל האט דער רבי משה ליב ז"ל ווי זיין סדר איז געווען חתונה געמאכט צוויי ארעמע יתומים, און טאקע דער רבי איז געוועזן דער מחותן פון צד החתן אויך פון הכלה, ובשעת ער איז מיט דעם חתן און מיט דער כלה געגאנגען מיט כליזמר צו דער חופה, האט ער דעמאלט געזאגט הלואי ביי מיין אוועק געהן אויף דם עולם אמת זאל מען מוך אויך אזוי אבפיהרען מיט דעם זעלבען ניגון וואס מען שפיעלט אצונד ביי דער חופה, פון דער מעשה זענען א סך יאהרען פאראיבער די זאך איז שוין באלד געווען פערגעסען געווארען, ויהי היום: דער טאג פון דעם הייליגען צדיק'ס פטירה איז געקומען די שבט תקס"ז און דער עולם איז שוין מיט איהם געוועזן אויף דעם בית עלמין. — פלוצים זענען די זעלבע לאנגסטיגע כליזמר אצונד געפאהרן קיין בראדי אויף א חתונה האבען די פערד שטארק אנגעהויבען צו לויפען אזוי — אז מען האט זיי בשום אופן נישט געקענט איינהאלטען, און זענען געשפרינגען אובער טהאל און איבער בערג ביז זייא זענען מיט די כליזמר פערלויפען אויפ'ן בית עלמין אין סאסוב, די כליזמר האבען פלוצים זיך דערזעהן אויף א בית עלמין, און א גרויסן עולם אויפ'ן בית עלמין, און האבען באלד דערהערט אז דער ר' משה ליב איז נפטר געווארן האבען זיי זיך דערמאנט די מעשה וואס ער האט דעמאלט בשעת דער חופה זיך געווינשען אז מען זאל איהם אונ זיין איבערגער היים מיט דעם חופה-ניגון אבפיהרען און האבען זיך אויך דערמאנט דם זעלבע ניגונדיל וואס זיי האבען דעמאלט ביי דר חופה געשפילט, האט מען באלד א בית דין דאריבער געזעצט און מען האט געהייסן די כליזמר זאלען איהם אצונד דעם ניגון שפיעלען. די כליזמר האבען אזוי געטהון און ער איז לוסטיג און לעבעדיג אהיים געקומען וי"ע אכי"ר:

---

# חלק שני

## משיבת נפש

דם זענען די זיסע דיבורים און הייליגע ווערטער פון דעם הייליגען צדיק ר' משה ליב ז"ל האט ערקוויקען יעדין וואס הערט זיי לערנען בגוף ונפש און פפלאנצען אין אין יעדען יודישען הארץ טייערע און גוטע און קלוגע מדות וי"ע:

1) מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי ! פוּן יֶעדֶען זָאל מֶען זִיךְ לֶערְנֶען וֶוערְט מֶען קְלוּג ! עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגֶען דְרַייא זַאכֶען הָאבּ אִיךְ מִיךְ אוֹיסגֶעלֶערְנְט פוּן אַ גַנָב אוּן דְרַייא זַאכֶען פוּן אַ קְלֵיין קִינְד אוּן דִי זַאכֶען וֶועגֶען מִיר תָּמִיד צוּ נוּטְץ גְקוּמֶען : אַ גַנָב 1) גֶעהַט שְׁטֶענְדִיג מִיט פַּחַד 2) אוּן וָוס עֶר טְהוּט זַיין אַרְבֵּייט אִיז אַלְץ נוּר בַּיי נַאכְט 3) וָוס עֶר גַנְבֵיט אָהְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט; אִין דֶר פְרִיה פֶערְקוֹיפְט עֶר עֶס פַאר אַ קְלֵיינִיגְקֵייט; אַזוֹי בֶּעדַארְף יֶעדוֹר יוּד 1) תָּמִיד גֶעהֶען מִיט פַּחַד הַבּוֹרֵא עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא הָאבֶּען פַר גָאט ב"ה 2) דִי הוֹיפְּט אַרְבֵּייט זָאל עֶר אַרְבֵּייטֶען אוּן דִינֶען דֶעם בַּשֶׁעפֶר בַּיי נַאכְט בַּייהַאלְטֶען קֵיינֶער זָאל אִיהְם נִישְׁט וִויסֶען 3) הָאטְשִׁי עֶר הָט אַ גַאנְצֶע נַאכְט גֶעדִינְט גָאט ב"ה זָאל עֶר אִין דֶר פְרִיה פוּן דֶערְטְוֶוענֶען בַּיי זִיךְ זַיין גַאנְץ נִידְרִיג אוּן קֵיין פִּיטְשֶׁעלֶי גַאֲוָה נִישְׁט הָאבֶּען;

פוּן אַ קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶלֶערְנְט ; — פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגֶען — 1) אַ קִינְד אִיז תָּמִיד לוּסְטִיג; 2) אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶוערְט שׁוֹין בְּרוֹגֶז, בַּאלְד אִין דֶר זֶעלְבֶּער מִינוּט אִיז דָס שׁוֹין צוּרִיק אִיבֶּערְגֶעבֶּעטֶען אוּן גוּט, 3) וָוס עֶס ווִיל עֶפִּיס בַּיי דִי טַאטְי מַאמִי פוֹעֶלְין ווֵיינְט עֶס, אוּן דוּרְךְ דֶעם גֶעוֵויין מוּס מֶען אִיהְם אַלֶעס צוּלִיבּ טְהוּן; אַזוֹי דַארְף יֶעדוֹר יוּד 1) תָּמִיד נוּר פְרֵיילִיךְ זַיין אוּן לוּסְטִיג זַיין 2) אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִיהְם אַ צָרָה אוּן אַ נוֹיט אוּן עֶר וֶוערְט טְרוֹיעריג אוּן בְּרוֹגֶז בֶּעדַארְף עֶר זִיךְ בַּאלְד אִיבֶּערְבֶּעטֶען אוּן גְלֵייבֶּען אַז גָאט'ס רָצוֹן ב"ה אִיז אַזוֹי, עֶר זָאל אַלֶע יִסוּרִים מְקַבֵּל זַיין בְּאַהֲבָה, 3) וָוס עֶר פֶערְלַאנְגְט זָאל עֶר נוּר וֵויינֶען פַאר דֶעם טַאטְי אִין הִימֶל ב"ה וֶועט עֶר אִיהְם אַלֶעס הֶעלְפֶען דֶען עֶר אִיז אַ שׁוֹמֵעַ קוֹל בְּכִיּוֹת אוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא זָאגְט „שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת לֹא נִנְעָלוּ" דִי טְרֶערֶען טוֹיעֶרֶען וֶוערְן נִישְׁט פֶערְשְׁלָאסֶען ז"ע ; —

## צוּ וָואס נוּצְט דָאס אַפִּיקוֹרְסִים אוֹיף דֶער וֶועלְט !

אַלֶע מִדוֹת בַּדַארְף מֶען צוּ הָאבּוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט פְלֶעגְט תָּמִיד דֶער רַבִּי רמ"ל זָאגוּן אֲפִילוּ דִי מִדוֹת רָעוֹת אַלוּ שְׁלֶעכְטוּ מִדוֹת בַּדַארְף מֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיס־נִיצֶען צוּ גוּטֶע טְהַאטוּן לְמָשָׁל דִי מִדַּת הַשִּׂנְאָה (פֵיינְדְשַׁאפְט) בַּדַארְף מֶען אוֹיסאִיבֶּען צוּ דִי רְשָׁעִים, אַ רָשָׁע בַּדַארְף מֶען פֵיינְד הָאבּוּן וַוייל עֶר אִוּ אַ רָשָׁע; דִי קִנְאָה בַּדַארְף מֶען אוֹיסנִיצֶען אַז מֶען זֶעהְט תלמידי חכמים זִיצוּן אוּנ לֶערְנוּן גָאטֶס תּוֹרָה מֶעג מֶען זִיךְ אָן זַיי מְקַנֵּא זַיין זִיךְ אוֹיךְ נֶעמוּן פְלֵייסִיג לֶערְנוּן דִי הֵיילִיגוּ תּוֹרָה, דִי עֶרְגְסְטוּ מִדָּה „גַאֲוָה" וָואס קֶען שׁוֹין עֶרְגֶר פוּן דֶער מִדָּה נִישְׁט זַיין קוּמְט אוֹיךְ צוּ נוּטְעֶן צוּ נוּטְץ אוֹיף דֶער וֶועלְט לְמָשָׁל אַז אַ יוּד ווִיל גֶעהֶן נָאךְ צְדָקָה וָוס דָס אִוּ אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַז אִיהר קְרַאפְּט אִוּ דֶעם מֶענְשׁ מַצִּיל פוּנ'ם טוֹיט, דֶער יוּד מֶעג אֲפִילוּ תָּמִיד זַיין אַ בַּעַל גַאֲוָה דֶעמָאלְט אָבֶּער בְּשַׁעַת עֶר הָט חֵשֶׁק צוּ טְהוּן דִי גְרוֹסוּ מִצְוָה קוּמְט צוּ אִיהְם דֶער יֵצֶר אוּנ רֶעדְט אִיהְם אַיין וֶוער בִּיזְט דוּ ? וָוס בִּוִּזט דוּא ? דִי בַּרֶעכְוּן דוּךְ נוּר אַז אוּנ שְׁמָאט בִּיזְט דוּ דֶער עֶרְגְסְטֶער מְבוּזֶה מֶענְשׁ, אוּנ אַז

וועסט

וועסט דוך ביי דיר אליין גוט בטראכטן וועסטו זעהן אז עס איז טאקי אזוי דער אמת בוז דער יוד געבין וועט ביי זיך אזוי גלייגט אז ער וועט דעמאלט דער גרעסטער עני און בעשלוסט זיך ער זאל פון דער מצוה אבטרעטין — ואגענדיג צו זיך אליין — לאז געהן נאך צדקה א שיינער יוד אין שטאט, נישט איך; ווי קום איך דערצו! אז דער מענש האט אבער שכל בדארף ער דעמאלט די גרעסטע גאוה איינטצען און זיך איינרעדין אז ער איז דר גרעסטער שיינר יוד און שטאט; דאדורך וועט ער צו דר גרויסער מצוה צו קומען, און דערגרייכון צו אלו מצות ווי דער יצר רעד איהם אן ער זאל איין עני זיין, כדי ער זאל די מצוה וואס איז פר איהם צו גרויס, נישט טהון; זאל ער דווקא די גרעסטע גאוה דאצו בענוצין און די גרויסע מצוה יא מקיים זיין, אזוי ווי אין פסוק שטייט ויגבה לבו בדרכי ה' [א מענש מעג זיך גרויס האלטען פון גאט'ס וועגין] אויך די מדה אפיקורסית וואס דאכט זיך אז דעם בדארף מען שוין גאר נישט האבון צום יודישקייט פון דעסטוועגן האט דר היילגער רבי ר' משה ליב מיט זיין היילגין שכל געגעבון צו פארשטיין אז דעם ברענגט אויך זעהר א גרויסע נוטץ, און יעדער וואס הערט זיינע ווערטער מוס צו געבון אז עס איז אזוי אמת וצדק און ער מיט זיין היילגער חכמה האט פאלקאם רעכט, למשל אנ' ארומאן קומט צו א יוד ער זאל איהם שטיצען און איהם וואס מעגליכעס בעהילפיג זיין דעמאלט מאכט דר יצר פון דעם יוד א צדיק און רעט איהם אן אז ער איז דער גרעסטער חסיד און גוט איהם דעמאלט צו פערשטעהן דעם גאנצן שער — הבטחון בוז דער יוד הייבט אן דעם ארומאן מיט מדת הבטחון מסלק צו זיין — זאגענדיג צו דעם ארומאן — האב בטחון דער גאט וועט העלפען דער גאנצער וועלט דער וועט דיר אויך העלפון — אז דר מענש איז אבר א קלוגער בדארף ער דעמאלט און זאג נאטהפאל ווי אויף דעם ארומאן איז; קיין חסיד שוטה נישט זיין; ער מעג דעמאלט די מדת הבטחון אבלייגן אוועקגעהרט אויף דער מינוט מעג ער אנ' אפיקורס ווערון און זיך פארשטעלן דעמאלט אז עס איז נישטא קיינר אויף דר וועלט ער זאל דעם ארומאן העלפון נור איך אליין און זאל זיך משתדל זיין מיט אלו קרעפטן דעם ארומאן צו העלפון פון זיין נאטהלאגע, דעמאלט ברענגט איהם דעם אפיקורסית צו דר גרעסטער אמונה און דורך אזא אפיקורסית קויפט ער זיך ביידע וועלטן און איין מינוט; ד"ע אבי"ר!

## פון וואס ער האט גלערענט אהבת ישראל:

"אהבת ישראל" ווי אזוי ליעב צו האבון א יוד פלעג ער תמיד זאגון האב איך מיך אויסגלערנט פון א דארפסמאן וואס איז געזעסון מיט נאך דארפס-לייט צו זאמען אין ווירטס-הויז און האבון צו זאמען גטרונקון; ווי ויי האבון זיך גוט אונטער גטרונקען זאגט איינר צום אנדערן — זאג מיר דעם אמת פריינד טייערר—האסטו מיך ליעב; אדער ניין? הט איהם דר חבר געענפערט די פרעגסט נאך א שאלה; אוודאי הב איך דיך ליב

אז האסט מיך באמת ליב מיין טייערער גוטער ברודער — האט ער איהם ווייטער געפרעגט ווייסט דו וואס מיר טהוט וויי ? ווייסט דו וואס מיר פעהלט ? ווייסטו דו מיינע צרות מיינע יסורים מיינע אלע ווייטיגען ? דארויף איז שוין זיין חבר שולדיג געבליבען א תירוץ, האט איהם ווייטער דער ערשטער געזאגט — ווי קענסטו דיך אויסדריקען אז דו האסט מיך ליב אז די ווייסט נישט וואס מיך טהוט וויי ? פון דעם האב איך מיך אבגעלערנט האט דער רבי רמ"ל ז"ל אויסגעפיהרט — אז אהבת ישראל מיינט מען מען זאל שפירען אלעס וואס א יוד פעהלט מען זאל מיט ליידען אלע צרות אלע יסורים פון א יוד דעמאלט קען מען זיך אויסדריקען אז מען האט ליב א יוד און מען קען ערשט דעמאלט אנגערופען ווערין אוהב ישראל, וי"ע :

## אויב עס געלונגט נישט צום ערשטען מאל דארף מען נאכאמאהל פראבירען :

אמאהל איז דער רבי ר' משה ליב ז"ל געפאהרן צוזאמען נעמון געלד וועגין פדיון שבוים [דאס הייסט יודען אויסלייזען פון זייערע צרות וואס האט דאמאלס אין דער צייט עקזיסטירט און ער האט נעבעך נישט געקענט די סומא געלד וואס ער האט בעדארפט פון דעם צוועק וועגין האבען — צוזאמען נעהמען; איז ער זעהר טרוריג צוריק אהיים געקומען — טראכטענדיג ביי זיך אין זיין הארץ — אומזיסט האב איך מבטל געווען פון תורה און תפלה און האב גאר נישט געפוילט; שוין פון היינט אן האט ער ביי זיך אבגעפאסט זאגענדיג צו זיך אליין — מעהר טהו איך שוין נישט דאס — מיין צייט אומזיסט מבטל צו זיין איך וועל שוין פון היינט אהן נור אין מיין היים זיטצען על התורה ועל העבודה; אין דעם זעלבען טאג האט זיך געטראפען א יודיל נעבוך א גנביל וואס האט נעביך געוואלט גנבנין און עס איז איהם נישט געלונגען, האט מען איהם נעבוך געהאפט און תיכף אין דער תפיסה איינגעזעצט דערצו האט מען איהם נאך גוט אנגעשלאגען אזוי אז ער האט געקענט האבען צו געדענקען; אונזער רבי ר' משה ליב וואס ער איז דער אויסגערופענער אוהב ישראל געוועזן; האט דאס דערהערט איז ער תיכף געלויפען אין פראטעקציע צום געריכט מען זאל איהם בעפרייען און האט טאקי ריכטיג געווירקט דורך זיין גרויסער פראטעקציע וואס ער האט געהאט און מען האט דאס יודיל תיכף פריי געלאזט אהיים־גייענדיג אויפ'ן וועג פרעגט איהם דער רבי ר' משה ליב ז"ל טהוט דיר גוט וויי פון די קלעפ וואס האסט אריין געהאפט נעבוך ? פאלג מיך און הוט דיך שוין פון היינט אן זאלסט נישט גנבנין : האט איהם תיכף דער גנב אנגעפער געגעבן פאר וואס נישט רבי ? אז כ'איז מיר איינמאהל נישט געלונגען זאל איך שוין מיין געשעפט גענצליך פערלאזען ? איך האפע דאס אנדרו מאהל וועט מיר שוין השי"ת העלפען אז עס וועט מיר יא געלונגען; ווי דער רבי ר' משה ליב האט די ווערטער פון דעם גנב דערהערט; איז ער שוין תיכף פון זיין אבגעפאסטען געדאנק "מעהר נישט צו פארן נאך פדיון שבוים" צוריקגעטרעטען; קלערענדיג ביי זיך איז וויינע געדאנקן דר גנב אז איינמאהל איז איהם נישט געלונגען האט ער דאביי

פיעל צרות געליטען אין ארעסט געזעסען; קלעפ געהאפט, וויפיעל עס איז איהם ליב געווען, און זיין גניבה געשעפט איז איהם, און יעדן פאר נישט אזא אויסגערופן־גיט־געשעפט בעקאנט; פון דעסטוועגן וויל ער זיך נישט אבלאזן און נאכאמאהל פראבירן, און האפט אז השי"ת וועט איהם דאס צווייטע מאהל מצליח זיין — איך משה ליב האב נור נישט צוזאמען געמאכט אין גאנצן די גאנצע סומא וויפיל איך בעדארף; געשלאגן ב"ה האט מען מיך נישט; אין ארעסט בין איך נישט געזעסען; דאס פדיון שבוים — געשעפט איז יעדן בעקאנט פאר א טייער געשעפט, א גיט געשעפט, אזא געשעפט וואס דאס קרן דער פון נעמט דר מענש מיט זיך מיט אויף יענער וועלט; בעדארף משה ליב אוודאי נאכאמאהל פראבירן און האפן צו השי"ת אז עס וועט איהם אצונד געלינגען; — ז"ע ועכ"י:

## א זאך וואס ביים ארומאן איז דס א קליינגקייט און ביים עושר וועהר א שוועריגקייט:

דר רבי ר' משה ליב ז"ל פלעג תמיד זאגן, — מדת הבטחון צו פערזיכערן זיך אן זיין ליעבען נאמן ב"ה איז ביים ארומאן וועהר גרינג, ווארין אנאנדערע בירידה הט ער? אין שטיב איז נישטא קיין שטיקיל ברויט, נאקיט און בארוויס געהט ער, א גרייצער ווי צו בעקומען ווייסט ער נישט: אן וואס דען זאל ער זיך פארזיכערן אז נישט אן דעם איינציגען בורא שמים וארץ ב"ה? דאדורך איז ביים ארומאן זיין בטחון וועהר גרינג צו בעקומען, דאגעגען אבור דר עושר וואס בעזיטצט א גרויס פערמעגען אין בארען, דאצו פיעל היזור, א סך פעלדור, און פיהרט גרויסע געשעפטע אים מאנאט יענער ביים בילאנצרעכנונג רעכינט ער זיך איבער אז ער זאל שוין פון היינט אן ביז און זיין טויט נאר נישט האנדלען און זאל ביז הינדערט און צוואנציג יאהר מאריך ימים זיין, הט ער שוין גענוג פון וואס צו לעבון, איהם דעם עושר קומט נעביך אן א פיצעלע בטחון מיט גרויס מיהע, דען ווי אזוי זאל ער קלעהרען אז אזא גרויס פערמעגען ווי ער בעזיטצט, און הט אליין מיט זיינע באמטען אבגערעכענט אז עס קען אויף קינד'ס קינדער פרנסה טראגן, און גאר ניכטס געפעהלט, און הט קיין איינציגען ווערט — זאל ער באמת פערשטעהן, און זאל נור זיך אן השי"ת פערזיכערן אז ער וועט איהם העלפן? דאדורך איז דעם עושר'ס בטחון וועהר א שוועהרער בטחון און אז דר עושר הט בטחון אן זיין ליעבען נאמן ב"ה איז דם טאקי דר אמתדיגער בטחון; נור ווי דר מנהג העולם איז, יעדע קונסט וואס איינער וויל דם אנדערן אויסלערנן, לערענט ער קודם נור דם פערגלייך צו דר אמתדיגער קונסט כדי ער זאל זיך געוויגען צו דר קונסט, און דרנאך לערענט ער איהם די ריכטיגקייט פון דר קונסט, אזו ווי למשל איין אנפענגער ביים שפילען אויף א פיעדעל לערענט מען איהם צו ערשט מאכן די טענע און דר נאך לאנגזאם לערענט ער זיך אויס ריכטיג און גיט א ניגון שפיעלען, אדער למשל שווימען אויף דם וואסר

בינט מען איהם אן, אין בידע זייטען צוויי בלאזען און עס דאכט זיך איהם נור אז ער שווימט! דערנאך ביסליך־ווייז ווערט ער אן אמתדיגער גיטער בעריהמטער שווימער, אבער דער שפיעלער וואס האט נור די טעגע ערלערנט דעסגלייכען דער שווימער וואס האט נור צו שווימען אויף בלאזען ערלערנט איז א שאדע געוועזן זיין צייט און זיין לערנען וויל ער האט גאר נישט ערלערנט, אזוי אויך האט דער רבי ר' משה ליב ז"ל געזאגט — רבונו של עולם! דו האסט מיך געוואלט מדת הבטחון אויסלערנען האסטו מיך קודם דעם פעריגלייך פון בטחון געלערנט על כן בעט איך דיך: מיט דעם גרינגען בטחון וואס דאס איז דעם ארומאנ'ס בטחון האב איך דיך שוין גענוג געדיענט, איך וויל די גאנצע אמתדיגע קינסט שוין ערלערנען, פּריוו מיך אויס און גיב מיר עשירות איך זאל דיך שוין מיט דעם אמתדיגען בטחון דיענען קענען: וי"ע אבי"ר.

## ווי ווייט ער האט מלמד זכות געוועזן פאר א יודס וועגען;

אז ער האט אמאל געזעהן די שטארקע דאווענערס וואס האבען געשמיסט ליצנות לשון הרע, רכילות, אין מיט'ן דאווענען אויך אמאל אפילו אין מיט קריאת שמע האט ער זיך אויסגערעדט מיט די ווערטער ״רבונו של עולם זעה נור דיינע יודען אפילו אין מיטען זייער שמים דאווענען ווי אויך אין שרייען שמע ישראל אין מיטען זייער טיעפסטען שמים פערגעסען זיי פארט נישט אן דיר, אז ער האט געזעהן גנבים וואס געהן גנבענען און גראבען זיך אונטער אונטערערדיש יענעם צו בעגנבענען האט דער רבי ר' משה ליב ז"ל אזוי גזאגט — רבונו של עולם! — זעה נור אפילו דיינע ערגסטע יודען די גנבים דעם פסולת פון דיין פאלק ישראל ווען ער שטעלט זיך איין זיין לעבען און געהט אונטערערדיש גנבענען פון דעסטוועגען זוכט ער פארט נישט קיין נפשות אומצובריינגען נור ער לאזט זיך בעגניגען מיט די ערווישטע פאר גולדען ער זאל האבען אויף שבת און אויף דיין פרנסה פון זיין בני בית וועגען; —

## א צדיק דארף נישט גאט ב"ה קיין גערעכט געבען;

א שכנה וואס האט געוואהנט נעבען דעם רבי ר' משה ליב האט נעבוך גהאט גרויס צער פון גידול בנים, דען איהרע קינדערליך זענען נעבוך קליינערהייט אויס געשטארבען, אמאל האט זי נעבוך זעהר יעמערליך געוויינט פאר דעם רבי ר' משה ליב'ס רעבעצין און אז דער מענש איז אין דער צרה הייסט ער נעבוך נישט וואס ער רעדט ע"כ האט נעבוך די יודענע אויך גערעדט אזעלכע רייד קעגען זיין ליעבען נאמען וואס מען טאר נישט, האט די רעבעצין אויף איהר זעהר געשריגען — א מענש טאר אזוי נישט רייעדען, מען דארף נור תמיד זאגען — דו גאט ביזט גערעכט אזוי ווי דו פיהרסט דיין וועלט אזוי איז גוט און מיר זענען אויך נישט ווערט די חסדים וואס דו טהוסט מיט אונז;

באלד ווי דער רבי ר' משה ליב האט זייער שמים דערהערט האט ער געשריי

געבען

געשען איך זאג נישט אזוי "מען טאר נישט געבן גאט גערעכט" אויף דעם שטייט "הקב"ה גוזר והצדיק מבטל" גאט אליין אמאל גוזר א שלעכטע גזרה און דער צדיק האט כח די גזרה מבטל צו זיין אויך אין דער תורה שטייט אזוי "לא תעשון כן לה' אלהיכם" דאס ווארט כן איז אמאהל טייטש גערעכט אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק "כן בנות צלפחד דוברות" (גערעכט רעדען די טעכטער פון צלפחד) אזוי איז דא אויך די מיינונג פון דעם פסוק "לא תעשון כן לה' אלקיכם" (איהר זאלט נישט מאכען גערעכט איער גאט) אדרבה איך זאג די יודענע איז געבוך גערעכט — וואס פאר א טענות האט דער רבונו של עולם צו איהר? איז זי דען נישט מחויב איהרע קינדער? צונד זי דען נישט אן קיין ליכט לכבוד שבת? שייד זי דען נישט אפ קיין חלה? מקיימט זי דען נישט אלע מצות וואס צו א יודענע געהער? פאר וואס קומט איהר געמיינער אזא צער גדול פנים? — זעהט דאך גאר נישט האט צו איהר דער רבי ר' משה ליב א גשמי'ע געטרויען די יודענע שוין האבען דאס יאהר א קינד זכר א בן של קיימא, עס איז ריכטיג אזוי געשען און זי האט זוכה געווען דעם קינד חתונה צו מאכען און דער רבי ר' משה ליב האט בייא דעם זיין געווען אויספייערענס זי"ע אכי"ר:

## וואס זענען די אויסגעשטעלטע תפלין?

דער רבי ר' משה ליב ז"ל איז אמאהל געפארען וועגען מצות פדיון שבוים און ווי דער סדר איז בייא יעדער גרויסער מצוה פאסירט דער שטן מיט זיינע שפיקולאציעס אין שטעלן פאר דעם עושה מצוה מכשול צו זיין פון דער וואהלטהאט אזוי ווי מיר געפינען אין די הייליגע ספרים אז אברהם איז געגאנגען אויף גאטס שליחות זיין זוהן יצחק צו ברענגען אויף דער עקדה האט דער שטן אללערליי שפיקולאציעס געמאכט אויך א גרויס וואסער האט ער געבויט מאכען — טאמער וועט ער אברהם אבינו קענען מבטל זיין פון דעם גאנג. אבער מאטי אברהם אבער וואס ער האט דעם הייליגען אייבערשטען משכיר אז ער איז נור דרייא יאהר אלט געווען שוין דערקענט — האט זיך פון דעם שטן גאר נישט געלאזט איבערפירען און האט די מעשי שטן גוט פערשטאנען און איז געגאנגען אין פייער און אין וואסער כדי מקיים צו זיין דעם רצון הבורא יתברך. אזוי איז אויך ביים רבי ר' משה ליב געשען פלוצים האט זיך געלאזט דערמאלט אויפן וועג א שרעקליכער שלאגרעגען — און דער רבי ר' משה ליב האט פון גאר נויטיג אוועג שמירת נפש געמאכט ווי פון דעם זענען זיינע טייערע תפלין וועגען איהם פארניכטעט געווארן — תיכף האט צו איהם דער שטן אין זיינע געדאנקען גערעדט. משה ליב! משה ליב! דער גייסט זום פאר א גנבים דעמען פון די פארלוירסט פון דייערט וועגען נאך פדיון שבוים — די גנבים זענען אין קאפען אויפיעל נישט ווערט וויפיעל זיינע טייערע תפלין און אפשר זענען די תפלין נאך מיט ישלום דורך דער נעץ פונם רעגען פסול געווארן און דעם קדאי פון אזעלכע גנבים וועגען טייערע הייליגע שמות פון די תפלין זאלען איבערגעגעבען ווערען? גאר נישט קיין ספק געקלערט האט זיך דער רבי ר' משה ליב

ז"ל אין זיינו גדאנקון א טייערו אנטוואָרט געגעבון — וואָס שטעהט דען געשריבון אין די פרשיות פון גאָט'ס תפילין — האָט ער צו זיך אַליין אין זיינו גדאנקון גרעט — ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ (דם הייסט אין גאָט'ס תפילין שטעהט נור געשריבון די שבחים פון זיין פאָלק ישראל) (ווי איז נאָך דא אזא איינציג פאָלק ווי דו יודין אויף דער וועלט) און נאָך כדומה אזעלכו פסוקים וואס בעלויבען נור דאס פאָלק ישראל — אזוי ווי ביי אונז יודין שטעהט נור אין דו תפילין דו איינהייט און דו ליעב פון דעם איינציגען בורא שמים וארץ אזוי אויך דאגעגען הט גאָט אין זיינו תפילין נור אנגעשריבען די ליעב פון זיין איינציג טייער פאָלק ישראל, אם כן ווענן דאָך דו יודין דו אותיות פון דו פרשיות פון גאָט'ס תפילין און אז זיי ווערן נעבוך געפאנגען און זייער חיות מוט זייער לעבון ווערט פון זיי אבגעמעקט יעדון טאָג אין דער תפיסה ביסלכווייז ווערון דאך דו אותיות פון תפילין אבגעמעקט — דאדורך איז כדאי משה ליב'ס תפילין זאָלען בעסור אבגעמעקט ווערון כדי גאָט'ס תפילין זאָלען גאנץ זיין און עס זאָל חס ושלום פון זייעע תפילין אפילו איין אות ניט אבגעשפרונגען און אבגעמעקט ווערון חס ושלום — חס ושלום ד"ע: דעם גלייכן האָב איך אמאָהל געזעהן שטעהן פונ'ם הייליגען ר' לוי יצחק באַרדיטשובער ז"ל אז ער הט געזאָגט אם יום הקדוש בזה הלשון רבונו של עולם: איך ראָטה דיך זאָלסט מוחל זיין דו יודין דו עוונות און טאָמער ווילסט דו ניט וועל איך באַלד עפעס זאָגען — אין דייניע תפילין רבונו של עולם שטעהט דאָך נור די ליעב פון דיין איינציגען טייערן פאָלק ישראל און אז דו ווערסט זיי זייערו זינד ניט מוחל זיין קומט דאָך אויס אז דו דאָבינדסט אין פסולדיגע תפילין דען וואס באַרד א ליעב קען שוין אויף זיי געזאָגט ווערון אז זיי בלייבען פערשמירט מוט חטאים עוונות ופשעים דאדורך ראָטה איך דיך רבונו של עולם זאָלסט זיי אלו זינד מוחל זיין כדי דער אמת פון דיינו הייליגע תפילין זאָל בלייבען דו גאנצו וועלט: ד"ע אב"ר:

## דאָס אמת'דיגע ברויט און דאָס פאַסענדע קלייד!

דער רבי משה ליב'ס טאָכטער הרבנית הצדקת מרת פעשא לאה ע"ה וואָס זי איז געווען אשת הרב הצדיק ר' דוד מאַבלאָטאָ זצ"ל האָט דערצעהלט וואָס זי האָט דם טייערע וואָרט געהערט פון איהר הייליגען טאַטע'ס מויל בזה הלשון: יעקב אבינו עליו השלום הט זיך געבעטען ביי גאָט ב"ה ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש (גאָט זאָל מיר געבען ברויט צום עסען און קליידונג אנצוקליידן) — ווייסט דען דאָס ניט אויך דאָס יונגסטע קינד אז ברויט בעדאַרף מען צום עסען און קליידער צום אנקליידן? נאָכוואָס'זשע הט יעקב אבינו בעדאַרף דעם רבונו של עולם אזוי בפירוש ארויסבאַטייטשן אז ברויט זאָל ער איהם געבען "צו עסען" און קליידונג "אנצוקליידן" ער האָט נור בעדאַרפט זאָגען "ונתן לי לחם ובגד" (גאָט זאָל מיר געבען ברויט מיט קליידונג) און אזא קלוגער גאָט וואָס ער הט יעדן בר דעת דעם שכל געגעבן, וועט שוין

זיכער

זובער אליין וויסן אז ברויט איז צום עסן און קליידונג איז צום אנטהון; נור אזוי ווי מיר ווייסן און אונזער זיידע יעקב און קיין נאר נישט געוועזן נור דער גרעסטער וועלט'ס חכם ער הט קיין איבריגע ווערטער פאר דעם רבונו של עולם נישט גערעדט נור אין דו ווערטער האט ער טייערע גוטע מיינונג אריינגעלעגט, דען אמאהל הט א מענש ברויט נור ער קען דאס נישט עסן און הט קליידונג וואס ער קען זיי נישט אנטהון דהיינו ווען א מענש ווס ער אין עדלען הויז אויפגעצויגן איז; און פון קליינהייט־אן איז ער נור איינגעוואהנט צו עסן עדלע מאכלים, א גוט ביסיל זופע יעדן טאג, אין דר פרוה אין אויף דער נאכט א גוט ביסיל קאפע, דאצו א פאר קיכל בעשמירט מיט פוטער, אזא מענש חאטשי גאט בשערט איהם קאלעטע מיט בריזע און דערצו אראזאווע ברויט, צוואר עס איז דא מענטשן ווס דאס איז נאך זייער געוויינונג זעהר א גוט עסן א גיט שטיקיל ברויט, דר עדלער ערצאגענער מענש וואס אויף איהם זאגט דר פסוק ואני תמיד א יחיל ער דארף נעביך יעדן טאג אביסיל גוטע זופע דר קען די קאלעטע נישט פערעסן בשום אופן; דעסגלייכן דער ווס איז תמיד ערצויגן אנצוטהון טייערע שטאפענע זיידענע קליידר אז גאט בשערט איהם נור גראבע ליינוואנד קליידר אדער גראב געוואנד צוואהר ביי אנדרו איז דאס זעהר גוטע קליידר, ער דר עדלער קען בשום אופן די קליידר נישט אנטהון, דאדורך האט יעקב אבינו ע"ה געבעטן "ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש" זאלסט מיר גאט בשעהרן אזא ברויט איך זאל עס קענען עסן און אזאלכע קליידר איך זאל זיי קענען אנקליידען וד"ע:

## געזונד ברענגט צום אמת'דיגען שלום!

אמאהל האט דר רבי ר' משה ליב ז"ל גזאגט רבונו של עולם דו וועלט שטייט אויף דריי זאכן על הדין, על האמת, ועל השלום און דר שלום איז צום לעצט גרעכענט דס צייגט אז פון די אלע זאכען איז דר תכלית נור דער שלום (גיט אכטונג ליבע לעזער אין דר פארעדע פון דעם ספר וועט איהר דו ווערטער גיט פערשטיין) אם כן פערלאנגסט די דאך נור שלום; ע"כ מוזט די נור זעהן אז יודען זאלן געזונד זיין ווארען דר מענש ווס ער איז קראנק דר איז שטענדיג אויפגערעגט און קרוגט זיך נור שטענדיג און ווערט יעדע מינוט ברוגז ווייל פון דר קראנקהייט איז ער נארוועסט אבער אז דר מענש איז געזונד איז ער תמיד בערוהיגט און האט מיט יעדן שלום; דס האט דר רבי ר' משה ליב ז"ל גזאגט — הט אויך דוד המלך עליו השלום געמיינט "ה' עז לעמו יתן" (גאט זאל נור געבן שטארקהייט צו זיין פאלק) "ה' יברך את עמו בשלום" דאדורך אז ער וועט זיין פאלק געבן שטארקהייט אונ זיי וועלן תמיד זיין געזונד אונ שטארק, וועלן זיי זיין געבענשט מיט שלום וד"ע אבי"ר:

# משיבת נפש

## די גרויסע אמת'דיגע שמחה:

בשעת א צוזאמענקונפט פון די צווייא הייליגע צדיקים, דר רבי ר' משה ליב מיט דעם הייליגן רבי ר' לוי יצחק בארדיטשובער ז"ל האט זיך פלוצים דר רבי ר' משה ליב ז"ל צורטאנצט און איז זעהר לוסטיג געווען — האט איהם דר הייליגער בארדיטשובער א פרעג געטוהן — ר' משה ליב! עס שטעהט דאך אין תהלים "אז ימלא שחוק פינו" (דעמאלט ערשט ווען משיח וועט קומען, וועט אונזר מויל פול מיט פרייד זיין) אבער אצונד אז מיר זענען אין גלות פערטריבן קיין בית המקדש, קיין מזבח, קיין קרבן, קיין נביא האבן מיר נישט אונזר לעבטיגער גאנץ איז פון אונז פערלאשן, אויך דר צייט שטעהט אין פסוק "אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי" (אפילו א יוד מאכט א חתונה א שמחה ביי זיך בעדארף ער זיך דערמאנען אין דעם טרויער פון חורבן ירושלים) צום סוף איהר ר' משה ליב לעבן. האט א פנים גאנץ פערגעסן! וואס איז אייער טאנצן מיט אייער שמחה אזוי גרויס אין דעם ביטערן פינסטערן גלות? — אדרבה! האט איהם דר רבי ר' משה ליב אנ־געפיר געגעבן פאר וואס זאל איך מוך נישט פרייען? אז מיר זענען שוין אזוי פיעל יאהר אין גלות פערטריבן און מען האט אונז שוין אנגעמוטשעט מיט פערשיעדענע צוואנגסמיטעל מיר זאלן גוים ווערן, און מיר זענען ב"ה אלעם בוז היינט איבער געשטאנען — אז איך שטיי אויף אלע טאג אין דערמאנען מיך אז איך האב זוכה געווען צו קענען א ברכה מאכן "שלא עשני גוי" ווער איז נאך צו מיר גלייך? וואס פאר א פנים וואלט משה ליב געווען געהאט? ווען ער זאל חס ושלום געווען געבוירן ווערן ביי איוואן, שטעפאן, קארעלא, האנערעלא? — ר' משה ליב! — האט איהם ווייטער דר הייליגער בארדיטשעווער געפרעגט — איך מאך דאך אויך די זעלבע ברכה אלע טאג — פאר וואס פריי איך מיך נישט אזוי ווי איהר? דר רבי ר' משה ליב וואס ער איז א חיבור און א זעלטען שעהנער פערשון געווען, האט געזאגט דעם הייליגן בארדיטשובער וואס איז א קליינטשיקער און גאר נישט קיין שעהנער געווען — אנ'ענטפער געגעבן; — ווען איהר ר' לוי יצחק חס ושלום זאלט געווען ביי א גוי געבוירן ווערן וואלט נור געווען געוויזן א פאסקודנע קליינטשיק גויקעל, אבער ווען משה ליב זאל געווען ביי א גוי חס ושלום געבוירן ווערן, הערט אוא שעהנער הויכער גרויסער געווען אויסגעוואקסען, איבערהויפט דארף זיך משה ליב זעהר א סך פרייען ד"ע ועבי"א:

## א גרינג מיטעל פאר א בעל תשובה:

אז דר מענש הערט זיין שאנד וואס דר חבר שענדעט און בעליידיגט איהם פלעגט דר רבי ר' משה ליב ז"ל זאגן — און דר מענש שווייגט און ענטפערט דארויף זיין חבר גאר נישט — דאס איז בעסער פון טויזענד תעניתים — אז עס קומט צו דיר

אמאליש

א מענש — פלעג ער זאגן, און איז דוך מבזה מוט פערשיעדענע בזיונות, זאלסט די ביי דיר איבערקלעהרען אז די בזיונות זענען אפילו נישט איינס געגען טויזענדסטין טהייל וואס דו א״יין האסט דיין איגען נפש מבזה געוועזען מוט דיינע חטאים עונות ופשעים, די בזיונות זאלסטו ביי דור קלעהרען זענען נאך קיין אנהייב נישט פון דעם שענדליכקייט וואס פר א שענדליכור מענש דו בוזט דורך דיינע גרויסע חטאים, און דעם עלבון זאלסטו גוט אין דיינע אוצרות בעהאלטען ווייל אזא מציאה וועסטו פר קיין שום געלד נישט קריגען קענען אזא רפואה צו דיין נפש קריגסטו - דו נישט אין קיין שום אפטייק; נאך מעהר זאלסט דעם חבר גוט בעדאנקען פר דער טייערער מתנה וואס ער האט דיר געשענקט און זאלסט נאך דיין חבר איבערבעטען ער זאל דיר מוחל זיין אויף דעם וואס ער האט א תרעומות אויף דור. דס איז די גרעסטע רפואה צו די חטאים מבות וי״ע אמ״ר:

## די דריי טייל מלקות:

אמאל האט ער געפרעגט פאריס אז מען שלאגט מלקות צו טיילט מען די קלעפ אויף דריי טייל? איין חלק ביים פראנט און צוויי טייל שלאגט מען פון הינטען, דער עיקר שולד איז דאך נור אויף דעם פראנט וואס זענען די אויגען דער קאפף מוט דעם מויל וויי פרעגען דאך דעם קערפער צו זינד! זאלט מען דאך בעדארפט אייגענטליך נור ביים פראנט אלו מלקות שלאגען? צום סוף שלאגט מען דריגען ביים פראנט און זעקס און צוואנציג מלקות פון הינטען, נור די משנה לערנט אונז "הסתכל בשלשה דברים ודע מאין אתה בא ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון" זאלסט נור תמיד די דריי זאכן געדענקען וועסטו צו קיין עבירה נישט קומען ערשטענס געדענק וועלכעס עס איז דיין פראנט! וואס דיא בייזע געדאנקען פריהער א טיפה סרוחה איידער די בוזט א מענש בשאפען געווארען צווייטענס ווי אהין דיין גאנג איז נאך דיין אפגעלעבטען און צום ... גרוב אין דעם ... קברי דריטענס וואס די מוט נאכדעם אלעס פר אזא גרויסען גאט דין וחשבון ... און בשעת דער מענש טוהט די עבירה פערגעסט ער די דריי זאכן וועלכעס איינס פון די דריי הייסט פראנט — וואס דער מענש איז געוועזען בעפאר זיין בשאפען און און צוויי פון די הייסן הינטען ווייל זיי קומען ערשט פאר גאנץ הינטען נאך דעם מענשענס אפלעבען איבערהויפט אז מען שלאגט דעם מענש מלקות פר דיינע חטאים צוטיילט מען איין טייל מלקות ביים פראנט און צוויי טייל פון הינטען פדי דר מענש זאל זיך דערמאנען וואס ער האט פערגעסן בשעת ער זינדיגען די דריי טייל; דם פראנט טייל און די צוויי אינטערשטע חלקים:

## וואס פעהלט דיר ... שפרינגען מיט דיין ...!

דער רבי ר' משה ליב ז"ל האט אמאהל פערטייטשט די ווערטער "אל תרפה

שיחה

# משיבת נפש

שיחה עם האשה" אויף דעם אופן — וואריין אנ' אשה זאגט דו גמרא „אשה עיניה צרה באורחים" (זיא קען נישט ליידן ביי זיך קיין פרעמדו אורחים) און אז דר מאנן וועט וועלן אנ' אורח נעמען און וועט איהר זאגן זו זאל עפוס מעהר צום קאכן צו־שטעלן — קען זו איהם נאך געצליך אבראטן דעם טאנק — האדעווע קודם אין דיינע קונדערליך זאלן לעבן; דם יקרות איז גרויס, אפילו אויך זאל שון גאר וועלן דיר צו ליעב טהון האב איך פשוט נישט אין מיין שטוב פארבערייטעט מער קיין שפייז; און קיין געלד האב איך נישט אויך זאל שיקען קויפען; איז דו בעסטו עצה דערצו — אומגעקעהרט! ער זאל זאגען זיין ווייב — איך וועל היינט ברענגען צום אנ־בייסען אנ' אורח נור אויך זאג דיר אהן זאלסט נישט מעהר צו שטעלן קאכון אפילו א ווערנע; זאלסט פינקטליך צו שטעלן אזו ווי אלו טאג דעמאלט וועט זו שוין בודאי בשטיין, דם האט דער רמ"ל ז"ל גזאגט מיינט דו משנה „אל תרבה" (זאלסט נישט מעהרען נישט מוסיף זיין נור אזו ווי אלו טאג) „שיחה עם האשה" (דם זאלסט די שמיסען מוט דיין ווייב):

## א טייער ווערטיל!

דער רבי רמ"ל ז"ל פלעג זאגן — אויב עס געפעלון דיר נישט דיין חבר'ס מעשים און ווילסט דיין חבר שטראפון מיט שטראפרייד זאלסטו קודם אין דיר אין אין דיינו אלע מעשים אריינקוקען אב דיינע מעשים זענון אלע גיט דעמאלט זאלסט די שטראפון דיין חבר; דעסגלייכון האב איך געהערט נאכזאגון פונ'ם רבי ר' אלימלך ליזענסקער זצ"ל ער פלעג תמיד זאגון דם ווערטול צו זיינע חסידים מיט דעם לשון קוק אוים דור קיינמאהל נישט ארוים! און קוק אין דיין חבר נישט אריין;

## די ממשלה פון די לאנגסטיגע צדיקים, און דער נאמען פון היינטיגע גיטע יודען!

דער רבי ר' משה ליב פלעג זאגון וואהל איז דעם דור ווס הט אזא צדיק, אז ער בעזוצט אין זיך אזא תקופת אזא שטארקהייט; אז ער קען דעם איבערשטון ב"ה מוסר זאגון — פארוואס רבונו של עולם זאלסט די דוך מיט דיינו יודעליך, דיין היילונ פאלק ישראל, דיינע היילוגע קינדר — אזוי פיהרען? איז דם פאר דיר פאסענד? די ביסט א מלך מלכי המלכים, און דיינו קינדר ווס זענון דיינע פרינצען זאלון אזוי אויף גרויסע און אויף גראבע צרות זיין; עס איז לדעתי פיעל גלייכר יעדור יוד זאל קיינמאל פון קיין צרה נישט וויסען נור עס זאל יעדון יוד גיט געהן אין געזונד, און דר פרנסה, קינדר צום לעבן, קיין שום שלעכט'ס זאל אויף איהם קיינמאל נישט קומן, דעמאלט וואלט פאר דור רבונו של עולם זעהר שעהן געוועזון און מען וואלט יעדור געוואלט אין פערשטאנון אז די יודען זענון דיינע קינדר אזוי ווי אין דר תורה שטייט בנים אתם לה' אלקיכם (איהר יודען זענט קינדר צו אייער

גאט); און מיט די שטראפ־ריד וואס דר צדיק זאגט דעם רבונו של עולם ברוך הוא איז ער מבטל אלע גזרות רעות פון יודען — אט דאס מיינט דר פסוק — האט דער רבי ר' משה ליב געזאגט "אשרי הגבר אשר תיסרנו — יה" (וואהל איז דעם מענש אז ער האט אין זיך אזא שטארקייט צו שטראפען מיט שטראפ־ריד גאט ב"ה) "ומתורתך תלמדנו" (מאכט די אליין רמ"ע האסט דעם צדיק אזוי געלערנט אין דיין תורה) דען עס שטייט "מי מושל בי צדיק" ווער אין וועלכער מענש קען איבער מיר גאט מושל זיין נור דר צדיק דער אמתדיגער אז איך בין גוזר א גזרה וואס איז נישט גוט פאר דיא יודען האט דער צדיק בכח מבטל צו זיין מיין גזרה אזוי וויא אונזערע הייליגע חכמים זאגען "הקב"ה גוזר והצדיק מבטל" דאס איז דיא ממשלה פון דיא לאנגסטיגע צדיקים; דעמאלטיגע ווען היינטיגע גוטע יודען האב אויך געזעהן אין ספר שולחן הטהור אז הרה"צ ר' דוד מטאלנא ז"ל ווען ער איז אין גאליציען געווען אפאר חדשים האט ער זיך צו זאמען גטראפען אמאל אינאיינעם מיט הרה"צ ר' אברהם יעקב מסאדאגורא זצ"ל — האט הרה"צ ר' אברהם יעקב ז"ל איהם נפרעגט – זאגט מיר ר' דוד א טעם פארוואס לאנגסטיגע יאהרען האט מען נור גרופען א רבי צדיק און היינט רופט מען א רבי נור א גוטער יוד? ווענן דען די פריהריגע צדיקים נישט קיין גוטע יודען געוועזן? האט איהם ר' דוד'ל תיכף געענטפערט ווייל לאנגסטיגע רבי'ס וענען מאכן צדיקים געוועזן און האבען נהאט די מאכט און די קראפט ווי א צדיק בערארף באמת צו האבען אזוי ווי עס שטייט "מי מושל בי צדיק" (ווער האט איבער מיר ממשלה נור א צדיק) אז גאט ברוך הוא האט גוזר געוועזן א נישט גוטע גזרה אויף יודען האט דר צדיק נישט דערלאזט און די גזרה תיכף מבטל געוועזן דאדורך ווייל דר פריהריגע רבי האט דאס געקענט האט ער געהייסען א צדיק באמת און אזוי האט איהם געדארט מיט דעם נאמען צדיק גרופען; אבער די היינטיגע גוטע יודען קענען געבען דאס נישט, האבען זיי קיין אנדערע ברירה נישט, נור זיי מוזען זיין גוטע יודען זיך נישט קריגען מיט דעם רבונו של עולם נור אזוי ווי דר רבונו של עולם איז גוזר אזוי מוז זיין, דאס איז אודאי גערעכט, ער פיהרט די וועלט מיר קענען איהם קיין דעות נישט איינזאגען מיט דעם וועגען באמת די היינטיגע רבי'ס — גוטע יודען דאדורך רופט מען זיי גוטע יודען, וי"ע אכי"ר:

## ווער עס מעג זיין א רבי!

איך אויף דעם אופן האט זיין הייליגער תלמיד דער רבי ר' מאיר'ל פרימישלאנער זצ"ל געזאגט ס'איז אמאל געקומען א יודענע צום הייליגען בארדיטשובער ז"ל זאגענדיג צו איהם רבי לעב אויך בדארף האבען א דין תורה מיט זיין ליעבען נאמען נור איך זיך אזא רב ער זאל נישט קיין מורא האבען פר גאט ב"ה ווארין אז ער וועט מורא האבען פאר גאט וועט ער דארף צו פאסקענען זיין ליבען נאמען; אזא רב האט דער רבי ר' מאיר'ל ז"ל געזאגט איז געוועזן משה רבינו אזוי ווי רש"י זאגט

אויף איהם אין פרשת וארא ״דבר אתו משפט על שהקשה לדבר ולומר למה הרעותה לעם הזה״ (מיט איהם האט ער גרעט משפט) ״דאס מיינט מען ער־משה רבינו, מעג משפט׳ן די יודען ער מעג א רב זיין״ ווייל ער קען זיך קעגען מיר אונטערשטעלען אזו הארט צו רעדען אין מיך צו פרעגען פאר וואס האסטו דיין פאלק שלעכט׳ס געטוהן אז ער האט אין זיך אזא תקיפות און קען מיך אזו פרעגען ער מעג א רב זיין א ראש בני ישראל וי״ע:

## ודי זהב! [דורך דעם ביסעלע אונטערגעשמירטע זילבער קען מען א מענש אנקוקן:]

דער רבי ר׳ משה ליב ז״ל האט געהערט אז אין א שטעטיל געפינט זיך א מלמד ר׳ וועלוויל וועלכער איז א גרויסער מכניס אורח גאר אידיש זיינע מעשים צו צוזעהן אין דעם הכנסת אורחים־געשעפט: אגער רבי ר׳ משה ליב וואס האט זעהר ליעב געהאט אזעלכע געטליכע געשעפטן איז גאר קיין פוילער נישט געווען און האט געפאהרען דו מיט אויף די קלייניגקייט. אנגעטוהן זיך געמיינליך אין צוויל קליידער און איז צום אוועקגעפאהרן אין דעם שטעטיל; אריינקומענדיג צו דעם ר׳ וועלווילי מלמד אזו ווי געלעכט אורחא פרחא — האט דער רבי ר׳ משה ליב אזוי געגעבן — גוט מארגען איד ר׳ וועלווילי וועל איך קענען ביי איך איינשטעהן? — יאו! ביי מיר יוד — האט איהם תיכף ר׳ וועלוויל געענטפערט מיט דעם גרעסטן פערגניגען; אויף דער נאכט ביים נאכטמאהל ווי דער ר׳ וועלווילי האט אויסגעטיילט פאר יעדען אורח א שיסעלע קארטאפעל מיט ציבעלעך: האט דער רבי ר׳ משה ליב דערהערט פלוצים א יהי רצון וואס ר׳ וועלווילי האט געזאגט — רבונו של עולם דו ווייסט דאך מיין באגער ווען איך זאל האבען פערמעגען האט ביי מיר געגעבן פאר דיינע יודישע קינדערליך א נאכטמאהל אזו ווי דער שטאט פעטפלייש מיט בראטען מיט צימעס אזוי ווי עס פאסט פאר בני מלכים נור וואס זאל איך טוהן אז דיין רצון איז אזוי זאל דיינע יודען נישט מעהר געבען קענען נור קארטאפעל מיט איינגעמאכץ זאל ביי דיר דאס חשוב זיין גלייך ווי איך וואלט זיי געגעבן מאכלי מלכים; נאך אזא מין יהי רצון האט זיך געהערט פון דין מויל ביים אויפשטעלן די געלעגער פאר די אורחים יעדען א שטרויזעקעלע צו קאפענס מיט דעם אלטען מלבוש צו צודעקן — רבונא דעלמא כולא דו ווייסט דעם אמת אז איך האט געוואלט דיינע יודען געבען מיט בעטען בעטגעוואנד יעדען צוויי פיינע פעדערנע קישען מיט אטלעסנע קאלדערע צום צודעקען אזו ווי עס פאסט פאר דיינע קינדער; נור וואס זאל איך טאהן, אז דיין רצון איז אזוי יהי רצון זאל ביי דיר אנגענומען זיין דאס שטרויזעקעלע מיט דעם אלטען מלבוש גלייך אזו וואלט זיי בעטגעוואנט ווי אין שענסטע פערדינען האטעל; הערענדיג די זייער יהי רצון האט דער רבי ר׳ משה ליב ז״ל צו זיך אליין געזאגט — האסטו רבונו של עולם יעצט אויף דיין וועלט! ס׳איז אמת וואס איך האב געהערט! דאסט

דיך אין דיינע יורעלעך גאר נישט געארט! נור משה ליב וואגט וואלסט מאכן דעם ר' וועלוויל אז' עושר מאכען און ער זאל מאכן דיין הכנסת אורחים געשעפט בהרחבה פירען אזוי וויא ער ווינשט זיך און זאל דעם יהי רצון קענען זאגען באמת נישט נור "כאלו קיימתיה" [גלייך איך וואלט מקיים געוועזן] נור ער זאל מאכן באמת קענען מקיים זיין די מצוה בהרחבה אזוי ווי עס דארף צו זיין און אזוי ווי פאר דור פאסט; דעם רבי ר' משה ליב'ס געדאנקען — געפעלט האט מען אין הימעל תיכף אנגענומען; דר רבי ר' משה ליב האט זיך מיט ר' וועלוולען אין דר פרידה געזעגנט און איהם געווינשען עשירות מיט הרחבה גדולה ער זאל זוכה זיין מקיים צו זיין די מצוה מתוך הרחבה באמת און איז זיך אהיים געפאהרען; עס איז אוועקגעגאנגען איינע יאהר ביז דר רבי משה ליב האט בעקומען ביי זיך א יוד פון דעם ר' וועלווילס שטעטיל, האט איהם דר רבי ר' משה ליב תיכף נאך דעם שלום נעמען א פרעג געטהאן ווס מאכט עפיס ביי אייך דר ר' וועלווילי מכניס אורח ווי געהט עס איהם אין דער פרנסה — און אונזער שטעטיל איז נישטא קיין ר' וועלוויל מכניס אורח האט איהם דער יוד געענטפערט — דעם ר' וועלוויל מיין איך וואס מען פלעגט איהם רופען ר' וועלוויל מלמד אדער א טייל פלעגען איהם רופען ר' וועלוויל פארעך ווייל ער האט א שטיקול שחין אויף זיין קאפ — האט דר רבי ר' משה ליב איהם צוריק געענטפערט; יא ר'! האט ער דר יוד געענטפערט; דעם קען איך שוין אבער ער הייסט שוין היינט נישט ווי ער האט געהייסען; אז מען האט איהם גערופען וועלוויל פארעך און ער איז א נ'ארומער יוד געוועזן דעמאלט און ער געוועזן א מכניס אורח א גרויסער נור זייט א פאר יאהר האט ער אנגעהויבן גרויסע געשעפטע צו טרייבען און האט שטארק מצליח געוועזן זיין נאמען איז היינט ציוויליזירט געווארען, ער הייסט שוין מיט זיין נאמען "הער ווילהעלם בלימען" די טראגע זיינע איז פיין עלעגאנט — א יוד גוט ער נישט קיין שטיקול ברויט ובודאי געבענטשט אוודאי נישט; הערענדיג דו נייע נאכריכט איז דר רבי ר' משה ליב ז"ל שיעור אין חלשות געפאלען — רעדענדיג צו זיך אליין אין זיינע געדאנקען — משה ליב! משה ליב! ווס האסטו געטהון? גאט ב"ה האט פערמאגט א יודיל איין אנטוק א טייערן שאטץ א מכניס אורח שאין כמוהו — האסטו די דיך משה ליב אריינגעמישט מיט דיינו ברכות און דורך דיר איז פון אזא טייערן יוד אזא לעבעדיגער דיאמאנד אזא פינסטערער שטיין געווארען — מיט שטיינער שלאגט זיך דר רבי ר' משה ליב אין זיין הארץ אריין און שרייט — רבונו של עולם חטאתי עויתי פשעתי! און העלף מיר איך זאל קענען דעם רעגירטען מונדאשענט צוריק פאר רעכטען; דער רבי ר' משה ליב האט זיך געשווינד זיין פעקול געפאקט און אוועק געלאפען אין דעם שטעטיל ביז ער איז גאנץ פרוה אריין געקומען צו ר' וועלוולי דעם געוועזענעם מכניס אורח, זיטען האט זיך דער רבי ר' משה ליב נישט געדארפט לערנען ער האט גיט פערשטאנען אלו מענשליכע זיטען און האט

באלד דעם ר׳ וועלוולין א גאנץ אנדערין גוטען מארגון גזאגט — גוטען מארגען ווינשע איהנען געגעדיגור הער בליטץ; — וואס ווינשען זיא מיין ליעבער פריינד? האט איהם דר ר׳ וועלוויל צוריק געגפערט, — מיך מעכטע ביטען דעם הערן בליטץ א גלאס קאפע דען איך האבע די גאנצע נאכט נישט געשלאפען און מיר זעהר פערטריקענט אין מיין האלז — אזוי האט צו איהם דר רבי ר׳ משה ליב גזאגט — ניין! מיין ליעבער יוד - האט איהם תיכף הער ווילהעלם בליטץ געענפערט — דא האט איהר אייער פלאטץ ניכט גטראפין וייל ביי מיר איז שוין נאך דעם קאפע־טרינקען — געהט געזינדערהייט מיין ליעבער יוד ס'איז דא גענוג יודין אין שטאט איהר וועט שוין טרעפין קאפע; דר רבי ר׳ משה ליב איז זיך נעביך פון די שטיגען זעהר צוברָאכון אראבגעגאנגון; און אין אפאר שעה צום מיטאג איז אונזר ר׳ משה ליב ווייטער ארויפגעקומון זאגענדיג די ווערטער — קאפע האב איך פערשפעטיגט אפשר קען איך חאטשע מיטאג ביי אייך קריגען? ניין! איך נישט — האט איהם תיכף דר הער בליטץ געענפערט, וויל איהר האט שוין דעם מיטאג אויך פערשפעטיגט; דר הער בליטץ האט זיך באלד אוועקגדרעהט פונ׳ם רבי ר׳ משה ליב און זיך געשטעלט אנשפיגלען ביי דעם גרויסען ברייטען אין לאנגען טאַעלעט־שפיגעל פארפיטצונדיג זיך צו געהן און רינג אריין — זאגט מיר מיין ליעבער הער בליטץ — האט איהם דר רבי ר׳ משה ליב אין דר זייט ביי דער טהיר שטעהענדיג א פרעג געטהון — וואס קוקט איהר אזויפיעל און דעם שפיגעל וועמין זעהט איהר דען דארט דארין? וואס פרעגט איהר נארישער יוד — האט איהם תיכף דר הער בליטץ געענפערט, וועמען זעהט מען אין א שפיגעל נור זיך אליין! דאס וויל איך טאקי ניט פערשטעהן און זאגט מיר גיטיגסט דו אורזאכע פארוואס אין א שפיגעל זעהט מען נור זיך אליין און קיין אנדערן מענש קען מען דארט נישט אנקוקען - האט איהם דר רבי ר׳ משה ליב נאכאמאהל גפרעגט; — אז איהר ווילט וויסען מיין ליעבער יוד — האט איהם תיכף הער בליטץ געענפערט — וועל איך אייך ערקלעהרען: ווען דאס שפיגעל גלאס זאל נישט זיין מוט דר זילבערמאסע אונטערגעשמירט העט מען געקענט דורך דאס שפיגעל גלאז דורך זעהן אלו פארבייגעהנדע מענשען אזוי ווי דורך אלו פענסטערשויבען; נור וייל דאס שפיגעל גלאס איז מוט דר זילבער מאסע אונטערגעשמירט דאדורך זעהט דר מענש דארט נור זיך אליין און קיין אנדערן קען ער נישט זעהן; הערענדיג די תשובה פון דעם הער ב״יטץ האט דר רבי ר׳ משה ליב א גשריי נעטהון גלויבט השי״ שוין אלעם פארענפערט אין א גוטע עצה שוין משה ליב געפינון זיין גרויסן חמא צו פארהעכטון; ס'איז מיר אייך אייך הער בליטץ קשה געוועזן א קשיא פר וואס בעפאר משה ליב האט אייך אבגבענשט איהר זאלט אנ׳עושר ווערין דעמאלט ווען מען האט אייך וועלוולי פאריך גרופען און זענט א גרויסער ארויפגאן געווען זענט איהר א גרויסער מבנים אורח געוועזן און אז משה ליב׳ס ברכה איז גראטין ווילט איהר קיין שום יוד נישט אנקוקען נור

איך

איך אליין אצונד אוז מיר דו קשיא פערענפערט וייל אז מען אוז מוט א ביסיל זילבער אינטערגעשמירט קען דם אנדערן מענש נישט אנזעהען מיר זיך אליין, נור אבער משה ליב הט שון א גוטע עצה ער וועט אבקראצון דם ביסעל זילבער פון איך וועט איהר צוריק שוין יעדין מענש קענון אנקוקען: ווי דר ר' וועלוויל הט דם דר הערט הט ער זיך זייער דרשראקון פר דם רבי ר' משה ליב'ס אמתדיגע דיבורים און הט אויף זוך מקבל גוועהן פון הייגט אהן צוריק זיין פרידהריג הכנסת אורחים גשעפט צו פיהרען און הט שטארק חוזר בתשובה גוועהן זיין גאנץ לעבון:

## אבימער געשדייא הערט זיך אז מען קומט אהיים אהן גאר נישט:

דער הייליגער רבי ר' משה ליב אוז אמאהל פון זיין רייזע אהיים געקומען: זענון איהם זיינו קליינע קונדער איבערפאלען יעדור בעזונדר מוט פערשידנע קולות זאגענדוג אין שרייענדיג צו איהם: טאטי וום האסטו מיר עפוס גברענגט? אז דו קומסט פונ'ם וועג בעדארפסטו עפוס ברענגען! דער רבי ר' משה ליב הט אבער דעמאלט פון דער נסיעה גאר נישט גבראכט, און אזוי ווי דו קליינע קונדער האבון גשריגען און גוויינט פר וום דער טאטי הט זיי גאר נישט גברענגט אזו אוז דער רבי ר' משה ליב אנידער גפאלון אונ חלשות מען הט איהם קוים מוט שווערע מיה דערמאנט, נאך דעם איפוועקון פון זיין חלשות הט איהם זיין ווייב די רעביצין גפרעגט; וום איז דור געשעהן משה ליב? אז קונדער שרייען און וויינען בעדארף מען אין חלשות פאלון? האסטו דען נאך נישט גהערט קונדר שרייען אדר וויינון — ניין מיין רעביצין נישט פר די קונדערס וויינען האב איך מיך דרשראקון — הט איהר דר רבי ר' משה ליב גענפערט נור איך האב טיעף אריינגיקלעהרט אין די קונדר'ס דיבורים אז מען קומט אהיים פונ'ם וועג בדארף מען עפוס ברענגען איך האב אנגעהויבן צו ברעכנון אז איך וועל הונדערט אונ צוואנצוג יאהר אהיים קומן אויף יענים עולם וועל איך בודאי מוזען עפים ברענגון פון דר רייזע וום האב מיך זיעבצוג יאהר אויף דעם עולם גדרעהט, וואררן אז איך בין צו מיין בני בית אהיים געקומן און האב גאר נישט געברענגט אוז גווארון אזא ויצעקו וום קען שוין זיין פאר א געשדיי אין הימעל אז איך וועל קומן מיט די ליידיגע הענד און איך האב לעת עתה נאך גאר נישט פארבריטעט וואס אהין צו ברענגון דאדורך בין איך חלשות געפאלון דאס איז א חלשות לשם שמים: וי"ע אבי"ר:

## א רפואה צו זיין שמערצין פון ר' פנחס'ל קארעצער:

און שכנות פון דם צדיק ר' פנחס'ל קארצער ז"ל הט געוואהנט א בעל הבית וום הט זעהר שטארק גפייניגט זיינו דיענער; פלוצים אוז דר בעל הבית שטארק קראנק גווארון אויף צייןשמערצין, דר שמערץ איז אבור אויסערנאטירליך גוועזן

די

די דאקטורים האבן איהם פערשיעדענע רפואות געגעבן אבור ווי האבן איהם גאר נישט געהאלפן, אזו ער אליין צום רבי זיין שבן אריינגעגאנגן און איהם געבעטן א סגולה, הט ער איהם אנ'ענפער געגעבן בזה הלשון — יעדער דאקטער איידער ער פערשרייבט די רעצעפט, זוכט ער דורך פערשיעדענע מיטלען צו דערגעהן די סבה די אורזאכע אין דעם שטאם פון דער קראנקהייט, פון ווס די קראנקהייט איז דעם מענש געקומן, פון פערקעלטונג, אדער בירושה פון זיינע עלטערן, אדור פון אנשטעקונג פון איין אנדערן קראנקן, — אבער דיינע ציינשמערצין ווער איך וועגן צו דיר נישט דורך איינעם פון די דריי זאכן געקומן, נור אלס עונש פון'ם הימעל וויל דו פלאגסט און פייניגסט דיינע מענשן אהן רחמנות; א בעווייז קענסט האבן דערצו אז מיינע רייד זענען ריכטיג און אמת דען די גמרא זאגט אין בבא מציעא פ"ה רבי יהודה הנשיא איז געזעסן און געלערנט פאר דער שוהל הט מען דורכגעפיהרט א קאלב צום קוילען; הט דם קאלב פאר איהם געקרעכצט אזו ווי געבעטן זיך ער זאל איהם העלפן. הט רבי יהודא הנשיא געזאגט צום קאלב — וס קען איך דיר העלפן אז די ביזט צו דעם בעשאפען געווארן, זאגט די גמרא אז רבי יהודה הנשיא הט פאר זיין אונערבארמיגען געפיר דרייצעהן יאהר ציין שמערצען געליטען; און אז רבינו הקדוש הט דרייצעהן יאהר ציינשמערצין פאר א קאלב געליטען — ווי לאנג בעדארפסט די ליידען פאר דיין אונערבארימגקייט אויף מענשן? דיין רפואה איז זאלסט דיינע מענשן מיט גרוים רחמנות מיט ערבארמהערציגקייט בעהאנדלין וועט דיך דר שמערץ נאכלאזען: זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל:

ספר

# דובר שלום

פון גרויסן הייליגען צדיק דער רבי ר' שלום רוקח
פון בעלז זצלה"ה זי"ע:

אויך א קונטרס אהל יהושע פון זיין זוהן דער גרויסער
הייליגער צדיק רבי ר' יהושע רוקח פון בעלז
זצלה"ה זי"ע:

אין דיזען ספר ווערט ערציילט וואונדערליכע זאכין פון דיזע
ביידע צדיקים. אזא וויא מיר האבין ארויס גינומען פון
הייליגע ספרים. אונד מיר האבען איבער גיזעצט אויף זשארגאן.
כדי יעדער מענטש זאל קענין זעהן דאס גרויסקייט פון דיא
צדיקים. זיך ארויס נעמין א מוסר וויא אזא צו דינען השי"ת:

בטח בד׳ ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה
תהלים לז פסוק ג

רש״י בטח בד׳, ואל תאמר אם לא אגזול ואגנוב או אתן לעני צדקה, במה אתפרנס: ועשה טוב, ואז תשכון ארץ לאורך ימים: ורעה אמונה, תאכל ותתפרנס משכר האמונה שהאמנת בהקב״ה לסמוך עליו ולעשות טוב.

חובת הלבבות, שער הבטחון פרק ג׳:

וכן כשירגיש האדם שלא יועילנו ולא יזיקנו אחד מהנבראים אלא ברשות הבורא יתברך, ישוב לבו מיראתם ותקותם ויבטח על הבורא לבדו, כמו שכתוב (תהלים קמ״ז) אל תבטחו בנדיבים בבן אדם שאין לו תשועה.

## „ארבעה כללים״

א׳. כלל זה יהיה בידיך, אם תרצה לגנות שום אדם, תגנה את עצמך במדותיך הרעות.

ב׳. ואם תרצה לעשות מחלוקת עם שום אדם תעשה מחלוקת עם יצר הרע שלך המתגבר עליך בכל יום בפתויו הרעים.

ג׳. ואם תרצה לכעוס על שום אדם, תתיישב לכעוס על נפש הבהמיות שלך שנאמר עליה וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום.

ד׳. ואם תרצה לשבח שום אדם, תשבח את הבורא ברוך הוא, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, אשר מחיה אותך, ומטיב עמך בכל עת ורגע, ואם תזכור לקיים ד׳ דברים אלו, תהיה נשמר משום חטא ועון.

(סידור ישועות ישראל דף ק״א עמוד ב)

# ווינדערליכע מעשיות פון דעם הייליגן רבין ר׳ שלום מבעלז זצ״ל:

א) בשעת ר׳ אליעזר ז״ל ר׳ שלום׳ס פאָטער איז נפטר געוואָרן יונגערהייט האָט זיין מוטער חתונה געהאַט מיט אַ נגיד פון בראָד. דעריבער האָט איהר ברודער ר׳ יששכר דוב אב״ד פון סקאָהל גענומען איהר זוהן ר׳ שלום ווען ער איז נאָך געווען אַקליין יונגל צו זיך אַהיים ער האָט אים דערצויגן אונ האָט אים מדריך געווען אונ דיא וועגין פון דער תורה. דער נאָך האָט ער אים געגעבין זיין טאָכטער דיא רבנית הצדיקת מרת מלכה פאַר אַווייב. עס איז אויף דער גאַנצער וועלט וויסינדעך איהר צדקות אַז זיא האָט אים געבּרענגט צו דעם גאַנצין גרויסקייט. אַלע נאַכט פלעגט זיא אים אויף וועקען פון זיין שלאָף אונ האָט צו אים געזאָגט. שלום הייב דיך אויף פון דיין בעטיל צו דער דיהנסט פון השי״ת. הייב אויף דיינע אויגען אונ זעה נאָר אַז אַלע בעלי מלאָכות זענען שוין אויף געשטאַנען פון זייערע בעטען אַרבעטין. שטייא דוא אויך אויף צו דיין הייליגע דיהנסט פון השי״ת. אַלע נאַכט האָט ער זיך געמאַכט פאַר זיין בני בית וויא ער גייט שלאָפין אונ זיין הדר אַריין. אונ זיא האָט אים דאָרך דעם פענצטער אַראָפ געלאָזט אויף דער גאַס איז ער געגאַנגען אונ דעם ביהמ״ד אַריין פון ר׳ שלמה לויצקער פון סקאָהל פלעגט ער דאָרט בייא אים לערנען אַגאַנצע נאַכט ביז עס איז טאָג געוואָרין. אונ איידער דער מאָרגענשטערין דאָט אויף געשיינט איז ער אַהיים געגאַנגען האָט אים זיין ווייב אַרויף גענומען דאָרך דעם פענסטער פון דעם האָט קיינער נישט געוואוסט. אונ ער האָט זיך אַבּיסיל געלייגט שלאָפין. אַזוי וויא ער האָט נאָר פערטאַכט זיינע אויגין. האָט זיך זיין שווער אויף געהויבין פון זיין שלאָף. אונ וויא ער האָט געזעהן אַז זיין איידעם שלאָפט נאָך. איז ער אויף אים זייער בייז געוואָרען האָט ער אָהן געקלאַפט בייא דער טהיר. אונ האָט אים געזאָגט. וויא לאַנג נאָך וועסטו שלאָפין? ווען וועסטו אויף שטעהן? אונ ר׳ שלום ז״ל דאָרך זיינע צדקות האָט ער זיך אויפגעהויבען. אונ האָט זיך געזעצט לערנען מיט זיין שווער. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען שטענדיג. אַמאָהל האָט אים זיין שווער געזאָגט אַז ער קען אים שוין נישט האַלטען. דעריבער זאָל ער זיך מאַכין אַ האַנדעל. איז ער שוין גרייט געווען צו פאָהרען קיין לעמבערג קויפען סחורה. האָט זיין ווייב דיא רבנית גענומען דוא אורינג מיט דוא פערעל אונ האָט זייא פערקויפט כדי ער זאָל קענען נאָך אַצייט זיצען אונ לערנען תורה:

~~~

ב) אַמאָהל האָט אים זיין ברודער ר׳ לייביש רוקח געזאָגט. עס איז מיר אַוואונדער פון וואַנין איז דיר געקומין דאָס גרויסקייט. פאַר וואָס אונ אינזער יוגענד האָב איך דאָך געלערענט בעסער פאַר דיר. וואָס=זשע איז יעצט מיט דיר געוואָרין. האָט אים דער רבי ר״ש געזאָגט דוא זאָלסט וויסען מיין טייערער ברודער אַז איך בין געקומין צו דרייצעהן יאָהר אין בין געוואָרין אַבר מצוה. איז צו מיר געקומען מיין זיידע ר׳ אליעזר ז״ל מאַמשטרדם אונ חלום אונ האָט אויסגעביטין מיין נשמה. פון דאַמאָלס אָהן האָט אויף מיר גערוהט

דער
~~~

דער רוח הקדש און איך בין געווארין פארקערט צו א אנדערין מענטש :

ג) ווען ר׳ שלום האט געלערנט ביי זיין רבי׳ן ר׳ שלמה לוצקער האט זיך אין איהם פליצלונג דער וועקט א חשק. ער זאל פארען צום רבי׳ן פון לובלין ער זאל ביי איהם לערנען. האט ער דאס ערציילט זיין רבי׳ן ר׳ שלמה. האט ער איהם נישט געוואלט מסכים זיין דערויף. נאר דאס גליסטונג האט אין איהם געברענט צו פאהרין קיין לובלין דעריבער האט ער זייער געבעטין זיין רבי׳ן ער זאל איהם געבין רשות דערויף. האט איהם זיין רבי געזאגט. אז דו וועסט פאהרען קיין לובלין וועל איך ביי דיר צו נעמען דאס גאנצע גאנצקייט וואס דו האסט ביי מיר מקבל געווען. ער אבער דארך זיין גרויסען חשק האט ער דערויף נישט געקוקט. און האט איהם געזאגט פון דעסט וועגין וויל איך אהין פאהרען. און ער איז פון איהם אוועק געפארין. ווי ער איז אהיים געקומען פון לובלין. איז ער געגאנגין צו זיין רבי׳ן. איז זיין רבי דאמאלס געשטאנען ביי דעם פענסטער. ווי ער האט איהם געזעהן. האט ער געזאגט צו זיין ווייב דו רביצען. קום זעה נאר מיין תלמיד ר׳ שלום ווי זיין פנים שיינט און דו לעבטיקייט פון דער תורה שיינט אויף איהם :

ד) און בעלזא האט געוואהנט אגאון אהייליגער מאן מיט זיין נאמען ר׳ אהרן משיח. האבין די שטאט איהם געוואלט מאכען פאר רב איבער זייער שטאט. נאהר וויל ער איז אבער געוועזען א גרויסער עניו. האט ער זייא אבגעזאגט. וויל ער האט נישט געוואלט הנאה האבען פון דער תורה. דעריבער זענען די בעלזער בעלי בתים געפארין קיין לובלין פרעגען דעם רבי׳ן. וועמין מען זאל אויף נעמין פאר רב. האט ער זייא געזאגט אז זייא זאלין אויף נעמען ר׳ שלום־ין פאר רב. זענין די מענטשען געגאנגען צו זאמען נעמען חתימות אויף דעם קאנסום. וואס זייא האבין איהם געוואלט שיקען. ווי זייא זענין געקומען צו ר׳ אהרן־נין ער זאל זיך חתמינין אויף דעם קאנסום. האט זיין ווייב דערהערט איז זיא צו איהם צו געגאנגין און האט געזאגט. דו ועסט זיין אינטערטעניג אזא יונגען מאן ווי ער איז? עס וועט פאר דיר זייער נישט שיין זיין. דעריבער וויל איך אז דו זאלסט ווערען רב. ווי זיא האט איהם זייער לאנג געבעטען. האט ער געמיזט ברעכין זיין דעה און זאל אויף זיך נעמען דעם עול פון רבנות. ווי דער רבי פון לובלין איז דאס געווואר געווארען. האט ער געזאגט. די חכמים האבען געזאגט אז אהרן האט נאך געיאגט שלום. און דא זעהין מיר פערקערט אז שלום יאגט אהרנין. עס איז אזוי געוועזן דער צדיק ר׳ אהרן איז נישט לאנג קיין רב געוועזן נאהר ער איז תיכף נפטר געווארען דאמאלס איז ר׳ שלום אויפגענומען געווארען פאר רב דאס איז געשעהן אין דעם יאהר תקע״ז :

ה) עס איז בעוויסט דאס ר׳ שלום האט אליין עוסק געוועזען דער שוהל בויען פון בעלז אמאהל איז דארך געפארין מענטשען דארך בעלז סוחרים פון דער שטאט קריסנעפאלו. וואס איז נעבען בעלז. זייא זענען געוועזן און לבוב האנדלען. און יעצט זענען

זייא

זייא אַהיים גיפֿאָהרען האָט דער רבי צו זייא געשיקט זיין גבאי . ער זאָל זייא זאָגען פֿון זיינט וועגען אַז ער וויל זייא זאָלען זיך דאָ אויפֿהאַלטען . וועלען זייא צו העלפֿען די בעלי מלאָכות בויען דוא שוהל דיא מענטשען זענען נישט געווען פֿון דעם רבי'נם חסידים . זייא זענען אויך געווען ניצווינגען אַהיים צו פֿאָהרען . פֿון דעסט וועגען האָבען זייא מורא געהאַט פֿאַר דעם רבי'ן . האָבען זייא געהיטען זיין בעפֿעהל . זייא זענען גינאַנגען צוא דער שוהל אונ האָבען דאָרט געטוהן עפּעס אַ מלאָכה . נאָר זייא האָבען דער פֿון געהאַט זייער אַ גרויסען צער . וויל זייא האָבען גיוואָלט אַהיים פֿאָרען . יעדער רגע איז בייא זייא געווען גירעכינט וויא אַיאָהר . אַלע מאָהל האָבען זייא גישיקט פֿרעגען דעם רבי'ן אויב זייא קענען שוין פֿאָהרען . האָט ער זייא צוריק גיענטפערט אַז זייא זאָלין ווייטער אַרבייטין . ער וועט זייא שוין מודיע זיין ווען זייא זאָלין קאָנטשען זייער אַרבייט . וויא עס איז פֿערבייא גינאַנגין עטליכע שעה האָט צוא זייא דער רבי גישיקט אַז יעצט קענען זייא שוין פֿאָהרען זייער וועג ווייטער . וויא זייא זענען געקומען אַתחום שבת ווייט פֿון שטאָט . איז זייא אַ קיגען געלאָפֿען אַמענטש אונ האָט צו זייא געזאָגט איר זאָלט וויסען אַז דער טייך איז אויף געגאַנגען אויף אַלע זיינע ברעגים . פֿאַר אַשעה אָדער צווייא איז געפֿאָהרין אַ גלה . אונ איז דערטרונקין געוואָרין אונ דעם טייך . וויל ער האָט זיך נישט גיוויסט צו היטין . דאַמאָלס זענין דיא מענטשין געוואָר גיוואָרען אַז דער רוה"ק רוחט אונ דעם רבי'נ'ס בית המדרש :

~~~~~~~~~~

ז) **אַמאָהל** איז ר' שלום'ס ברודער ר' לייביש רוקח געווען אונ בעלז . ווייל ער איז געפֿאָהרען מקיים זיין כבוד אם דאָס איז זיין מוטער דיא צדיקת מרת רבקה העניא וואָס זיא האָט געוואָהנט בייא איר זוהן דער רבי אונ בעלז . דאַמאָלס האָט דער רבי געבויעט דיא שוהל . אַמאָהל האָט דער רבי ר' לייביש געזעהן אַז זיין ברודער דער רבי שטייט אונ אַרבייט אַליין ליים אונ ציגעל . איז עס דיא זאַך נישט געפֿעלען . האָט ער עם געשטראָפֿט דערויף אונ האָט צו עם געזאָגט דיא חכמים ז"ל האָבען דאָך געזאָגט . אַז אַמענטש ווערט געזעצט פֿאַר אַ פרנס איבערן ציבור טאָר ער נישט טוהן קיין מלאָכה פֿאַר דרייא מענטשען פֿאַר וואָס זשע בּיסטו עובר אויף דוא חז"ל ווערטער . האָט אים ר"ש גיענטפֿערט . מיין ברודער זאָלסט וויסין אַז ווען איך בין גיוועזען אונ סקאָהל האָב איך געהאַט צווייא חברים וואָס מיר פֿלעגין בעזאַממען לערנען . האָט מען מיר מגלה געווען פֿון הימעל . אַזאַ מענטש וואָס שלאָפֿט נישט טויזינד נעכט נאָר ער לערענט תורה קען ער ווערין אַ אמת'ר געטליכער מאַן (אַמייל זאָגין אַז אֵלִי' זאָל זיך צוא אים בעווייזען) האָבין מיר צווישין זיך געמאַכט מיר זאָלען אָנהייבען אויף צו זיין בענאַכט אונ עוסק זיין בתורה . איין חבר האָט זיך פֿון אונז אָבגישייד נאָכדעם וואָס עס איז פֿערבייא גינאַנגין עטליכע הינדערט נעכט . אונ דער צווייטער חבר האָט זיך פֿון מיר אָבגישייד נאָכדעם וואָס עס איז פערפייא גיגאַנגין אַכט הינדערט נעכט . וויל זייער כח איז אָבגימאַטערט גיוואָרען אונ זייא האָבין נישט גיקענט בייא שטיין בין איך אַליין געבליבען . דוא לעצטע נאַכט פֿון דיא טויזינד נעכט איז גיווען אַגרויסער אונ אַשטאַרקער ווינט ער האָט צו ליינט בערג אונ צובראָכין
~~~~~~~~~~

ציבראָכן שטײנער ער האָט אויס ניבראָכן אַלע פענסטער פון בית המדרש און האָט פער לאָשין די לעכט. פאַר גרויס פחד בין איך אַרויס גילאָפען און האָב גיוואָלט אַהײם לויפען. נאָר דער רבי האָט מיר פערשטעלט דעם וועג. פאַר גרויס צער האָב איך אָנגעהויבען צו ווײנען פאַר השי״ת. מיט גרויס מידוקײט בין איך צוא געקומען צום אָרון הקודש. האָב איך גיעפענט די טירלעך. און האָב געשריגען פאַר השי״ת מיט מײן גאַנצען האַרץ. ביז השי״ת האָט זיך אויף מיר ער באַרימט דאָס דער שטורים ווינד איז שטיל געוואָרין. איז צו מיר צו געקומען אַ אַלטער מאַן און האָט מיט מיר געלערינט די גאַנצע תורה. און דער לעצטער דין וואָס ער האָט מיט מיר געלערינט איז גיוועז הלכות בית הכנסת. וויא אַזוי זשע קען איך איבער ענטפערין די הײליגע אַרבײט צו אַ אַנדערין מענטש. גלײב מיר מײן מהײערער ברידער. אַז ווען איך זאָל האָבען כח וואָלט איך אַלײן געבויעט פון דעם פונדאַמענט ביז צום סוף. נאָר השי״ת ווײסט דאָך דאָס איך האָב קײן כח נישט. נײערט דאָס וואָס איך בין בכח צו טוהן טיא איך אַלײן :

ז) דער רבי ר׳ שמעון פון יערוסלוב איז געקומען קײן בעלז נאָכדעם ווען די שוהל איז שוין גיוועזען פאַרטיג. האָט אים דער רבי אַרײן געפירט און שוהל ער זאָל זיא אָנקוקין. האָט ר׳ שמעון גיטאַפט מיט זײנע הענד אויף יעדער אָרט און האָט געזאָגט. גוט. גוט. נאָר אויף אײן אָרט האָט ער גאָר נישט געזאָגט. דאָס דער רבי ר׳ שלום געזאָגט, און דער צײַט ווען די מאָליאַרים האָבין געבויעט אויף דעם אָרט בין איך נישט געוועזן און דער הײם :

ח) און דערצײלט וואָס דער בעלזער רבי האָט געקאָנטשעט די שוהל. האָט ער געזאָגט צו זײנע הסידים איך אַלײן בין נישט ראוי צוא בענטשען די שוהל. נאָר עס איז פאַראַנדין אײנער און דעם דור. וואָס ער איז בכח מיר צו צוהעלפען צו בענטשען די שוהל. נאָר איך קען מיך נישט אונטער שטעלען צו רופען אים ער זאָל אַהער קומען. זײן כונה איז געווען אויף דעם רבי׳ן ר׳ יהושע העשיל תאומים פרענקיל פון קאָמאַרנא. ווי דער ר׳ יהושע העשיל האָט געהערט אַז דער בעלזער רב בענטשט די שוהל און ער אַלײן געפאָרין קײן בעלז. האָט דער בעלזער רב תיכף מרגיש געווען אַז דער רבי רב יהושע העשיל פאָרט צוא אים. האָט ער געזאָגט צו דער רביצין אַז זיא זאָל אָהנגרײטין גוטע מאַכלים אויף שבת. ווײל ער וועט האָבין אײן גרויסען און אַ אָרענטליכין אורח אויף שבת. פרײטאָג איז גיוועזין אַ מנהג אין בעלז אַז דער שמש פלעגט פרעגען דעם רבי׳ן ווען ער זאָל גײן קלאַפין אויף דער שטאָט מען זאָל לעכט צינדין. דיזין פרײטאָג האָט אים אויך דער שמש גיפרעגט האָט ער אים גיענטפערט. עס איז נאָך דאָ צײַט. אַזוי האָט אים דער שמש גיפרעגט עטליכע מאָהל און דער רבי האָט אים גיענטפערט עס איז נאָך דאָ צײַט. קײנער האָט נישט געוויסט זײַן כונה. ביז פאַר נאַכט איז גיקומין דער רבי ר׳ יהושע העשיל האָט דער רבי תיכף געהײסין דעם שמש קלאַפין און שטאָט מען זאָל לעכט צינדין. האָט

דער

דער בעלזער רב גיזאגט צום רבי'ן יהושע העשיל מיר האבין זייער גיוואלט אז איר זאלט זיין ביי אינז מיט מיר בענייען דיא שוהל. איך האב מיך נישט גיקענט אינטער שטעלין פון איך דאס צו בעטין. נאר גילויבט איז הש"י וואס ער האט דערפילט מיין בקשה אונ האט גיגעבין אונ אייער הארץ אריין אז איר זאלט צו מיר אליין קומין. אונ אדאנק צו השי"ת וואס עס וועט זיין נאך א צדיק וואס זאל מיר צו העלפין בענייען דיא שוהל:

~~~~~~

ח) דער בעלזער רב איז אמאהל גיוועזן אונ אשטאט האט ער דארט גידאווינד אונ א שוהל פארין עמוד. דיא שהול איז גיוועזין נעבין א אלט בית הקברות. ווייא ער האט אהן געהויבין צו זאגין דיא הויכע שמונה עשרה. אז ער האט גיקאנטשיט דיא ברכה מחי' המתים. האט דאס קהל נישט גיזאגט קיין קדושה ווייל זייא האבין אים נישט געהערט אוים לאזין דארך דעם ברימונג וואס איז גיווארין אונ שוהל אזוי ווייא איום טוב־דינין טאג. ביז דער רבי האט זיך גימיזט אוים דרייען צו זייא אונ זאל זייא געבין אווינק מיט דער האנד אז זייא זאלין זאגין קדושה. ווייא ער האט גיקאנטשיט דיא שמונה עשרה האבין זייא זיך פאר אים מתנצל גיוועזן פאר וואס זייא האבין אים נישט נאך גיזאגט קיין קדושה ווייל עס איז גיווארין אונ שוהל אגרויס ברימונג. אבער זייא האבין נישט געוויסט פון וואס דאס ברימונג איז האט צו זייא דער רבי ר' שלום גיזאגט אז דיא נשמות האבין זיך פערזאמילט אונ זענין גיקומין אונ שוהל אריין. ווייל זייא האבין געהערט דיא ברכה מחיי מתים.

זייא האבין גיקלערט אז עס איז שוין גיקומין דיא צייט דיא מתים זאלין לעבידיג ווערין פון זייא איז גיוועזן דער גרויסער שטארים:

~~~~~~

ט) מען האט גיזאגט אויף ר' שלום'ן ז"ל אז נאך דעם וואס ער איז אויף גיוועזין גאנץ הינדערט אונ גאנץ אונ נייניציג נעכט. איז אונ דער טויזענד־סטער נאכט צו אים גיקומין אלי' הנביא אונ האט מיט אים גילערינט הלכות בית הכנסת. דאמאלס האט ער זיך מתעורר גיוועזן צו בויען דיא שוהל. ר' שלום ז"ל האט גיזאגט אז ער האט גישטעלט דיא שוהל אויף אזעלכים ארט. וואס פון אקיינין אים ביז ירושלים גיפינט זיך נישט קיין צלם נישט קיין בילד:

~~~~~~

י) אמאהל איז דער בעלזער רב גיוועזן אונ ברדיטשוב ביי זיין ברידער הגאון ר' לייביש רוקח ז"ל. אונ ר' לייבישעס איידים. האט שוין געהאט טעכטער צום חתונה מאכין אונ דיא עלצטע מרת חי' איז איר זיוג זייער שווער גיוועזן אזוי ווייא קריעת ים סוף. האט דער רבי ר' לייביש גיבעטין זיין ברידער דעם רבי ר' שלום ז"ל ער זאל זייא בענטשין. האט ער זייא געהייסין פאר זיך ברענגין. ווייא זייא איז אריין גיקומין אונ דעם חדר אריין וואס דער רבי ר"ש איז גיוועזן. האט זייא זיך גישטעלט פון ווייטינס אונ אווינקיל אונ האט גיוויינט, ווייא דער רבי האט זייא גיזעהן האט ער צו איר גיזאגט. נאך וואס וויינסטו מיין טאכטער איך זעה דאך אז דיין הצלחה שיינט אזוי ווייא דיא הצלחה פון דער קייזערטע. אונ דעם צדיק'ס ברכה איז מקוים גיווארין זייא איז
~~~~~~

אכלה תיכף ניוואָרין . מיט דעם זוהן פון דעם רבי'ן ר' מאיר בראָדסק פון זלאָטאָפאָלי . דאָס פאר פאָלק האָבין זייער מצליח גיוועזן :

---

יא) דאָס איז באַוויסט אַז אונ זיין יונגינד האָט דער רבי ר"ש גילערינט ביי א ר' שלמה לויצקער . דער רבי ר' שלמה איז גיוועזן אַתלמיד פון דעם רבי'ן ר' בער ממעזריטש ז"ע . ווען ער איז אויף גינומין גיוואָרין פאַר איין מ"ם אונ סקאָהל . איז דאָרט גיוועזן אַגרויסער רב אונ אַצדיק וואָס ער איז גיוועזן אַמתנגד מען האָט אים גירופין דער אַשכנזי ווייל ער האָט גידאַווינט מיט דעם נוסח אַשכנז . בשעת ער האָט גידאַווינד פלעגט ער האַלטין אַשווערד מיט צווייא שאַרפין אונ זיין האַנד ער זאָל מקיים זיין וואָס עס שטייט אונ פסוק „רוממות אל בגרונם וחרב פפיות בידם" . דער אַשכנזי האָט גילייגט תפילין אונ חוה"ם . אונ דער רבי האָט נישט גילייגט קיין תפילין חוה"ם . דעריבער דעם ער טוין חוה"ם וואָס ער איז אַהין גיקומין האָבין דעם רבי'נס חסידים מורא געהאַט עס זאָל נישט ווערין אַ קריג צווישין זייא אַז דער אַשכנזי וועט זעהן דאָס דער רבי לייגט נישט קיין תפילין . וויא עס איז גיקומין דער ערשטער טאָג חוה"ם איז דער רבי גיקומען אונ בית המדרש אַריין . האָט ער זיך איינגעהילט אונ זיין טלית אונ האָט זיך בעדרייט צו דער וואַנד . אונ איז אַזוי געשטאַנען אַ ערך פון אַהאַלבע שעה . דער נאָך האָט ער זיך איבערגידרייט צום פערזאַמלונג אונ האָט געזאָגט . דיא חכמים ז"ל האָבען געזאָגט . אַז צוא תפילין דאַרף מען האָבין אַריינעם גוף דריבער ווער איז דער מענטש וואָס ער קען זאָגען איך האָב אוים געלייטערט מיין האַרץ איך בין ריין . אין מיין גוף איז נישט דאָ קיין פעהליר . ווער ווייסט נאָך צוא מיר זענען מקיים דיא מצות בשלימות . אַזוי וויא דער אייבערשטער האָט אויף אינז גוזר געוועזן . ווער ווייסט אויב אינזער שכר איז נישט אַרוים געגאַנגען מיט דעם היזק פון ברכות לבטלה ח"ו . נאָר וואָס קענען מיר טוהן . מיר מיזען דאָך מקיים זיין דיא מצוה פון השי"ת . דיא תורה איז דאָך נישט נעגעבען געוואָרין צו מלאָכים . נאָר פון דעסט וועגין אַז מיר האָבען אַעצה מיר זאָלען זיך פטרין איז אַוודאי בעסיר מען זאָל נישט לייגען קיין תפילין . וויא צו לייגין תפילין אָהן אַרייגעם גוף . איבער דעם אונ חוה"ם איז פערהאַנדען אַסך דעות מען זאָל נישט לייגען קיין תפילין . דאַרפען מיר זיך נוהג צו זיין אַזוי וויא דיא דעה . האָט דער אַשכנז נישווינגען את האָט גאָר נישט געזאָגט . האָבען דוא אַלע וואָס האָבין דאָרט געדאַווענט נישט געלייגט קיין תפילין . אַטייל זאָגען אַז דער אַשכנזישער רב האָט פון דאַמאָלס אָהן אויף געהערט צו לייגען תפילין אים חוה"ם :

---

יב) דער בעלזער רב איז אַמאָהל אין זיין יונגינד געפאָרען קיין לובלין צום רבי'ן אויף ראש השנה . אין מיטין וועג האָט אים באַגעגינט זייער אַשלאַפער מענטש פיהל מיט ווייטאָג . האָט אים דער מענטש געבעטין ער זאָל אים אויפנעמען אויף זיין קאָטש . נאָר ווייל עס איז געוועזן אַ ענג אָרט . האָט אים דער רבי אָבגעזאָגט דערפון . האָט עס דער מענטש געזאָגט . אויב איר וועט מיך נישט אויפנעמען אויף אייער קאָטש . בין איך פערלוירען פון ביידע וועלטין

אין

אִין עֶר הָאט אָנגעֶהוֹבּעֶן צוּ וויינעֶן.
הָאט דעֶר בּעֶלזעֶר רב אוֹיף אִים
רחמנות געֶהאַט אוּנ הָאט עֶס אוֹיף
געֶנוּמעֶן אוֹיף זיין וואָגעֶן. הָאט אִים
ר׳ שלום נעֶפרעֶגט עֶר זאָל אִים זאָגִין
וואָס עֶר הָאט דעֶר מיט געֶמיינט.
הָאט דעֶר מעֶנטש אָנגעֶהוֹבּעֶן צוּא
דעֶרציילִין דיזעֶ רייד. אִיך בִּין געֶוועֶזין
מיט אַיאָהר צוּריק אַגרוֹסעֶר עוֹשר.
פלעֶג אִיך תמיד פאָהרִין צוּם רבּי׳ן פוּן
לוּבלִין. אוּנ ווען אִיך בִּין גִיקוּמִין צוּא
אִים הָאבּ אִיך אִים שטעֶנדעֶג גִיבּרעֶנגט
אַהפּיך פּאַר אַמתנה. אַמאָהל הָאבּ
אִיך אִים געֶבּרעֶנגט זייעֶר אַטייעֶר הפּיך
וואָס עֶס אִיז בּייא אִים זייעֶר געֶליבּט
געֶוועֶן הָאט עֶר זִיך דעֶר מיט זייעֶר
געֶפרייט אוּנ עֶר הָאט צוּ מִיר געֶזאָגט.
בּעֶט עֶפּיס וואָס אִיך זאָל דִיר געֶבּין
רעֶר פאַר. הָאבּ אִיך צוּ עֶם געֶזאָגט.
רבּי. געֶלוֹיבּט אִיז השי״ת עֶס פעֶהלט
מִיר גאָר נִישט נאָר דאָס אִיז מיין
בּאַגעֶר אַז דעֶר רבּי זאָל מִיר מבטיח
זיין. אַז מיין חלק זאָל זיין מיט עֶם
אוֹיף יעֶנעֶר וועֶלט. הָאט עֶר מִיר
דעֶרוֹיף מבטיח געֶוועֶן אַזוֹי וויא אִיך
בִּין פוּן אִים אַרוֹיס געֶגאַנגעֶן. אִיז
דעֶר רבּי געֶזעֶסעֶן אִין הָאט זִיך זייעֶר
מצער געֶוועֶן אוּנ חרטה געֶהאַט
דעֶרוֹיף. הָאט דעֶר רבּי נאָך מִיר
געֶשִיקט. אִין הָאט מִיר געֶזאָגט.
אִיך בּעֶט דִיך זייא מִיר מוֹחל אוֹיף
מיין הבטחה. וועֶל אִיך דִיר געֶבּעֶן
וואָס דִיא וועֶסט וועֶלעֶן. הָאבּ אִיך
עֶס גִיעֶנטפעֶרט אַפִילוּ דעֶר רבּי זאָל
מִיר געֶבּין זיין שטוּהב פִיל מיט גאָלד
אוּנ זילבּעֶר וועֶל אִיך עֶס נִיכט מוֹחל
זיין. דאַמאָלס הָאט דעֶר רבּי געֶזאָגט
הֶער אוֹיס וועֶל אִיך דִיר זאָגִין. איין
תנאי הָאבּ אִיך נאָך אוֹיף מיין הבטחה.
אַז דִיא וועֶסט יעֶדעֶר ר״ה צוּ מִיר
קִימעֶן. דִיא וועֶסט נִישט פעֶהלִין
איין ר״ה דאַמאָלס וועֶט דִיר אַזוֹי זיין.

אוּנ אִיבּ נִישט וועֶל אִיך זיין ריין
פוּן מיין הבטחה. פוּן דאַמאָלס אָהן
הָאבּ אִיך אַלעֶ מאָהל אָהנגעֶהוֹבּעֶן
אָרימעֶר צוּ וועֶרעֶן. בִּיז אִיך דאַרף
שוֹין יעֶצט אַרים גייִן אוּנ דִיא הייזעֶר
פוּנ דעֶסטוועֶגעֶן טִיא אִיך מיינס אַלעֶ
יאָהר בִּין אִיך געֶפאָהרעֶן קיין לוּבּלִין
אוֹיף ראש השנה דעֶרנאָך בִּין אִיך
ווירעֶר געֶשטראָפט געֶוואָרִין מיט
וויטאָג. אִיך בִּין געֶוואָרעֶן הִינקעֶדִיג
אִיך הָאבּ אוּנ מִיר נִישט קיין גאַנץ
אבר. נאָר דאָס אַלעֶס הָאט מִיך נִישט
אוֹיף געֶהאַלטעֶן פוּנ צוּא פאָרִין קיין
לוּבּלִין אוֹיף ר״ה. נאָהר דאָס יאָהר
לִיג אִיך שוֹין שלאַף אַפּאָהר הדשים.
הָאבּ אִיך דעֶרווייל געֶמוּזט אָנהייבּעֶן
אַרִים צוּ גייִן בּעֶטִין נדבות אִיך זאָל
הָאבּעֶן עֶסִין. אוּנ מוּמעֶן וועֶג
הָאבּ אִיך מִיך דעֶרמאַנט אַז אִיך
דאַרף זיין אוּנ לוּבּלִין אוֹיף
ר״ה. אוּנ דִיא טעֶג יאָגִין צוּא. אוֹיף
קיין הוֹצאוֹת פוּן ווֶעג הָאבּ אִיך נִישט.
אוּנ אִיך בִּין אַ מעֶנטש פִיל מיט
וויטאָג אַזוֹי וויא אִיהר אַליין זעֶהט.
וועֶרט אוּנ מִיר מיין הארץ פאַר קעֶהרט
אַז אִיך דעֶר מאַן מִיך דאָס דאָזִיגעֶ.
דעֶרִיבּעֶר הָאבּ אִיך אַנגִישטעֶלט מיין
לעֶבּין אוּנ הָאבּ מִיך גִישטאַרִיקט מִיט
מיין גאַנצִין כח אַז אִיך זאָל קעֶנִין גייִן
אוֹיף דִיא פִּיס. עֶס אִיז שוֹין עֶטלִיכעֶ
הדשים וואָס אִיך גייא אוּנ וועֶג
אִיך הָאבּ נִישט קיין מנוחה בּייא טאָג
אוּנ בּייא נאַכט. נאָר אִיך ווייס אָבּעֶר
אַז אִיך וועֶל גייִן צוּ פִּיס וועֶל אִיך
זעֶכִיר נִישט קוּמִין קיין לוּבּלִין אוֹיף
ר״ה. דאַמאָלס וועֶל אִיך דאָך זיין
פעֶרלוּירִין פוּן בּיידעֶ וועֶלטִין. אוּנ
אַזוֹי וויא עֶר הָאט גִירעֶדט הָאט עֶר
אָנגעֶהוֹיבִּין זייהר צוּ וויינִין אוּנ פוּן
זיינעֶ אוֹיגִין הָאבִּין גִינאָסִין פִיעֶל
טרעֶרִין. הָאט צוּ אִים ר״ש גִיזאָגט.
אִיך וועֶל דִיר טוּהן אַ טוֹבה בּייא דעֶם
רבּי׳ן

רביץ פון לובלין . ווִיא זײַא זענִין גיקומִין קײַן לובלין זענִין זײַא תיכף אַרײַן גינאַנגִין צום רבִי׳ן . ווִיא דער רבִי האָט דעם מענטש דער זעהן האָט ער גיזאָגט מִיט ציטערנִיש . דִיא בִּיסט אַיך דאָ ? אִיך האָב שוֹין נִישט גיקלערט צו זעהן דִיך דאָס יאָהר . האָט דער בעלזער רב צו אִים גיזאָגט . רבִי . האָט שוֹין רחמנות אויף דעם מענטש וואָס ער האָט זִיך מוסר נפש גיוועזן פון וועגִין ער זאָל האָבִין אַחלק אויף יענער וועלט . האָט אִים דער רבִי מבטיח גיוועזן אַז ער וועט ממלא זײַן זײַן בקשה . נאָך ר״ה אִיז דער מענטש גישטאָרבִין און דער רבי פון לובלין האָט זִיך מִיט אִים אַלײַין מתעסק גיוועזן און האָט אִים בעגראָבִין . זכותו יגן עלינו ועכ״י אמן :

יג) דער רבי ר׳ אִיטשע חריף אִיז און זײַן יתִינד גינאַנגִין מִיט נאָך מענטשִין חסידים קײַן בעלז . און
דאָרך דעם נײַן זענִין זײַנע פִים גישוואָלִין גיוואָרִין ווִיא ער אִיז גיקומִין עש״ק פ׳ ואתחנן קײַן בעלז האָט ער נִישט גיקענט רירִין מִיט זײַנע פִים נאָר ער האָט גימוזט לִיגִין און בעט און ער האָט געהאַט גרויסע יסורִים . האָט ער גיבעטִין זײַנע חברים זײַא זאָלִין אִים מזכִיר זײַן בײַא דעם רבִי׳ן . האָבִין זײַא אִים דער מאַנט פאַר דעם רבִי׳ן פרײַטִיג צו נאַכט האָט ער זײַא גיגעבִין אַשטִיקִיל חלה זײַא זאָלִין אִים געבִין . און דער פרִיה האָט ער זײַא אויך גיגעבִין אַשטִיקִיל חלה זײַא זאָלִין אִים געבען אָבער עס אִיז אִים אַלץ נִישט בעססער גיוואָרִין . עס האָט אִים אַלע מאָהל מעהר וויא גיטוהן . פאַר נאַכט בײַא מנחה האָט דער רבִי גילײַינט און ספר תורה פ׳ עקב . ווִיא ער האָט גילײַינט דעם פסוק „שמלתך לא בלתה מעלך ורגלך לא בצקה״ האָט דער רבִי ר׳ אִיטשע באַלד דער פִילט און דער הײַם אַז עס אִיז אִים בעסער גיוואָרִין . האָט ער גיפרִיבט אַראָפּ צו שטעלִין זײַן פִים אויף דער ערד אִיז ער גיוועזן גיזוִינד אַזוי ווִיא יעדער מענטש אִיז ער תיכף גילאָפִין צום רבִי׳ן און ער אִיז דאָרט גיוועזן בײַא שלש סעודות . עס אִיז גיקומִין זונטאָג אִיז דער רבִי ר׳ אִיטשע אַהײַם גינאַנגִין . דער נאָך האָט דער רבִי ר׳ אִיטשע דערצײַלט אַז ווען ער אִיז דאָרט גיוועזן האָט ער אַלײַן גיזעהן אַז עס אִיז אַרײַן גינאַנגִין אַשלאַפער וואָס ער אִיז גיוועזן קרעצִיג פון קאָפּ בִּיז צו דִיא פִים צום רבִי׳ן האָט דער רבִי ניטאַפּט מִיט זײַנע הענד אויף זײַן גוף און האָט אִים גיפרעגט . דאָ טוט דִיר ווײַא ? און ווִיא ער האָט אָהן גירִירט מִיט זײַנע הענד האָט דער מענטש גיזאָגט אַז עס טוט אִים שוֹין נִישט ווײַא . האָט ער גיטאַפּט מִיט זײַנע הענד אויף זײַן גאַנצִין גוף אִיז דער מענטש אַרויס גינאַנגִין פון דעם רבִי׳ן גיזוִינד אַזוי ווִיא יעדער מענטש .

יד) אַמָאהל אִיז ר״ש מבעלז גיוועזן אויף שבת און קאַמִינקאַ.
פרײַטאָג צו נאַכט האָט דער רבִי גידאַווִינד מנחה פאַרִין עמוד . ווִיא עס אִיז גיקומִין צוא קדושה האָבִין דאָס ציבור נאָך נִישט גיזאָגט קײַן קדושה . ווִיא ער האָט גיקאָנטשִיט זײַן דאַווינִין האָט ער צו זײַא גיזאָגט פאַר וואָס האָט איר נִישט גיזאָגט קײַן קדושה האָבִין זײַא צו אִים גיענטפערט אַז זײַא האָבִין נאָר נִישט געהערט דוא קדושה . האָט דער רבי ר״ש גיזאָגט אַז אונטער דער שוהל אִיז אַ בית הקברות . ווִיא דִיא מתים האָבִין דערהערט דִיא ברכה מחיי המתים

בײַא

גייט ארויס פון דעם רבין'ס טויל האבין זייא גיקלערט אז עס איז גיקומין דיא צייט פון תחית המתים. זענין זייא אלע אויף גישטאנין פון דיא קברים איז געווארען א גרויסער רעש. דעריבער האט איר נישט געהערט מיין קדושה. האט ער תיכף געהייסין דוא כהנים זייא זאלען ארויס גיין פון שוהל. אונ זונבאג האט דער רבי געזאגט צו ר' שלום קאמינקער. קאמינקער רב וואס וועט איר טוהן? האט ער איהם גיענטפערט איך דארף מיך נישט בעראטין אונ קיין דיינים איך בין א יחיד אונ אהלות. האט ער תיכף גיהייסין גראבין אינטער דער שוהל האט מען דארט גיפינין מענטשליכע בייגער גרויסע אונ משונה־דיגע. האט אחסיד אידא שטים פון קאמינקא דער ציילט אז ווען ער איז קליין גיוועזן האט ער גיפירט מיט נאך יונגלעך דוא ביינער אויף א וועגעלע מען זאל זייא בעגראבין אויף א בית הקברות. אונ דער רבי האט געזאגט. אז שלמה המלך ע"ה האט גישיקט זיין שר אדוגירם ער זאל צו זאמין נעמין פאדאטיק מיט אגרויס היל זענען זייא אויף דעם ארט נעהרגט גיווארין:

~~~~~~~~

טו) דיא צווייטע טאכטער פון ר' שלום מבעלז איז גיוועזן דוא רבנית מרת איידילע. זיא האט זיך גיפירט מיט רבנות. אונ מען האט איר גינעבין קוויטלעך. איר פאטער האט אויף איר געזאגט. מיין איידילי פעהלט נאר דעם ספאדיק. אונ בראדי איז גיוועזן איינער וואס איז קראנק גיוועזן אויף דער לינג מיט דער בריסט אונ דוא רופאים האבין איהם מיאש גיוועזן פון זיין לעבין. אמאהל האט איהם גידינין דאס בליט פון זיין האלז. האבין איהם דוא דאקטוירים געזאגט. אז דאס בליט איז דאס לעצטע שטיקיל לינג. ער וועט שוין נישט לאנג לעבין. זענין זיין בני בית צוא איר גילאפין מיט גרויס שטארים האט זיא געזאגט בייא מיין פאטער איז אויך גיוועזן אזא מעשה האט מיין פאטער געזאגט. ערשטינס גלייב איך נישט צו דעם וואס דוא רופאים זאגין אז ער האט שוין נישט קיין לינג. צווייטינס אפילו ער האט שוין נישט קיין לינג. ווער זאגט דען דאס אמענטש דארף האבען א לינג? דער וואס האט גיזאגט אז אמענטש קען לעבין מיט א לינג זאל ער זאגין אז ער זאל לעבין אהן אלינג. איז דער מענטש צוריק גיזינד געווארין. אזוי פאר האף איך צו השי"ת אז דער מענטש וועט צוריק געזינד ווערען. עס איז אזוי גיוועזן דער מענטש איז געהיילט גיווארען אונ ער האט דער נאך גילעבט אסך יאהרין:

~~~~~~~~

טז) עס איז גיוועזן א חסיד וואס ער־פלעגט אלע מאהל קומין צו איהם מיט זיין שטעקען קיין בעלז אויף דער עלטער. דער מענטש איז אמאהל געלעמט געווארין ר"ל אויף זיין גאנצין גוף. האט מען איהם גיפירט צו ר' שלום־ין קיין בעלז אויף אוואגין אזוי וויא אטויטען. ווייא זייא זענען גיקומען צום רבין האבען איהם מענטשין אריין געטראגין צום רבין אונ האבין איהם גילייגט אויף אלאנגע באנק. האט דער רבי אויף איהם געטאפט מיט זיין הייליגע האנד אויף דעם גאנצין גוף. האט ער זיך אונ איין רגע אויף געהויבין אונ גאנצין געזינד. אונ ווען ער איז צוריק געפארען איז ער אראפ גענאנגען פון זיין וואגען אויף אלע הויכע בערנער־

כדי ער זאל נישט שווער מאכען צו דיא פערד. פלעגט ער דוא מעשה דערציילין אלע מאהל :

---

יז) ר׳ שלום מבעלז פלעגט זאגין בזה״ל : ווער עס האט ניקענט דעם רבי׳ן פון לובלין האט ער געזעהן וויא וויט א מענטש קען גרייכין. אונ ער האט געזאגט בזה״ל : ווער עס האט נעקענט דעם רבי׳ן ר׳ איציקיל האט געזעהן צו האס א בשר ודם קען קומען. אונ דער וואס האט ניקענט דעם הייליגין מגיד פון קאזניץ. דער האט גיזעהן וויא איוד האט ליב דעם אייבערשטין ער איז געווען זייער אשלאפער מענטש אונ עס איז גיקומין צום דאווענען איז ער געווען שפאריק וויא א ליב. דארך דעם גרויסין ליבשאפט צוא השי״ת. פאר גרוים ליבשאפט פלעגט ער זאגין א פויליש ווערטיל צו השי״ת מיט דיזין לשון. מאי קאחאניק. אונ בשעת דער בעלזער רב פלעגט דאס צו דערציילען איז ער גיווארין מיט ליבשאפט צוא השי״ת אונ זיין פנים האט געברענט וויא אפייער. נאך האט דער בעלזער רב געזאגט אז דאס ענין פון טאפען מיט דיא הענד צו אשלאפען אויף זיין גאנצין גוף אונ ער זאל געהיילט ווערין דאס ענין האט ער מקבל געוועזן פון דעם קאזניצער מגיד זכותו יגן עלינו ועכ״י אמן :

---

יח) **אונ** דער צייט ווען ר׳ שלום מבעלזא איז גיוועזין ביא דעם מגיד פון קאזניץ. איז גיוועזן פרייטיג פאר שחרית. אונ דער מגיד האט דאמאלס גיוואלט גיין דאווינין. האט אים דער בעלזער רב גיזאגט. אז ער האט אצעטיל פון עטליכע היימישע מענטשין אויך האט ער עטליכע פדיונים. האט דער קאזניצער מגיד צו איהם גיזאגט מיט דיזין לשון „נעלד״ וועל איך נאך לייענין פארין דאווינין. ווייא ער האט אנגעהויבין צוא לייגין. האט ער גירופען דעם בעלזער רב אונ האט צו אים גיזאגט לאמיר לייגין ביידע. האט דער בעלזער רב דער נאך גיזאגט. דענצטמאהל האט ער מיך אוים גילערינט לייגין א קוויטיל :

---

יט) **אמאהל** איז גיקומין פאר דעם רבי׳ן ר״ש מבעלז אשלאפער ער האט געהייסין שמעון. זיין קרענק איז גיוועזן. ער איז שלאף גיוועזן אויף דער לינג. אלע רופאים האבין אויף אים גיזאגט אז ער האט נישט קיין שום רפואה. וויא דער רבי האט גילייגט דאס קוויטיל וואס דער שלאפער האט אנידער גילייגט האט ער גיזאגט מיט דיזען לשון. דיא הייסט דאך שמעון. אונ ר׳ שמעון האלט דאך אז דיא לינג איז גילעכירט איז נישט טרפה ביז עס זאל גילעכירט ווערין ביז צוא רערליך. אונ דיין ריאה איז נאך נישט גילעכירט ביז צוא דיא רערליך בימטו נישט טרפה. עס איז אזוי גיוועזן ער איז צוריק גיזינד גיווארין כאחד האדם :

---

כ) **דער** בעלזער רב בשעת ער איז גיפארין צום סטרעליסקער רבי׳ן. אונ דער שטייגער פון דעם סטרעליסקער איז גיוועזן אז עס איז צו אים גיקומין וועלכער רבי ער זאל אים מסמיך זיין פאר רב. האט ער אים מכבד גיוועזן צו טרינקין משקה. אונ האט געהאט א בעזינדערין כוס אויף דעם אונ ווען דער בעלזער רב איז גיקומין. האט ער אויך גיזאגט צום משמש אז ער

זאָל ברענגען דעם גרויסען כוס . האָט דער בעלזער רב געזאָגט . איך האָב מתפלל געווען . און ווי ער האָט אָנגעהויבן אַריין צו גיסן די משקה אין דעם כוס אַריין איז דער כוס צו שפּאַלטן געוואָרן . האָט ער געהייסן דעם משמש ברענגען אַ אַנדערן כוס . האָט דער בעלזער רב געזאָגט . האָב איך ווייטער מתפלל געווען איז דער כוס ווידער צו שפּאַלטן געוואָרן . ווי דער סטרעליסקער האָט דאָס געזעהן האָט ער געזאָגט מיט דיזין לשון . איז דאָך פון דאַנען גידרונגן אַז ער איז נערעכט :

כא) דער רבי ר"ש מבעלז און זיין יוגנד פלעגט ער צו פאָהרן צום רבי'ן פון לובלין . ער האָט נישט געהאַט אין דער היים קיין שום עסק פון וואָס זיך מפרנס צו זיין . און קיין רב האָט ער פריער בשום אופן נישט געוואָלט ווערן . נאָר ער האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ מסחר ער זאָל זיך מפרנס זיין בנקיות . און ווייל ער האָט נאָך געהאַט עפּיס געלד פון זיין נדן . האָט ער זיך אָבגעקלערט ער זאָל זיך נעמען אַ שיתוף וואָס ער איז ניט געניט און משא ומתן און זיי זאָלן האַנדלען בשותפות . כדי ער זאָל זיין לעדיג . וועט ער נישט מבטל זיין פון תורה ותפלה . האָט ער זיך אָבגעקליבן איינעם מאַן וואָס ער איז געווען בקי און משא ומתן און זיי האָבן שותפות געמאַכט . נאָר זיי האָבן נישט געוואָלט אָנהייבן צו האַנדלען ביז זייער רבי וועט דער צו מסכים זיין און וועט זיי בענטשן . עס איז אַזוי געוועזן זיי זענען געפאָרן ביידע קיין לובלין זענען זיי אַריין גינאַנגען איינציג ווייס פאַר'ן דעם רבי'ן . ווי דער רבי ר' שלום איז אַריין גינאַנגען . האָט אים דער רבי מסכים גיווען ער זאָל שותפות מאַכן מיט זיין חבר און אַז זיין חבר איז אַריין גיגאַנגען און האָט גיפרעגט . האָט אים דער רבי געזאָגט אַז ער זאָל נישט שותפות מאַכן מיט דעם רבי'ן ר"ש . דער נאָך אַז זיי האָבן איינער דעם צווייטן דער ציילט דעם רבי'ן'ס תשובה . איז עס בייא זיי געווען אַזוי ווי אַ פערמאַכט רעטעניש און זיי האָבן נישט געוויסט וואָס צו טוהן . זענען זיי געזעסן אין לובלין עטליכע וואָכן ווי זיי האָבן געוואָלט אהיים פאָהרן זענען זיי נאָך אַמאָהל גיגאַנגען צום רבי'ן איינער נישט פאַרן צווייטן האָט ער זיי ווידער אַזוי געענטפערט . דעם האָט ער געזאָגט ער זאָל נישט שותפות מאַכן און ר"ש האָט ער געזאָגט אַז עס איז ניט ער זאָל שותפות מאַכן מיט זיין שותף . זענען זיי געווען פאַר אירט און האָבן נישט געוויסט וואָס ציא טוהן . און דאַמאָלס איז געקומען קיין לובלין דער יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע זענען זיי ביידע געגאַנגען געבען שלום . און האָבן עס דערציילט די גאַנצע געשיכטע . האָט זיי דער יוד הקדוש געהייסען האַנדלען בשותפות . האָטש דער שותף האָט געקלערט דרינען פון דעסט וועגען האָט ער געהאָרכט די עצה פון דעם יוד הקדוש . זענען זיי אַהיים געפאָהרן פריילעך און האָבן אָנגעהויבען צו האַנדלען . עס איז נישט אַוועק געגאַנגען קיין יאָהר האָבן זיי היזק געהאַט דעם האַנדל און עס איז זיי ביידע נישט געבליבן קיין פרוטה . זענען זיי געפאָהרען קיין לובלין און האָבן געוואַרט ביז דער יוד הקדוש איז געקומען קיין לובלין האָבען זיי עם דערציילט די מעשה האָט זיי דער יוד הקדוש געזאָגט פשט און דעם רבי'ן פון לובלין

לובלין'ס ווערטער. דען דער רבי האָט געזעהן ברוח הקודש אַז איר ווערט היזק האָבען אַז איר ווערט האַנדלין בשותפות. דעריבער האָט ער געזאָגט צום צווייטען ער זאָל נישט האַנדלען בשותפות. אונ דעם רבי'ן ר"ש האָט ער געזאָגט ער זאָל יאָה האַנדלען. וויל דער רבי האָט געוויסט אַז ר"ש וועט היזק האָבין זיין געלד וועט ער מיזין ווערין רב. אונ דאָס איז אַטובה פאַר אים אונ פאַר דעם כלל יודין. וויל דאָס דור דאַרף אים האָבין אונ כל זמן ער האָט נאָך געהאַט עפיס געלד האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט ווערין קיין רב. אונ איך האָב אָבער גיזעהן אַז דער שותף וועט נישט וועלין האַנדלין מיט אים דאַרך דעם רבינ'ס תשובה. דעריבער האָב איך אים אָנגירעדט אַז ער זאָל בעסער האַלטין דעם רבינ'ס ערשטע תשובה. וויל לטובת הכלל איז איין דינג דוחה. איז גלייך אַז דער שותף זאָל היזק האָבין עטליכע הינדערט גילדין. וויל דאָס דור דאַרף ר"ש האָבין. דער נאָך איז ר"ש אַהיים גיפאָרין אונ איז גיוואָרין רב:

~~~~~~~~

כב) דער רבי ר' יהושע מבעלזאָ ז"ל איז אַמאָהל צוריק גיפאָהרין מיט זיין ברידער ר' אלעזר פון רייזין נאָהנט צוא פורים. זענען זייא געקומין אים אסתר תענית אונ אַקרעטשמע אַריין אונ אַדאָרף צווישין קולאַקאָיו אונ זאַלקאָווא. האָבין זייא דאָרט גירוהט בייא נאַכט צו הערין לייגין דיא מגילה. אונ זיין ברידער ר' אלעזר אַזוי האָט דער רבי דערציילט. האָט געהאַט זייער גרוים עג"נ פאַרוואָס ער האָט נישט זוכה גיוועזן דאָס יאָהר צו הערין דיא מגלה לייגין פון אינזער פאָטער. דען יעדער וואָס האָט אים נעהערט דיא מגלה לייגין איז ער גיוואָרין פיל מיט פחד אונ ציטערניש פאַר השי"ת. ווען דער רבי ר"ש איז אונ זיין יוגינד געוועזן בייא דעם רבי פון לובלין האָט אים דער רבי מכבד גיוועזן ער זאָל לייגין דיא מגילה און נאָך דעם לייגין האָט דער רבי פון לובלין גיזאָגט: דיא מעשה האָב איך שוין לאַנג נעהערט נאָר אַזוי שיין וויא דער יונגערמאַן דערציילט. האָב נאָך נישט נעהערט אונ יעצט האָבין זייא געהערט דיא מגילה לייגין פון אַפראָסטין מענטש. אָבער דער רבי ר' יהושע האָט אויף זיך גיזאָגט אַז ער פרייט זיך זייער אויף דעם וואָס ער האָט זוכה גיוועזן ער זאָל מקיים זיין צו הערען דיא מגילה לייגין אָהן אַשום פני'. וויל אַלע יאָהר אַז ער האָט געהערט דיא מגילה לייגין פון זיין פאָטער. האָט ער נישט אַזוי מכוון געוועזן ער זאָל יוצא זיין לשם מצוה. וויל יעדער וואָרט וואָס עס איז אַרויס גיגאַנגין פון זיין פאָטער'ס מויל איז בייא אים געוועזן זיסער פון האָניק. אָבער דאָס יאָהר וואָס ער האָט געהערט דיא מגילה לייגין פון אַ פראָסטין מענטש. האָט ער נאָר אונ זינן געהאַט ער זאָל מקיים זיין דיא מצוה אַליין. נאָך דער מגילה האָבין זייא אָב גיגעסין. אונ האָבין זיך גילייגט אַביסעל שלאָפען. וויא ר' יהושע איז אַנטשלאָפין גיוואָרין איז צוא אים גיקומין אַ אַלטער מאַן און האָט אים געזאָגט אַדבר תורה. האָט זיך ר' יהושע'לי אויף גיכאַפט פון זיין שלאָף אונ האָט געזאָגט צו זיין ברידער אַז מען זאָל גיין פאָהרען זענין זייא גיפאָהרין. אונ דער פריא האָבין זייא נעהערט די מגילה לייגין אונ דער שטאָט מאָסט. דער נאָך זענין זייא נעפאָרען קיין בעלז. וויא זייא זענען גיקומין קיין בעלז האָבין זייא געהערט
~~~~~~~~

אַז זײַער פאַטער גייט צום טיש צו סעודת פורים זענען זיי א תיכף גיגאַנגען צוא דער סעודה, אונ מיטן דער סעודה האָט דער רבי ר״ש גזאָגט דיא דברי תורה וואָס זײַן זוהן ר׳ יהושע׳לי האָט געהערט פון דעם זקן. אונ וויא ער האָט גיקאָנטשיט דיא דברי תורה האָט ר׳ שלום גיקוקט אונ דעם פנים פון זײַן זוהן ר׳ יהושע׳לי אונ האָט אים גיפרעגט. צו האָב איך אַלעס גיזאָגט אַזוי וויא דיא האָסט געהערט פון דעם זקן? ר׳ ישיעלע פלעגט זאָגין אַז פיעל מאָהל האָט ער גיפילט דיא צײַט וואָס אלי׳ הנביא איז גיוועזן בײַא זײַן פאָטער. האָט ער גיזאָגט אַז דאָס מאָהל איז אויך גיוועזן וואָס ער האָט גיפיעלט אַז אלי׳ איז דאָ בײַא זײַן פאָטער:

~~~

כג) דער רבי ר׳ ברוך האַלבערשטאַם פון נאָרלין האָט דער ציילט

אַז ווען ער איז גיפאָרין דאָס ערשטע מאָהל מיט זײַן פאָטער ר׳ חיים צאַנזער קײַן בעלז. האָט זיי א גיטראָפין דאָס דער בעלזער רב איז גיזעסין בענאַנד מיט דער רביצין בײַא אַטיש אונ דאָס חדר וואָס זיי א זענין דערינין גיזעסין זענין דיא ווענט גיוועזן פון ברעטליך. אונ דער רבי ר״ש פלעגט רעדין מיט דעם צאַנזער רב מיט דעם לשון „דיא״ אונ צו ר׳ ברוך־ין האָט ער גיזאָגט מיט דעם לשון „איר״ איז דיא זאַך גיוועזן אַווינדער בײַא ר׳ ברוך־ין אונ ער האָט פערשטאַנין אַז ער האָט נישט קײַן חן בײַא דעם רבי׳ן, וויא זיי א זענין אַרויס ניגאַנגין האָט דער צאַנזער רב גיפרעגט זײַן זוהן. וויא אַזוי האָבין דיר עפיס אויס גיזעהן דער רבי מיט דער רביצין? האָט ער אים גיענטפערט. אַז ער איז אַרײַן גיקומין האָבין זיי א אים אויס גיזעהן אַזוי וויא אדם מיט חוה איידער זיי א האָבין גיזינדיגט האָט זײַן פאָטער צו אים גיזאָגט. איך שווער בײַא דײַן לעבין אַז בײַא מיר האָבין זיי א אויך אַזוי אויס גיזעהן. האָט ער אים ווידער גיפרעגט וויא אַזוי האָט דיר אויס גיזעהן דאָס חדר וואָס זיי א זענין דערינין גיזעסין? האָט ער גיזאָגט אַזוי וויא דער גן עדן. האָט אים זײַן פאָטער גיזאָגט. מײַן זוהן דיא האָסט גיט גיזעהן. ווײַל איך האָב אויך אַזוי גיזעהן. דאַמאָלס האָט אים ר׳ ברוך גיזאָגט. מאַטי פאַר וואָס צו דיר האָט ער גיזאָגט. דיא. אונ צוא מיר האָט ער גיזאָגט. איר? האָט אים זײַן פאָטער גיענטפערט. מײַן קינד. דיא האָסט אַ וודאי נישט גיטוהן קײַן תשובה וויא עס געהער צוא זײַן. דעריבער האָט ער צוא דיר גירעט מיט אַ לשון איר. האָט ר׳ ברוך דערפין נעהאַט זייער גרויס צער אונ ער האָט גיוויינט אַגאַנצין טאָג אונ האָט תשובה גיטוהן צו השי״ת מיטן גאַנצין האַרץ. אויף דער נאַכט אַז זיי א זענין ווידער גיקומין צו ר״ש האָט ער צו ר׳ ברוך־לין אויך גיזאָגט מיט דעם לשון דיא. אַזוי וויא צו זײַן פאָטער ז״ל:

~~~

כד) אונ דער שטאָט מאָסט איז גיוועזן זייער אַ שטאַרקער מאַן עס האָט אים יעדיר פײַנד געהאַט ווײַל ער האָט נעהאַט זייער פיעל שלעכטע מעשים. ער פלעגט שטענדיג פאָהרין צום רבי׳ן ר׳ שלום מבעלז. אַמאָהל איז דער מענטש שלאַף גיוואָרין אויף אַזאַי קרענג וואָס ער איז גיוועזן אַ מסוכן. האָט זיך דיא גאַנצע שטאָט גיפרייט. אונ דער מיט האָט זײַן ווײַב גיווינין אַ בן זכר האָט דער מענטש גישריבין אַבריף צום רבי׳ן אַז ער זאָל אים מכבד זײַן מיט סנדקאות. אונ דאָס איז דאָך ווייסיגלעך אַז דער רבי ז״ל פלעגט צו פאָהרין אויף אַ ברית מילה

אפילו

אַפילו אויף ווייפיל מאָל . בפרט דיא שטאָט מאָסט איז נאָכר גיוועזען ווייט פון בעלז צוויא מייל . האָט זיך דער רבי נרייט גימאַכט צו פאָהרין קיין מאָסט . איז ציא אים אַריין גיגאַנגין זיין ווייב דיא רעביצין . אונ האָט צו אים גיזאָגט מיין דעה איז אַז דיא זאָלסט אַהין נישט פאָהרין . ווייל עס וועט דעם חולה נאָך זיין אַרעה . זיין זוהן ר' יהושעלי האָט גיזעהן מיט זיין חכמה אַז זיין מיטער דיא צדיקת איז גירעכט . נאָר פון דעסט וועגין ווייל ער האָט שאָרט גיזעהן אַז זיין פאָטער ר"ש וויל פאָרין האָט ער אים נישט גיוואָלט פערמיידין דער פון . וויא דער רבי איז אַהין גיקומין צוא אים אונ שטיב אַריין האָט ער תיכף אָנגעהויבין צו הערין אַ גוסס אונ איז גישטאָרבין . האָט מען דעם קונד אַ נאָמין גיגעבין נאָך אים . וויא דער רבי איז אַהיים גיקומין האָט ר' יהושעלי גיזאָגט צום פאָטער . מיין מיטער האָט דאָך היר גיזאָגט אַז דיא זאָלסט אַהין נישט פאָהרין . האָט אים דער רבי גיענטפערט מיין זוהן איך וויים שוין פון לאַנג אַז דיין מיטער איז אַקלוגע . נאָר אַז זיא האָט שכל אַזוי וויא דער בעש"ט תלמידים האָב איך נישט גיוויסט :

〰〰〰

כה) **אַמאָהל** איז אַשלאָפער גיקומין צום רבי'ן . איז ער דאַמאָלס גישלאָפין . האָט דיא רעביצין אים גיפרעגט וואָס זיין בקשה איז . האָט ער איר גיזאָגט . אַז עס איז שוין אַ יאָהר וואָס זיין פוס טוט אים זייער וויא . האָט זיא צו אים גיזאָגט אַז ער זאָל אויף זיך נעמין אַז אַלע טאָג זאָל ער אָהן צינדין אַלעכטיל אונ בית המדרש וועט עהר געהיילט ווערין איז איהר ברכה מקוים גיוואָרין אונ דעם מענטש . חיא דער רבי איז דאָס

גיוואָר גיוואָרין האָט ער זיא גיפרעגט פון וואַנית האָסטו דאָס גיוויסט . האָט זיא גיענטפערט . דוד המלך האָט דאָך אַזוי גיזאָגט . נר לרגלי :

〰〰〰

כו) **בשעת** דער רבי ר' שלום מקאַמינקאָ האָט אַשידוך גיטוהן מיט זיין זוהן ר' יהושיע מיט דעם צדיק ר' מרדכי דוד אינגער פון דאָמבראָווא . נאָך דיא תנאים איז דער קאַמינקער רבי גיפאָרין מיט זיין זוהן קיין בעלז צו שרייבין דיא תנאים ביים דעם רבי'ן . האָט דער רבי גילייענט דעם נאָמין פון דער כלה מיט אַ אַנדערין נאָמין . האָט אים דעם קאַמינקער רב גיזאָגט אַז ער האָט זיך טועה גיוועזען . דען זיא הייסט אַ אַנדערין נאָמין . האָט דער בעלזער רב נאָך אַמאָהל אָנגעהויבין צוא לייענין דיא תנאים אונ האָט דאָס צווייטע מאָהל אויך גילייענט מיט דעם אייגינים נאָמין אונ דאָס דריטע מאָהל איז אויך אַזוי גיוועזען . האָט זיך דער קאַמינקער רבי זייער מצער גיוועזען ווייל ער האָט פערשטאַנין וויא ווייט דיא זאַך גרייכט . וויא עס איז גיקומין דיא צייט וואָס מען האָט אָבגילייגט דיא התונה . איז שוין פון לאַנג גיוועזען אָהן גיגרייט אַלע צרכי החתונה אונ דער חתן איז שוין אַרויף. גיגאַנגין אויף דער בימה צום ספר ביים דעם אויף ריפין . דער ווייל איז גיקימין אַבריף פון זיין מחותן אַז דיא כלה איז פליצלינג גישטאָרבין . פערשטייט זיך וויא ווייט ר' שלום מקאַמינקאָ האָט דערפין געהאַט צער . איז ער תיכף גיפאָרין מיט זיין זוהן צום רבי'ן אַביסיל אויס שלאָגין זיין צער . האָט מען אים תיכף גירעדט אַנדערע שידוכים אונ מען האָט אים גירעט מיט ר' שמואל הערש פון דריזקיפאָלי דעם בעלזער רב'ס

אשוואגער

אשוואגער. האט ער גיפרעגט דעם רבי'ן אויב ער איז אים דערויף מסכים. אויף דעם שידוך. האט ער אים גיענטפערט אז עס גיפעלט אים זייער אונ אז זיין שוואגער איז א חסיד אונ אירא שמים. האט ער גיטוהן דעם שידוך אזוי וויא דעם רבי האט אים געהייסן. איז גיפונין גיווארין אז די כלה ר' שמואל הירש'ם טאכטער איז גילייגט גיווארין אונ דיא ערשטע תנאים. דיא מעשה איז זייער ווינדערליך:

כז) דער רב ר' יקותיאל יודא פון סיגיט אונ ר' שמואל דער רב פון נארליץ זענין ביידע אמאהל גיפארין קיין בעלז. אויפן וועג האבין זייא געהאט גרויסע עכובים דער וואגין איז זייא צו בראכין גיווארין אונ דיא פערד האבין נישט גיקענט גיין. קוים וואס זייא האבין דערבעטין אגוי אז ער זאל זייא פירין קיין בעלז נאר ער האט זייא נישט צו גיזאגט צוא קומין אויף שבת קיין בעלז. נאר אויף מאנטיג אדער דינסטאג. זייא האבין כמעט נאר געהאט אויף גיזעסין אויף דעם וואגין. זענין אנטשלאפין גיווארין אלאנגע צייט. פרייטיג פאר נאכט זענין זייא גיקומין קיין בעלז. ווייא זייא זענין אריין גיגאנגין נעמין שלום צום רבי'ן. האט דער רבי דעם משמש אייגגירוימט עפים אונ דעם אויער. נאך שבת וויא זייא זענין זיך גיקומין גיזעגינין האט ער דאס צווייטע מאהל גירופין דעם משמש אונ האט אים ווידער אייגגירוימט אונ אויער אריין. אונ זייא זענין גיפארין זייער וועג. מאנטיג וויא דער רב פון סיגיט איז אראפ גיגאנגין פון דעם וואגין. איז ער אראפ גיפאלין אויף דער ערד אונ ער האט זיך אביסיל גינעבין אבראך אונ זיין פיס האט ער דערפין געהאט זייער פיל צער אונ גרויסע יסורים. אונ דער רופא וואס מען האט צוא אים גירופין האט גיזאגט אז ער וועט דארט דארפין זיצין אפאהר טעג. דאנערשטיג איז ער געהיילט גיווארין. האט ער גיזאגט צוא זיין ברידער וואס ווערין מיר יעצט טוהן פאר שבת. וויא אהין ווערין מיר פאהרין עס איז בעסער מיר זאלין פאהרין צוריק קיין בעלזא. אונ זיין ברידער האט גיוואלט אז ער זאל מיט אים פאהרין קיין סקאלא. וואס דארטין האט גיוואהנט דער רבי ר' שמואל'ס שווער. נאר דער רב פון סיגיט האט אים גיבעטין זענען זייא גיפארין קיין בעלז. קוים וואס זייא זענין אריין גיקומין צום רבי'ן. האט זיך דער רבי איינגיבויגין אונ האט דעם משמש עפים אייגגערוימט אונ אויער איז דאס בייא זייא גיוועזין אווינדער האט דער רב פון סיגיט גיפרעגט דעם משמש. האט ער גיענטפערט. אז צום ערשטען מאהל האט אים דער בעלזער רב גיזאגט. זעה אז דיא מענטשין האבין קפיצת הדרך. דאס צווייטע מאהל ווען זייא האבין זיך אבגיזעגינגט האט ער אים אייגגירוימט. דיא וועסט זעהן אז דיא צווייא גרויסע לייט וועלין דא זיין אויף דעם צווייטין שבת. אונ דאס דריטע מאהל האט ער אים גיזאגט זעה אז מיינע רייד זענין אמת:

כח) דער בעלזער רב פלעגט זאגין אז זיין טשאלינט איז מסוגל דער פון געהיילט צו ווערין קיין בעלז איז א מאהל גיקומין א יונגער מאן אויף שבת. איז ער אריין גיגאנגין אין קעך אריין וואס מען האט דארט אויף גיגעבין דאס עסין. האט ער גיפינין א גרויסע שיסיל מיט קאשי אונ האט זיא אוים גישיט

אונ

און זיין זיידינע זופיצע ארויין. און ער האט גיזוכט א לעפיל. האט אים דיא רביצין גיגעבין א לעפיל א זילבערנים ווייל זיא האט גיזאגט אז צוא א זיידינע זופיצע וועל איך אים געבין א זילבערנים לעפיל האט אוים אים יעדערער גילאכט וואס ער האט אויף גינעסין דיא גאנצע קאשע האט דער רבי גיזאגט מיט דעם לשון. איך ווייס אז דער יונגער מאן דארף האבען א רפואה. און ער האט גיט גיטוהן:

---

כט) **אמאהל** איז גיקומין פאר ר' שלום סבעלז זי"ע

אדארפים מאן מיט א בקשה אז ער זאל פאר אים בעטען. האט אים דער רבי גיפרעגט וויא ער פירט זיך אויף אים שבת און זיין פעלד. האט ער מודה גיוועען פארין רבי'ן. אז ער מאכט פון דעם שבת אינדער וואכין און ער האט זיך מתנצל גיוועען פארין רבי'ן. אז ער קען נישט ריהען אים שבת וויא דער דין איז. פון יעדער מלאכה און פעלד. האט אים דער רבי אנגעהויבין צו שטראפען און האט אים גינעבין עצות וויא אזוי ער זאל היטין דעם שבת. וויא דער רבי האט צו אים לאנג גירעט. האט אים דער דארפס מאן גיענטפערט. אז ער וועט אים טאקי הארכין. נאר דאס בעט ער אים אז דיא טעג פון שניידין און ארויין נעמין פון פעלד זאל אים דער רבי מסכים זיין ער זאל נישט שטעהרען פון זיין ארבייט אפילו אים שבת אויך. האט אים דער רבי געזאגט הער אוים וואס איך וועל דיר דערציילין אמעשה וואס איז גיוועען פערצייטינס. און דערצייט ווען דיא פריצים האבין גיהערשט. אזוי וויא עס איז ידוע. אז צו יעדיר פריץ פון דיא דערפער איז גיוועען אייד אשענקער פון דארף.

און דער יוד איז גיוועען אבעוויליגטער קנעכט צו זיין האר. אמאהל האט איינער פון דיא פריצים גימאכט אגרויסע סעודה. וואס ער האט דאמאלס פערדינגין אלע הייף. זענען דארט גיוועען אסך פריצים. ווזיא זייא זענין פריילך גיווארין. האט זיך יעדיר פריץ אנגעהויבין צו בערימין יעדיר איינער מיט זיין יוד. וויא דער פריץ דער בעל הבית וואס האט גימאכט די סעודה האט געהערט זייערע רייד. האט ער זיך אויך בערימט. אז אזא בעגלייבטער קנעכט וויא זיין יוד איז. האבין זייא קיינער נישט. ווייל עס גיפינט זיך נישט אזעלכער וויא ער איז. האבין אלע פריצים גיזאגט. אז מיט דעם וועלין זיינע רייד אויס גיפריווט ווערין. אויב ער וועט הייסין זיין ארענדאר ער זאל זיך כופר זיין און ער וועט אים הארכין. וועלין זייא וויסין אז עס איז אזוי. האט ער גישיקט ריפין דעם יוד פון זיין דארף. וויא ער איז פאר אים גיקומין האט ער אויף אים גוזר גיוועען אז ער זאל זיך כופר זיין. האט צוא אים דער יוד געזאגט איך וועל מיך נישט בערוטין און דער היים. איז ער אהיים גיגאנגין און האט דערציילט זיין וויב וואס זיין הער האט אויף אים גוזר גיוועען. נאך דעם וויא זייא האבין זיך איבער גיקלערט האט זיא גיזאגט אז ער זאל הארכין דעם פריץ. איז דער יוד צוריק גילאפין צוא זיין פריץ מיט דער הסכמה אז ער וועט זיך כופר זיין. האט צו אים דער פריץ גיזאגט אז עס איז יא אזוי זאלסטו וויסין אז פון אצינד אהן וועסטו שוין נישט הייסין יעקב נאר איוואן און דיין וויב.... איז ער אהיים גיגאנגין. עס איז פערבייא גיגאנגין אפאאהר חדשים איז גיקומין דער שליח פון דעם פריץ אז איוואן זאל

ציא אים קומען . האָט ער אים געזאָגט דער פריץ זאָלסט וויסען פון אַצינד אָהן מענסטו ווידער קעהרען צו דיין אמונה . דיא ווערסט שוין נישט הייסען איוואַן נאָר יעקב וויא פריער . האָט ער אים געענטפערט אַז ער וועט יעצט אויך נישט טוהן אָהן זיין ווייב'ס עצה איז ער אַהיים געגאַנגען פרעגען זיין ווייב . האָט אים זיין ווייב געענטפערט עס איז זייער גוט מיר זאָלען בלייבען בייא אינזער אמונה . נאָר עס גייט נעהנטער צו פסח אונ דיא ווייסט דאָך אַז דיא הכנות פון פסח זענען זייער שווער מיט גרויסע אַרבייט אונ עס דאַרף קאָסטען זייער פיעל געלד . דעריבער איז מיין עצה אַז דיא זאָלסט נאָך בעטען דעם פריץ . אונ זאָלסט אים זאָגען אַז מיר זענען זייער צופרידען וואָס מיר וועלען ווידער קערען צו אינזער אמונה . נאָר דער פריץ זאָל אינז מסכים זיין צו דערברייטערען דיא צייט וואָס מיר זאָלען ווערען יודען ביז נאָך פסח דאַמאָלס וועלען מיר הערשט צוריק ווערען יודען . כדי מיר זאָלען זיך נישט דאַרפען בעמיען אָנצינרייטען אויף פסח אונ אוים צוגעבען דיא אַלע הוצאות דעריבער וועלען מיר נאָך זיין גוים ביז נאָך פסח . דער דאָרפס מאַן האָט פערשטאַנען דאָס נמשל . האָט ער אויף זיך גענומען ער זאָל ריען אים שבת פון יעדער אַרבייט אונ פעלד אונ זאָל קיינמאָל נישט אַקערען אונ שניידען אים שבת :

~~~~~~~~

ד) דיא מעשה האָט ר' שלום מבעלז דערציילט זיינע חסידים בשעת שלש סעודות מיט גרוים התלהבות . ער זאָל דער וועקען זיינע חסידים צו יראת שמים . אונ וויא וויים דיא מצוה איז גרוים . בשעת שלש סעודות אונ דעם יאָהר תרי"ד האָט דער צדיק געפּינט זיין מויל מיט חכמה אונ האָט געזאָגט הערט אוים אַ מעשה וואָס איז הערשט נישט לאַנג געוועזן . עס איז געוועזן נעבען אינזער שטאָט אַ מענטש אַרשע גמור . אונ אַרשע וואָס ער איז מאַקי אַרשע . אַזוי האָט דער צדיק עטליכע מאָהל גיטאָפּילט זיינע ווערטער צו ווייזען אַז ער איז געוועזן אַרשע גמור . האָט דער רבי אַזוי געזאָגט . ער איז געוועזן אַרשע באמת וואָס ער האָט נישט אָב געלאָזט קיין שום עבירה וואָס ער האָט נישט געטוהן להכעים . נאָר איין מצוה סדרבנן דאָס איז נטילת ידים צום עסען אונ איר האָט ער זיך געהאַלטען אונ האָט זיא נישט אָבגעלאָזט כל זמן ער האָט געלעבט . אַמאָהל האָט ער געדאָרפען אים חוה"מ פסח פאָרען אונ אַדאָריך אַרייִן וויים פון זיך אַזוי וויא פינף מייל . האָט ער אייַנגעשפּאַנט זיין פערד אונ האָט דערויף געריטען ער האָט זיך מיט גענומען אַלע חפצים . עטליכע מצות האָט ער זיך אויך מיט גענומען אויף דעם וועג צו ער האָט גענומען דיא מצות ציא עסען נאָר מצה נישט קיין חמץ דאָס ווייס איך נישט . נאָר מצות האָט ער זיך גענומען אויף דעם וועג . וויא ער איז אָפּגעריטען עטליכע מייל איז ער שטאַרק הינגעריג געוואָרען . אונ ער האָט נישט געוואָלט עסען אָדער פאַרזיכען עפּיס אים געוואַשען ווייל ער האָט געזאָגט אַלע עבירות האָב איך געטוהן . אונ קיין שום מצוה בין איך נישט מקיים . אונ אויב דיא דאָזיגע מצוה נט"י האַלט זיך אונ מיר יאָ אונ נאָך וואָס זאָל איך זיא אָפּ לאָזען . אונ איין רגע איז ער וויטער געריטען אַ מייל וועג האָט ער שוין נישט קיין כח געהאַט צו רייטען דאָך זיין הינגער . האָט ער זיך אימגעקוקט אונ אַלע זייטען . אונ עס איז נישט געוועזן אַקוויל וואַסער צו וואַשען זיך . האָט

ער
~~~~~~~~

ער זיך דער מאגט אז אונ דער זייט גייט א שטשעשקע אונ אווילד ארט ארייין . האט ער אהין גיוואלט גיין . דער ווייל האט ער זיך גיטראכט איך ווייס דאך אז עס איז דארט דא גזלנים אונ רויבערס ווען זייא דאך מיך הארגינין . אונ זיין הארין האט אונ אים ניקלאפט . האט ער גיזאגט וואס איז מיר אנפקא מינה אזוי צוא אזוי דער טויט טוועכט ארים מיר . אויב איך וועל נישט עסין וועל איך דאך יעצט שטארבין פאר הינגער . וועל איך אהין גיין וועל איך נאך שטארבין דארך דיא גזלנים . עס איז מיר בעססער צו פאלין אונ דיא גזלנים'ס הענד אריין אונ איך זאל עכ"פ עסין פאר מיין טויט. אונ אים גיוואשין זאל איך נישט עסין . אפילו מיין נשמה זאל מיר אוים גיין . איז ער אהין גירוטין . האט ער דארט גיפונין א ברונע וואסער איז ער צו גיגאנגין צו דער ברינע אונ האט זיך גיוואשין אונ אבגיווישט . האט ער גיחאפט אשטיק מצה אונ מויל אריין צוא ער האט געמאכט א המוציא צו נישט ווייס איך נישט נאר אהן נטילת ידים האט ער נישט גינעסין . זענין תיכף גיקימין גזלנים אונ האבין אים געהרגיט . איז גיווארין א גרויסער רעש אונ הימיל . אונ עס האט ניגרייכט ביז צום כסליא של מעלה . אז אמענטש האט זיך מפקיר גיוועז זיין לעבין פאר א מצוה וואס איז נאר דרבנן . וואס איידער ער איז אהין גיגאנגין האט ער גיוויסט אז ער שטעלט זיך מיט דעם אין דאס לעבין . חאטש עס איז בייא אים גיוועז גרינג עובר צו זיין אויף אלע עבירות פון דעסט וועגין איז בייא אים אזוי טייער גיוועז איין מצוה אז ער האט זיך אויף איר מפקיר גיוועז זיין לעבין . איז ארוים גיגאנגין זיין פסק ער זאל האבין דאס גן עדן . יעצט מורי ורבותי קלערט איבער אז אויף איין מצוה דרבנן האט ער נירשינת עולם הבא מכל שכן אז א מענטש היט אפ יעדיר מצוה פון דער תורה אזוי וויא איר גיזעהן איז וועט בוודאי האבין אגרויסין שכר וואס מען קען גאר נישט בעשרייבען :

〰〰〰

לא) דער רבי ר' יצחק פון נעסכיז פלעגט זיך אלע מאהל גריסין מיט דעם בעלזער רב . אמאהל איז נעהערט גיווארין אז דעם נעסכיז־ער טוען וויא דיא אויגין אונ ער וויל עוסק זיין אונ רפואות . האט דער בעלזער אים בעפוילין דארך איינים וואס איז אהין גיפארין . אז ער זאל אים זאגין פון רבי'נס וועגין אז ער זאל זיך נישט משתדל זיין צו היילין זיינע אויגין . אונ דאס איז דאך ידוע אז אויף דער עלטער איז ער גיוועזן א סגי נהור . אונ אצייט ארים האט דער בעלזער רב דערציילט . אז איינער פון דיא צדיקים וואס איז גיזעסין צווישין דיא סנהדרין פון דעם ב"ד של מעלה . איז דערהויבין גיווארין אויף אהעכער ארט . האט מען בעדארפט א אנדערין ער זאל ממלא זיין זיין ארט . האט מען גיוואלט אונ היטיל אז דער בעלזער זאל נפטר ווערין אונ זאל זיין אויף דעם צדיק'ס ארט בייא דעם ב"ד ש"מ . נאר הייל איך ווייס אז דיא וועלט דארף אים האב איך גיפועלט מיט מיין תפלה . עס איז בעסער אז דעם נעסכיז־ערס ראי' זאל קאליע ווערין . וועט ער זיין גלייך וויא נישטארבין . כדי ער זאל לעבין אויף דער וועלט :

〰〰〰

לב) איינער פון דיא קרובים פון ר' שלום בעלזער ער האט געהייסין

נעהייסין ר׳ מתתי׳ פּאָוולייווער האָט ער געהאַלטין אַ פּיסעסיא אונ דעם דאָרף פּאָוולי . אַ מאָהל האָט זיך געמאַכט עס איז איינער גיקומין האָט ער מוסיף גיוועזן געלד אויף דער פּיסעסיא . אונ ער האָט גידינגין דיא פּיסעסיא . איז דער ר׳ מתתי׳ גיפאָרין צום רבי׳ן אונ האָט זיך מתנצל גיוועזן אַז ער איז גיבליבין אָהן אַ עסק . האָט אים דער רבי גיפרעגט אויב מען האָט אים פאָרגיליינט אַ אַנדער גישעפט . האָט ער גיענטפערט אַז מען האָט אים גירעט ער זאָל דינגין דאָס דאָרף נייא שטאָט ביא דער בראָדער גרעניין . נאָר דיא פּרוצה וויל פאַר דעם גישעפט מער וויפיל עס איז ווערט , האָט אים דער רבי גיענטפערט דאָס דאָרף גיהער דאָך צו דער פּרוצה פון בראָדי אונ איך וייס אַז עס איז אַזוי איר שטייגער אַז עס קימט צוא איהר אַ קונה אונ וויל איהר שוין געבין וויפיל זיא וויל . וויל זיא נאָך מעהר וויא פריער . קען זיין אַז ביא דיר וועט זיא אַצינד אויך וועלין נאָך מיין וויא פריער פון דעסט וועגין איז מיין עצה אַז דיא זאָלסט דינגין דאָס עסק . האָט אים ר׳ מתתי׳ גיענטפערט אַז אונ אַמת׳ין קען יך איר בשום אופן נישט געבין אַפילו וויא זיא וויל אויך . בפרט אַז זיא וועט וועלין נאָך מעהר . האָט אים דער רבי ר״ש גיזאָגט הייז מיר אַ אמת׳ין חשבון וואָס פאַדליג דיין שכל קען דאָס גישעפט טראָגין איבערין יאָהר . האָט אים ר׳ מתתי׳ גימאַכט אַחשבון פון יעדער מין . וויא ער איז גיקומין צום חשבון פון קאַרטאָפּלים האָט ער אים אויך גיזאָגט פאַדליג זיין חשבון וויפיל דיא ערד קען אויס ציען . נאָר דער רבי האָט אים דערויף גיענטפערט אַז ער איז זיך טועה . וויל דער שכניגער פון דיא קאַרטאָפּלים איז אַז זייא זאָלין מעהרין הינדערט מאָהל וויפיל ער האָט גיזייעט . האָט ער זיך פערלאָזט אויף דעם רבין׳ס רייד אונ איז גיפאָרין צו דער פּרוצה האָט זיא ביא אים גיוואָלט נאָך מעהר וויא פריער . אָבּער ער האָט נישט אָבגיקערט פון דעם רבינ׳ס רייד אונ ער האָט גיגעבין וויפיל זיא האָט גיוואָלט . עס איז אַזוי גיוועזן וויא דער בעליזער צדיק האָט גוזר גיוועזן . דען אַזוי וויא דער רבי ר׳ מתתי׳ האָט אָנגעהויבין צוא גראָבין דיא קאַרטאָפּלים האָט ער גידינגין אַסך אַרבייטערס אונ האָט זייא אונ גאַנצין בעצאָהלט מיין וויא אַלע שכנים האָבין גיצאָהלט . אונ זייא וויל זייא האָבין נישט געוויסט דיא סבה פון דער זאַך . האָבין זייא גיזאָגט . לאָז ער האָבין וואָס ער האָט . לאָז ער זיין דער ערשטער . אונ וויא ער וועט קאָנטשין זיין אַרבייט וועלין מיר קריגין אַרבייטערס פאַר וויפיל מיר וועלין . נאָר ער האָט זיך אָבער גיפאָרט מיט זיין אַרבייט ביז ווינטער דאָס דער שנייא האָט שוין אָנגעהויבין צו גיין האָט ער דאָרט גימאַכט אַגרויס עשירות :

〰〰〰〰〰

לג) **עס** איז גיוועזן אַ מעשה אונ אַ דאָרף נעבין דער שטאָט הובניב איז גיקומין אַ מענטש וואָס ער האָט גידינט ביא דיא זעלנער אונ האָט מוסיף גיוועזן אויף דעם געלד פון דער אורענדיא . וואָס דאָרט איז גיזעסין אַ אשה אַ אַלמנה זייער אַיין אָרימע . דיא אַלמנה האָט דעם מענטש גירופין צום רב ר׳ אלי׳ האַרשאַווסקי דער הובניב׳ער רב . נאָר דעם דינגער האָט זיא נישט גיוואָלט האָרכין ער זאָל קומין לדין . אונ דער צייט וואָס דער מענטש האָט גיוואָהנט אונ דעם דאָרף האָט ער זיך אָנגעהויבין מקרב צו זיין אונ צו פאָהרין צום בעליזער

רב

רב צייטין־ווייס . דאַמאָלס איז דיא אַלמנה געקומען פֿאַר דעם רב פֿון הובניב . אונ האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל איהר געבען אַבריף צום בעלזער רב אַז ער זאָל הייסען דעם שלעכטען בע״ד ער זאָל זיך מיט איהר לאָדען . נאָר עס איז געמערט געוואָרען נאָך אַטרויעריגקייט . וויא זיא האָט געזעהן אַז עס האָרכט זיא קיינער נישט אַפֿילו נאָך דעם וואָס זיא איז געקומען מיט דעם בריף צום בעלזער רב . האָט זיא פֿאַר איהם געוויינט מיט הייסע טרערען . אונ דער בעלזער רב האָט אַלס נישט געהייסען דעם נייען אַרענדאַר ער זאָל מיט איהר שטיין לדין . איז זיא צוריק געקומען פֿאַר דעם הובניבער רב . אונ זיא האָט נאָר געוויינט אויף איהר ביטערען גורל . דאָס דיא עצה האָט איהר אויך נישט געהאָלפֿען . נאָך האָט זיא געזאָגט אַז דער נייער מוכסין ברענגט דעם רבי'ן פֿיעל מתנות . אונ יעצט האָט ער אויך איהם געפֿירט אַ מתנה אַקויבער אייער . דעריבער האָט מען איהם שוין צו גענומען אונ ער רעט איהם נאָר נישט אויף זיינע שלעכטע מעשים . דער רב פֿון הובניב דורך זיין גרויס צדקות זעניען זיינע רחמנות דערהיצט געוואָרען אויף דער יודינע דיא אַלמנה . האָט ער זיך אַרויס געחאַפּט עטליכע ווערטער אונ ער האָט געזאָגט צוא דער אַלמנה וואָס זאָל איך דיר טוהן מיין טאָכטער אַז דיין בעל דין האָט אַהין געפֿירט איין קויבער אייער . פֿיר דיא אַהין צוויי קויבערס אייער וועט מען דיך אויך האָרכען . נאָר אונ אַ רגע האָט רש״ רב חרטה געקריגען אויף זיינע רייד . וויא אַזוי האָט ער זיך אינטער נישטעלט צו רעדען אויף אַזאַ הייליגען מאַן אונ שטאָט איז אויך געהערט געוואָרען וואָס דער רב האָט געזאָגט אויף דעם בעלזער רב . דאָמאָלס האָט דער רב שוין נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה נאָר ער זאָל פֿאָרען קיין בעלז איבער בעטען דעם רבי'ן . וויא ער איז געקומען צום רבי'ן אונ האָט איהם איבער געבעטען ער זאָל איהם מוחל זיין וואָס ער האָט קיינען איהם גירעט . נאָר דער רבי האָט איהם אויס גירעט דיא דאגה אַז ער זאָל גאָר נישט קיין מורא האָבען דען עס וועט איהם ח״ו גאָר נישט זיין . האָט איהם דער רבי געזאָגט זאָלסט וויסען אַז איך גיב נישט קיין אָרט צו דיא זינדיגערס איך בין קיינעם נישט נושא פּנים , נאָר איך ווייס אַז דער נייער מוכסין איז גירעכט דעריבער האָב איך געשוויגען . דיא מעשה איז אַזוי געוועזען דעם נייער מוכסן'ס אַ זיידי האָט געהאַלטען דיא אַרענדאַ אונ דעם דאָרף . איז געקומען דער אַלמנה'ס שווער . אונ האָט אויף געלייגט געלד אויף דער אַרענדי אונ ער האָט זיא גענומען וואָס עס איז פֿערביייא געגאַנגען אַלאַנגע צייט איז דיא זאַך אונ גאַנצען פֿערגעסען געוואָרען . וויל דער אַלטער אַרענדאַר דאָרך זיין אָרימקייט האָט ער פֿערלאָזט זיין אָרט אונ איז אַוועק אויף איין אַנדער אָרט . איז ער מיט זיינע קינדער צו שפּרייט געוואָרען אויף דער וועלט . דיא מריט פֿון דעם מענטש זעניען דאָך אַלץ נגזר פֿון הש״י . דאָס דער נייער מוכסין דעם אַלטען מוכסן'ס איינעקיל איז אַהער געקומען האָט ער פֿערמאָגט צויא דינגען דיא אַרענדע זיינע עלטערינס חזקה . קומט דאָך איהם דיא אַרענדע מיטין דין . וויא אַזוי איז ישעט מעגליך איך זאָל דיא אַרענדע ביייא איהם אויס ציען . אונ מען זאָל געבען דעם גירובטען צום רויבער אונ דער האַנד אַריין . האָט דער רבי אויס געפֿירט צום הובנער רב . איר מעגט מאַכען אַחקירה ודרישה דערויף . אַפּשר געפֿינט זיך

נאָך

נאָך הײַנט װעלכע אַלטע גוים װאָס זײַא גידענקין דיא זאַך. װיא דער רב האָט דאָס געהערט. האָט ער אָנגעהויבין נאָך צופֿאָרשטין ביז ער האָט גיפֿינין זײַער אַ אַלטין גוי האָט ער דערצײַלט אַז אונ זײַן יוגינד איז דיא זאַך אַזוי געטוהן גיוואָרין:

---

לד) דער רב ר' ירחמיאל הורוויץ ז"ל פֿון לבוב האָט דערצײַלט

אַז דער בעלזער רב איז אַמאָהל גיוועין אונ לבנקי האָט דיא גאַנצע שטאָדט גערוישט גרוים אונ קלײַן זענין גישטאַנין בײַא זײַן טוהר ער זאָל זײַא בענטשין. אונ דער רב ר"י האָט ניקלערט צו ער זאָל יאָ גײַן צו נישט נאָר ווײַל ער האָט געהערט אַז דער רבי איז אויך אַגדול בתורה. האָט ער בײַא זיך מסכים גיוועין ער זאָל אים נאָר גײַן מקבל פנים זײַן. נישט אַזוי וויא דיא אַלע וואָס שטײַען דאָרט שטענדיג. נאָר ער זאָל זיך מיט אים מפלפל זײַן בדברי תורה. וויא ער איז גיקומין אונ דעם גאַסט הויז אַרײַן פֿון דעם רבי'ן האָט ער קײַנים נישט גיטראָפֿין אונ דעם אויסינווײַניגסטין חדר אונ דיא טורין פֿון רבי'נ'ס חדר זענין גיוועין אָבגישלאָסין. האָט ער אַ ביסיל גיוואַרט. האָט ער זיך תיכף איבער ניקלערט איך בין דאָך נישט אַהער גיקומין אַזוי וויא אַלע חסידים וואָס שטײַען פֿאַר אים מיט הכנעה איז ער צוגיגאַנגין אונ האָט אָנגיקלאַפּט בײַא דער טוהר. אונ ווײַל עס איז קײַנער נישט גיוועין אונ דעם חדר איז דער רבי אַלײַן גיגאַנגין אונ האָט גיעפֿינט דיא טהיר. וויא דער ר"י האָט אָהן גיקוקט דעם רבי'נס פנים איז אויף אים גיפֿאַלין אַפחד אונ זײַן לשון איז אָבגינומין גיוואָרין עטליכע רגע. אונ ער האָט פֿערגעסין אַ"ע

הידושים וואָס ער האָט זיך אָנגיגרײַט צוא רעדין מיט אים. נאָר ער האָט צו גיבוגין זײַן אויער צו הערין זײַן ברכה באימה וביראה:

---

לה) אַמאָהל איז גיקומין אַ אָרימאַן וואָס איז גיגאַנגין צוריסיני קלײדער צום רבי'ן קײַן בעלז. וויא ער האָט אַרויף געטרעטין אויף דער שוועל פֿון דער שטיב איז דער רבי תיכף צוגילאָפֿין אונ האָט אים זײַער שײַן אויף גינומין. דערנאָך האָט דער רבי אַרוים גינומין פֿון זײַן קעשינע אַ בײַטיל פֿול מיט רענדלין אונ האָט אים גיגעבין. האָט דער אָרימאַן בײַא אים נישט גיוואָלט נעמין דאָס געלד נאָר ער פֿערלאַנגט אַז דער רבי זאָל אים געבין אַנדבה גלײַך מיט אַלע אָרימי לײַט וואָס זײַא גײַען אויף דיא טירין. האָט אים דער רבי גיפֿרעגט פֿאַר וואָס ער וויל בײַא אים נישט נעמין דאָס געלד. האָט דער אָרימאַן גיענטפֿערט אונ גיזאָגט. איך וועל דעם רבי'ן דערצײַלין אַלע סבות וואָס עס האָט זיך מיט מיר פּאַסירט פֿון מײַן געבורינהײַט אָהן ביז הײַנטיגין טאָג. איך בין גיבורין גיוואָרין בײַא אָרימע עלטערין. אונ השי"ת האָט מיך גילײַטזעליגט מיט פֿיל קלינשאַפֿט. וויא מײַנע עלטערין האָבין געזעהן אַז איך בין זײַער קלוג האָבין זײַא מיך גישיקט אונ אַגרויסע ישיבה אַרײַן איך זאָל קענין גוט לערנין איך זאָל זײַן גינוט אונ ש"ס ופוסקים. בין איך דאָרט גיזעסין אונ בין גיוואָרין דער בעסטער פֿון אַלע תלמידים דעריבער האָב איך גיפֿינין חן בײַא דעם ראש ישיבה. אונ ער האָט מיך זײַער ליב געהאַט: ויהי היום איז גיקומין אַ גביר אונ דער ישיבה אַרײַן אונ האָט גיבעטין דעם ראש ישיבה ער זאָל

אוים

אוים קלויבין פון זיין טאכטער'ס וועגין אבחור וואס ער קען גיט לערנען. האט דער ראש ישיבה מיך אוים ניקליבין צו זיין דעם גביר'ס חתן. האט דער גביר תיכף געמאכט תנאים. אונ האט מיר ניגעבין אגרויסע מתנה אויך אסך נעלד. בין איך גיוועזן זייער גליקליך. וויא עס ניקימין דער זמן חתונה. האט מיר דער מחותן געשיקט פיל געלד אויף אוים קליידין אונ הוצאות אויפן וועג. וויא איך בין ניקימין אונ דער שטאט אריין וואס מיין שווער האט דארט נעוואהנט. זענין אלע גרעסטע לייט אונ דיא חכמים מיר אקעגין גיגאנגען. וויל מיין שווער איז גיוועזן אפרנס אונ אראש הקהל. האב איך דארט נעדרשינט א גרויסע אונ אשארפע דרשה וואס איך האב דארך איר גיפינין חן ביא יעדין אונ מיין שם איז גינאנגין אונ אלע שטעדט ארים. נאך מיין חתונה האט מיין שווער אנגעהויבין אראפ צו גיין פון זיין פארמעג אלע מאהל מיין. האט מיין שווער אונ שוויגער זיך א עצה געהאלטין וועגין מיר. וואס וועט זיין דער תכלית פון אינזער איידים אונ דיא טאכטער. האט מיין שווער אזוי גיזאגט צו דער שוויגער. דער רב פון אינזער שטאט איז א אלטער מאן אונ דיא יאהרין. אויך דיא גאנצע שטאט האבין פון אים נישט קיין הנאה. וועל איך עס אראפ נידערין פון זיין שטוהל. אונ אויף זיין ארט וועל איך זעצין מיין איידים וועט ער האטש האבין פרנסה. האט ער אזוי גיטוהן אונ האט אים געמאכט פאר רב. מיין שוועהר איז אלע מאהל ארימער גיוואָרין ביז ער איז גיווארין א אביון מדוכא. אונ עטליכע יאהר ארים איז דער שווער גישטארבין פאר גרוים עגמת נפש. אונ דיא שוויגער איז אויך באלד גישטארבין ר"ל. בין איך אליין גיבליבין נאקיט איך האב נאר אוים גיקיקט אויף דער פענסיע. אונ אויף מיין שווערס ארט איז אויף גינומין גיווארין א אנדערער פאר ראש הקהל ער איז גיוועזן פון דעם אלטין רב־ס משפחה האט ער זיך אונ מיר נוקם גיוועזן דעם אלטין רב'ס נקמה. אונ ער האט מיך גימאכט אוים רב. בין איך גיווארין מלמד ביא עטליכע בחורים. וויא זייא האבין נאר ביא מיר גילערינט עטליכע חדשים. האבין מיך דיא תלמידים פאר מיאוסט אונ אוועק גיווארפין האב איך גימוזט אים גיין בעטלין אויף דיא טירין. וויא איך האב גיזעהן מיין שלעכט מזל האב איך מיר נעמאכט אז איך זאל קיינים נישט זאגין ווער איך בין נאר אים צו גיין וויא אפראסטער ארימאן אונ איך זאל נאר נעמין א פרוטה וויא מען גיט אלע ארימע לייט. וויל אז איך וועל נעמין אגרויסע נדבה. וועל איך האבין צרות פון א אנדער ארט אזוי האט דער מענטש דערציילט. אונ האט זיך אבגישייד פון דעם רבי'ן אונ איז אוועק גיגאנגין. וויא ער איז ארוים גינאנגין האט דער רבי גיזאגט. אוי. אז מען איז נישט קיין בר מזל איז מען טאקי גיכט קיין בר מזל. האט דען מיר גילכט בעדארפט איינפאלין אז איך זאל אים זאגין נעמט עס וועט אייך זיין צוא הצלחה. אדער האט דען גיכט בעדארפט איינפאלין דעם יוד אז איך גיב אים אביסיל געלד. בוודאי וועט ער האבין הצלחה:

---

לג) ר"צ רימנובער־ם ז"ל איז אמאהל ניקומין צום רבי'ן ר' שלום מבעלזא אונ האט זיך מתנצל גיוועזן אז דער קאפ טוט איר שטענדיג וויא. האט ער זיא ניפרעגט וואס

פאר

פאר ארפואה זיא מיט דער צו. האט זיא גיענפערט אז זיא האט קמעות פון א צדיק. זיא וויל נישט זאגין ווער ער איז, האט ער איר גיזאגט זיא זאל אוועק ווארפין דיא קמעות וועט זיא ב"ה גיזינד ווערין. דער נאך האט ער גיזאגט איך וויס נישט נאך וואס מען דארף דיא קמעות. דער אייבערשטער הערט דאך צו דיא תפלה פון דיא צדיקים אהן אקמיע אויך. נאך מיין ווינדער דערציילט מען פון ר"ש אז ער איז גיוועזן אונ וועג איז ער גיקימין אונ א דארף אריין נעכטיגין. וויא ער האט נאר ארויף גיטרעטין אויף דער שוועל איז ער צוריק ארויס גינאנגין וויל ער האט גיזאגט אז ער פילט אונ דיא קמיעות פון דעם צדיק וואס ר"צ רימנובער'ס וויב האט נישט גיוואלט דערציילין ווער ער איז גיפינין זיך דארט.

~~~~~~

לז) **אונ** דער צייט ווען ר' שלום מבעלז האט אהן געהויבין צו פירין דאס רבנות איז דער רבי ר' פייבוש גיוועזן אונ דער שטאט הובנוב. וואס זיא איז צוויא מייל ווייט פון בעלז. אונ דער רבי ר' פייבוש איז גיוועזן א אלטער מאן פון דיא תלמידים פון דעם רבי מלובלין. וויא ער האט געהערט אז ר' שלום איז גיווארין רבי האט ער גיזאגט צוא איינים פון זיינע גרעסטע חסידים אז ער וויל זיא זאלין פאהרין קיין בעלז צו זעהן ר' שלום'ין אונ דעם שלייער. זענין זייא גיפארין קיין בעלז. האט זייא ר' שלום מכבד גיוועזן זייא זאלין בייא אים עסין. אונ דער רבי ר"ש איז גיזעסין בייא דעם טיש. אונ ר' פייבוש נעבין אים. אונ לעבין ר"פ איז גיזעסין זיין חסיד וואס ער איז מיט אים גיפארין. וויא זייא זענין גיזעסין בייא דעם טיש איז גיקומין דיא רביצין מיט א טישטוך אונ האט גיגרייט צום טיש. אונ זיא האט זייא אליין צו גיטראגין עסין צום טיש. וויא דער חסיד פון ר"פ האט דאס גיזעהן איז ער זייער בייז גיווארין אונ עס האט בייא אים נישט גיפעלין קיין חן דיא התנהגות וואס מען איז זיך נוהג בייא ר' שלום'ין אויך וואס מען האט מבזה גיוועזן אז אונ דעם כבוד פון זיין רבין מיט דעם וואס דיא רעביצין אליין האט צו גיטראגין דאס עסין נישט קיין משמש נאר וויל ער האט גיזעהן אז דער רבי זיינער האט גישוויגין דעריבער האט ער אויך גאר נישט גערעט. נאך דעם עסין איז דער רבי ר"ש גיגאנגין אונ דעם הדר אריין וואס זיין וויב מיט זיין מוטער זענין דארט גיזעסין. האט דיא רעביצין צו אים גיזאגט, נעם דיר א שטיקיל פלייש פון מיין חלק, וועסטו זעהין וויא גוט עס איז. האט ר"ש גינימין דאס פלייש אונ האט גיגעסין. וויא דער חסיד פון ר' פייבושין האט דאס גיזעהן. האט ער זיך שוין נישט גיקענט אויף האלטין נאר ער האט גיזאגט צו זיין רבי'ן. איר זעהט דאך דיא התנהגות פון דיא נייע מנהיגים. האט צו אים ר' פייוויש גיזאגט. שווייג דיא זאלסט גאר נישט רעדין. וויל אלע מעשים פון דעם רבי'ן זענין לשם שמים. אונ אלע זיינע התנהגות מיט דער רעביצין זענין אזוי וויא אדם וחוה האבין זיך געפירט איידער זייא האבין געזינדעגט:

~~~~~~

לח) **דער** רבי ר' שלום מבעלזא פלעגט אונ זיין יוגינד רייבערין. אמאהל איז ער געזעסען אונ ביהמ"ד אונ האט געלערינט. האט ער געזעהן וויא איינגיל רייניקט זיך אוים דיא

דיא פּײַקע אונ האָט זיא אָהן גיפּילט מיט מיטין. אונ איבּער דער צײַט האָט ר׳ שלום אָבּגעלערינט אַרף גמרא. וויא ער האָט דאָס גיזעהן האָט ער גיזאָגט. אַז דיא כלי קען מיך מבטל זײַן פון אַרף גמרא זאָל זיא שוין מײַן נישט קומין אונ מײַן מויל אַרײַן. פון דאַמאָלס אָהן אונ ווײַטער האָט ער שוין קײַנמאָל נישט געריײַכערט:

~~~~~~~~

לט) דער רבּי ר׳ צדוק הכהן בשעת ער איז נאָך גיוועזן אַ יונגער מאַן אונ ער האָט נעדאַרפט האָבּען אַ היתר פון מאה רבּנים. אונ ער איז געפאָרען צוא גרויסע רבּנים. איז ער דאַמאָלס נעוועזן אונ בּעלז אויך. אין ווײַל דער דין איז דאָך אַז אויף אַזאַ אָרט וואָס מען קען נישט אַמענטש מעג ער דאָך זאָגין איך בין אַלמדן. דעריבּער איז ר׳ צדוק גינאַנגען אונ דעם בית המדרש אַרײַן האָט ער געזעהן אַז פיעל מענטשען זיצען אונ לערנין יעדערר. אַ אַנדער ענין איינער לערינט דיא גמרא דער צווײַטער אַ אַנדערע. האָט ער זיך אים גיקיקט צו יעדין וואָס פאַר אַ ענין ער לערינט. דער נאָך איז ער גינאַנגען עטליכע מאָהל איבּערין ביהמ״ד. אַהין אונ צוריק. האָט ער אָנגעהויבּן צו זאָגין זײַער אַגליסטיגין פּלפּול. מיט אײַן המשך צו אַלע ערטער וואָס זײַא האָבּין געלערינט. ער האָט גיוויזין אַ ווינדער אַז דיא אַלע ערטער וואָס זײַא לערנין יעצט קעהערען אײַנס צו אַנדערין, פאַר נאַכט וויא דער רבּי ר׳ שלום איז גיקומין אונ ביהמ״ד אַרײַן. איז געוועזן דערשטײַגער דאָס זײַן משמש ר׳ אלימלך האָט פאַר אים דערצײַלט יעדער חידוש וואָס עס איז גישעהן אונ בהמ״ד. אונ אונ מיטין ערציײַלונגען האָט ער דאָס אויך דערצײַלט. אַז עס איז הײַנט גיקומין אַ יונגער מאַן פון פוילען ער איז אַגרויסער עילוי. האָט ער גיוויזין אַ ווינדער אונ האָט מצרף גיוועזן דיא אַלע ענינים וואָס מען האָט דאַמאָלס גילערינט אונ בּהמ״ד אויף פערשידענע ערטער. אין האָט פון דיא אַלע ענינים געמאַכט איין זיסין פּלפּול. האָט ר׳ שלום צו זיך געהײַסען ריפען דעם יונגען מאַן. אונ האָט אים געהײַסען איבּער זאָגען דעם פּלפּול וואָס ער האָט הײַנט גיזאָגט אונ בהמ״ד. האָט ער גיזאָגט דעם פּלפּול האָט ר׳ שלום צוא אים גיזאָגט אַז ער האָט פאַר געסין אַ סברה אונ מיט דעם האָט ער אים צוליײַגט דעם גאַנצין פּלפּול. וויא ר׳ צדוק האָט דאָס געהערט איז זײַן דעה אַביסעל שלאַף גיוואָרין. אַז ר׳ שלום האָט גיזעהן דאָס ר׳ צדוק איז בּײַא זיך אָבּגיפאַלען. האָט אים ר״ש גיטרייסט אַז ער זאָל בּײַא זיך נישט אַזוי אָבּפאַלין. ווײַל דאָס איז נישט קײַן נײַס. דען צו דיא גרעסטע לײַט טרעפט זיך אויך אַבעות:

~~~~~~~~

מ) דער רבּי ר׳ יהושע׳לע איז צווײַא מאָל גיוועזן בּײַא דעם בעלזער רב. דאָס ערשטע מאָהל האָט ער גיטראָפין אונ בעלז ר׳ שלום קאַמינקער. וויא ער איז נעזעסין בּײַא דעם טיש האָט אים ר״ש קאַמינקער מצער גיוועזן מיט שטעך ווערטער. אונ ר״י האָט נישווינין. תיכף נאָך שבת איז ר׳ שלום מקאַמינקע שלאַף גיוואָרין מיט אַשלאַפקײַט וואָס עס הײַסט פּאַראַליש ר״ל. איז מען גינאַנגין צום בעלזער רב. האָט ער גיענטפערט אַז ער איז שלאַף גיוואָרין ווײַל ער האָט מצער גיוואָרין ר׳ יהשע׳לין. אונ עס איז שווער ער זאָל נעהײַלט ווערין פון דעסט וועגין. האָט אים דער רבּי געהײַסין

נעהייסן ברענגען אים מאנטיג מיט זיין בעט אונ בהמ״ד אריין אונ האט אים נעהייסן אויף רופן צום ספר אונ ער איז דאמאלס גיזעגענט אונ בעט אונ האט זיך נישט גיקענט רירן פון זיין ארט . איז דער בעלזער רב צוא אים צו גיגאנגען אונ האט צוא אים גיזאגט . קאמינקער רב . איר האט דאך ליעב דיא תורה גייט אונ מאכט א ברכה איבער דער תורה . אזוי וויא ער האט אים גירעט דיזע ווערטער איז דאס שלאפקייט פון אים אונ גאנצין אוועק גיגאנגען . איז ער אויפגישטאנען פון זיין בעט אונ האט גימאכט א ברכה וויא עס נעהער צו זיין :

~~~

מא) **ווען** ר׳ יהושע׳לי איז גיוועזן דאס צווייטע מאהל אונ בעלז

איז דאמאלס גיוועזן פרשת ראה . האט ר״ש גיזאגט תורה אויף דעם פסוק ,,כי גם את בניהם וכו׳״ וויא זייא זענין אוועק גיגאנגין פון טיש אונ גאסט הויז אריין . האט איינער פון ר׳ יהושע-לים מענטשין וואס זענין מיט אים מיט גיקומין קיין בעלז גיזאגט צו זיין רבי׳ן ר׳ יהושע׳לי איך וועל געבין משקה אויב איינער וועט זאגין פשט אונ דער תורה וואס דער רבי האט יעצט גיזאגט . האט זיין רבי ר״י אים גיענטפערט גייא ברענג ווייין וועל איך דיר זאגין פשט . דען זיין גאנצע כוונה איז נאר גיוועזן אז ער אליין האט אויך גיזעהן אז אזוהן האט געהארגיט זיין פאטער אונ פון דעם וועט ארויס קימען א ישועה צו א יוד . עס איז אזוי גיוועזן נאך שבת איז גיקימען א יוד מיט א בשורה קיין בעלז . אז וועגין דער ספראווע וואס ער האט געהאט מיט א פריץ האבין זייא גישטעלט צווייא אדוואקאטין אפאטער מיט א זוהן . דהיינו דער פרין האט אויף זיין ארט גישטעלט דעם פאטער . אונ דער יוד האט גישטעלט דעם זוהן . אונ פאר עטליכע וואכין איז דער יוד גיוועזן אונ בעלז ביים דעם רבי׳ן מיט דער בקשה . אונ דער רבי האט אים גיבענטשט . אונ דעם הײנטיגין שבת ביים דער סעודה . האט דער זוהן דעם יוד׳ס אדוואקאט גישאסין זיין פאטער מיט א ביקס וואס דער פאטער איז גיוועזן דעם פריץ׳ס אדוואקאט . דאדורך דעם האט דער יוד גיוואונין דיא ספראווע . צו דעם האט דער רבי מכוון גיוועזן מיט זיין תורה זאגין :

~~~

מב) **אונ** דער צייט וואס הרבנית הצדיקת מרת מלכה . ר׳

שלום בעלזער׳ס ווייב איז נישטארבין איז פערבייא גיגאנגין צייטין האט דער רבי זייער ביטער גיוויינט . האט אים זיין תלמיד דער קאמינקער רב גיפרעגט . וואס פאר אנגיס איז היינט פליצלינג וואס איר האט אייך אזוי דערוועקט . האט אים ר״ש גיענטפערט מיט דיזין לשון . איך זאג צו השי״ת . רבונו של עולם . דיא ווייסט דאך אז ווען איך זאל זיין בכח אויפצישטעלין מיין ווייב פון דער ערד אונ איך זאל זיא לעבידיג מצבין . וואלט פאר מיר נאר נישט שווער גיוועזן . אונ קיין שום טרחא אונ דער וועלט אין קיין שום ארבייט אונ קיין שום הוצאה אונ וואס עס וואלט נאר מעגליך גיוועזן איך זאל טוהן וואלט איך מיך נישט אויף גיהאלטין פון צוא טוהן אויך צישטעלין זיא פון דער ערד צוריק אויף איר בעשטאנט . נאר דיא מניעה איז וואס איך קען נישט . אבער פון מיין צד פעהלט נאר נישט . אבער דיא רבונו של עולם דיא האסט דיך גירופין א מאן צו דיא יודין ,,בועיך

עייך

עושיך" און אינז האסטו גירופין אויב „אשת נעורים דיין ווייב ליגט אויף דער ערד און דיא ביסט דאך בכות זאלסטו זיא אויף שטעלין. עס האלט דיך קיינער נישט אויף און עס פערטיידט דיך קיינער נישט. נאך וואס האלסטו דיא דיך אויף פון אויף צו שטעלין זיא. ענטפערט מיר השי"ת. העין איך זאל זיין ציפרידין פון מיין באהעפטינג דיא כנסת ישראל אזוי וויא דיא ביסט גיוועין ציפרידין מיט דיין ווייב. וואלט איך זיא בוודאי אויף גישטעלט אויף דעם וויין איך. אויף דער תשובה וואס השי"ת ענטפערט מיר:

~~~~~~~

מג) **דאס** איז דאך באוויסט אז צום בעלזער רב פרעגין קימין גוים אויך זיי זאלין דאך אים געהאלפין ווערין. ווייל ער איז ביי זייא אויך גיוועין מפורסם פאר א בעל מופת. אמאהל איז צו אים גיקימין א פריץ אגוי מיט זיין זוהן א משוגענער. וואס ער איז גיוועין באעם זייער גיליבט. האט אים דער רבי געהייסין פאהרין קיין לעמבערג און ער זאל נאך פרעגין וויא דער גלח וואס הייסט אזוי און אזוי. וויא ער וואהנט. דארף אים וועט ער האבין ארפואה. איז ער תיכף גיפאהרין קיין לעמבערג און האט אנגעהויבין נאך צו פרעגין אויף דעם נאמין פון דעם גלח. פריער האט קיינער נישט גיוויסט פון דעם נאמען. נאר דערנאך איז ער גיוואר גיווארין אז אונטער דער שטאט איז פערהאנדין א גלח וואס ער הייסט אזוי. איז ער געגאנגין צו דעם גלח. און האט דערצייהלט נאך וואס ער איז גיקימין. האט זיך דער גלח פער וואונדערט און צווייען. איינמאל פון וואנין קען אים דער בעלזער רב. צווישינס. הייא אזוי וועט ער קענין דארף אים געהאלפין ווערין. נאר וויא דער פריץ איז צוא אים געגאנגין צוויא דרייא מאל. האט ער אים געהייסין ער זאל מארגין קומין מיט זיין זוהן. באלד פאר טאג. וויא דער גלח איז אים גיגאנגין און זיין הויף אהין און צוריק. אין און זיין מויל האלט ער אראנגע פייקע ביז צוא דער ערד. איז דער פריץ אריין גיקימין מיט זיין זוהן. איז דער שייגיץ צו גילאפין מיט בהלה און איילינדיש צום גלח און האט ביי אים צוא גיכאפט דיא לאנגע פייקע און האט אנגעהויבין צוא שלאגין אים און צוא באליידיגין עם אהן אויפהער דער פריץ איז גישטאנין און האט זיך פערוואונדערט ער האט נישט גיוויסט וואס צוא טוהן. און דער שייגיץ האט אלין גישלאגין דער גלח ביז דער גאנצער שגעון איז איבער גיקעהרט גיווארין אויף דעם גלח. און דער שייגיץ דעם פריץ'ס זוהן איז גיזינד גיווארין אזוי וויא יעדער מענטש. איז דער פריץ דערנאך גיפארין קיין בעלז דאנקין דעם רבי'ן. האט ער גיפרעגט דעם רבי'ן דערויף. האט דער רבי גיענטפערט דעם פריץ. אז דער גלח האט געהאט אקייפס ווייב איז זיא ניפיינערט און זיא איז גיווארין א דובק רח"ל ווייל זיא איז גיוועין א משומדת האט זיא זיך באהעפט און דעם שייגיץ. האט צו איר דער רבי גיזאגט נאך וואס פיינינסטו דיא עם לאז זיא זיך באהעפטין און דעם גלח איז אזוי גיוועין:

~~~~~~~

סד) **אמאהל** איז גיקימין צום בעלזער רב א שלאכצין, וואס ער איז גיוועין קראנק אויף אלע איברים ר"ל. ער איז גילעגין און האט זיך נישט גיקענט רירין מיט

קיין

קיין שום אבר. דער רבי'ן׳ס דרך איז גיוועזן אז עס פלעגט צוא אים קימען א יוד וואס ער האט געהאט א מיחוש אויף וועלכין אבר האט ער דארך גיפירט זיין היילינגע האנד אויף דעם ארט פון דעם מיחוש איז דער מענטש געהיילט גיווארין. נאר אויף אזוי האט ער נישט אנגירירט מיט זיין היילינגע האנד. האט ער גיזאגט צו זיין משמש ר׳ אלימלך ער זאל נעמין זיין פארטשיילע אונ זאל זיא דארך פירין אויף זיין גאנצין גוף אונ דיא הענט מיט דיא פיס פון דעם שלאפין. האט ער אזוי געטוהן. האט דער שלאפער גיזאגט, אז ער פילט דאס עס איז ארויס גינאנגין פון זיין גאנצין גוף אזוי וויא א ווינט דארך דיא פיס. האט דער רבי צו אים גיזאגט ער זאל זיך פריווין אויף זעצין. האט ער זיך אויף גיזעצט. דערנאך האט ער עס געהייסען פריווין אראפ גיין פון דעם וואגין אונ ער זאל גיין ארים דעם וואגין. האט ער אזוי גיטוהן. נאך האט אים דער רבי גיזאגט אז דיא רעשט רפואה וועט ער האבין אונ דער היים. אויף דעם אופן ער זאל אים מבטיח זיין ער זאל זיין גיט פון יודינם וועגין. האט ער אים אזוי צו גיזאגט. אונ פיפצין יאהר ארים איז גיוועזן ביא דעם רבי'ן איינער מיט אחתן פאר דער חתונה דער רבי זאל זייא בענטשין. איז ער גיוועזן אונ בעלז אויף שבת. אונ נאך שבת איז גיוועזן פאר דער חתונה. אונ מען האט זייער פיל אהן גינרייט. אבער דער רבי האט אויף נעהאלטין זייער גיזעגינין ביז דינסטאג. ביז דער מענטש מיט דעם חתן זענין צום רבי'ן גיקומין מיט א טענה פאר וואס ער האלט זייא אויף. א רגע איז דאך ביא זייא נירעכינט וויא א טאג. וויל זייא בעדארפין זיך פאר גרייטין צוא דער חתונה. אונ דעם שבת דארף מען אויף רופין דעם חתן. האט דער רבי גיענטפערט איך וויל אייך אויף האלטין אבער איר ווילט נישט פארט אייך לשלום. האבין זייא אזוי גיטוהן. וויא זייא זענען באנאכט גיפארין אונ אגרויסין וואלד. איז גיווארין אגרויסער אונ אשטארקער ווינט. וויל עס איז דאמאלס גיוועזן אונ דעם חודש שבט. אונ אין דעם וואלד איז גיוועזן א טיפער גריב. גאר דארך דער זאווירחע איז דער גריב פערדעקט גיווארין זענין זייא ארייין גיפארין אונ דעם גריב אריין אונ זענין גיבליבין שטיין. זייא האבין ווייטער נישט גיקענט פאהרין וויל דער שנייא איז גיוועזן זייער טיף. זענין זייא גיוואר גיווארין אז דער בעלזער רב איז פריער גירעכט גיוועזן וואס ער האט זייא אויפגעהאלטין פון זייער פאהרין. נאר וואס עס איז גיוועזן איז דאך פערפאלין. האבין זייא גישריגין צוא השי״ת פון דעם גריב. פלוצלינג איז צוא זייא גיקומין דער שלאכציץ מיט זיינע קרובים אונ חברים אויף וועגין. האט מען זייא ארויס גיצויגין פון דעם גריב אונ ער האט זייא צו זיך גיברענגט אונ שטיב אריין אונ דערוואריטט זייא. האט ער זייא דער צייילט אז דער בעלזער רב האט אים אויף גיוועקט ער זאל מקיים זיין דיא לאנגסטינגע צו זאג. ער זאל זיין גוט פון יודינם וועגין. חאטשי פריער האט ער אים נישט געהארכט. נאר יעצט האט ער אים שוין נישט גילאזט שלאפין. ער האט ביא זיך גיזעהן דעם בעלזער רב. דעריבער איז ער נעך גיקומין זייא העלפין:

~~~~~~~~~~

סה) נאך א מעשה.׳ אונ אינגערין אונ דער שטאט אוהל. איז

גיוועזן
~~~~~~~~~~

געוועזין אַ בחור אַ גרויסער גביר . ער איז שוין אַלט גיוועזין דרייסיג יאָהר . אויך איז ער גיוועזין אַ דייטש . האָט ער חשק געהאַט צו נעמין אַ גוישין פריץ'ס אַ טאָכטער אַ יפת תואר . איז ער גיקומין צום שטאָט רב אַז ער זאָל אים מתיר זיין צו נעמין דיא גויע . איז ביי דעם רב זייער שווער גיוועזין אים צו געבין פערשטיין פאַר וואָס ער מאָר זיא נישט נעמין . ווייל דער דייטש האָט דאָס נישט פערשטאַנין און ער האָט זיך געהאַלטין ביי איינס אַז וויא באַלד ער וועט זיא נישט נעמין וועט ער נאָך שטאַרבין . האָט אים דער רב גיזאָגט אַז דאָס איז זייער אַ שווערע שאלה . דעריבער זאָל ער פאָהרין צום בעלזער רב און זאָל אים פרעגין דיא שאלה . דער דייטש האָט נישט פערשטאַנין אַז דער רב וויל אים פון זיך מדחה זיין . איז ער גיפאָרין קיין בעלז און האָט דעם רבי'ן דערציילט דאָס גאַנצע ענין . און אַז ער וועט נישט נעמין דיא גוי' וועט ער נאָך שטאַרבין . אויך איז ער שוין גיוועזין ביי דעם רב פון שטאָט אוהל . און דער רב האָט אים אהער גישיקט . איז דער בעלזער רב גיזעסין פערקלערט אַ צייט און זיינע הייליגע מחשבות . דער נאָך האָט ער גיזאָגט דעם דייטש דער פריץ'ס טאָכטער איז זייער נישט קיין שיינע אַדרבה זיא איז זייער מיאוס . נאָר און דיין שטאָט אוהל . איז דאָרט דאָ דעם מלמד'ס טאָכטער זיא איז זייער אַ יפת תואר און עס איז נישט דאָ איר גלייכין . נאָר זיא האָט נישט קיין געלד . דוא ביסט דאָך ממילא אַ גרויסער עושר . און זיא איז אַ מיוחסת און אַ יפת תואר . האָט דער בחור גיענפערט און האָט גיזאָגט . דאָס וואָס דער רבי זאָגט מיר אַז דעם פריץ'ס טאָכטער איז מיאוס איז נישט אַזוי . ווייל איך בין דאָך ביי איר גיוועזין אידער איך בין אהער גיפאָהרין . האָט צוא אים דער רבי גיזאָגט . פאָר אַהיים וועסטו זעהן דעם אמת . און תיכף וויא ער איז אַהיים גיקומין איז ער גיגאַנגין צום פריץ'ס טאָכטער האָט ער גיזעהן אַז זיא איז זייער מיאוס אַז ער האָט אויף איר נישט גיקאָנט קוקין . דער נאָך איז ער אַהיים גיגאַנגין און ער האָט גישיקט נאָך דעם מלמד מיט זיין טאָכטער . האָט ער גיזעהן אַז זיא איז זייער שיין וווּנדערליך . האָבין זייא אָנגעהויבין צוא שמוסין . דער בחור האָט פערלאַנגט אַז ער זאָל זיך מיט אים משדך זיין האָט אים דער מלמד גיזאָגט איך האָב דאָך אָבער נישט קיין געלד . האָט אים דער בחור גיענטפערט אַז קיין געלד איז ביי מיר קיין ווערט נישט . אַדרבה איך וועל נאָך געבין געלד וויפיל מען דאַרף אויף הוצאות פון דער חתונה דאַמאָלס האָט דער מלמד גיזאָגט אַז זיין טאָכטער פערלאַנגט אַז ער זאָל זיך פירין וויא אַ יוד און אַלע פרטים . האָט ער אים דערויף מסכים גיוועזין האָבין זייא גימאַכט תנאים און אַ חתונה כדת משה וישראל . נאָך דער חתונה האָט ער דערציילט זיין ווייב דיא גאַנצע געשיכטע . האָט זיא אים גיזאָגט אַז זייא וואָלטין ביידע גידאַרפט פאָהרין צום רבי'ן קיין בעלז . האָבין זייא אַזוי גיטוהן זייא זענין גיקומין צום רבי'ן . און ער האָט אים זייער גידאַנקט פאַר זיין עצה . האָט אים דער רבי גיזאָגט דאַנקט אויך דעם רב פון דער שטאָט אוהל . וואָס ער האָט מיר גיגעבין אַ גוט עסק . דאָס איך האָב גימוזט אַראָפּ נעמין דאָס שיינקייט מיט דעם גאַנצין חן פון דעם פריץ'ס טאָכטער און זאָל עס געבין דיין ווייב האָט זייא דער רבי גיבענטשט מיט הצלחה ובבנים זכרי בנים ובאריכות ימים וכל טוב סלה :

צמא"ל

מו) אמאהל איז ניקומין קיין בעלז א מענטש וואס ער האט נעהאט צו פערקויפין פוטער מיט מילעך . ער איז גיוועזן א מתנגד אונ א שלעכטער מענטש . איז דיא רעביצין צוא איהם גיקומין קויפין . האט ער זיך גימאכט אגילעכטער אז דיא רעביצין דארף נעבין מעהר עטליכע גראשין . ווייל זייא האבין גרינג געלד . האט דיא רעביצין דאס דערציילט איר מאן דעם רבי'ן . תיכף האט זיך דער מענש נישט גיקאנט רירין נישט מיט דיא הענט אונ מיט דיא פים ר"ל . איז מען מיט איהם גיקומין צום רבי'ן ער זאל דעם רעבין איבער בעטין . האט איהם דער רבי געהייסין אום שמירין מיט פוטער איז ער געהיילט געווארין . פון דאמאלס אהן האט ער זיך מקרב גיוועזן צוא דיא חסידים אונ ווען זייא זענין דארך איהם דארך גיפארין האבין זייא ביי איהם גינעסין אונ גיטרינקען :

מז) ר' שלום מבעלז האט נעהאט א עלטערין ברידער ער איז גיוועזין רב אונ א שטאדט . האט ר' שלום'ס מוטער פון בעלז גיוואלט אז ר' שלום זאל זיך מיט איהם זעהן . ווייל ער איז דער עלטערער . נאר פריער איז דעם בעלזער רב שווער גיוועזן ער זאל דאס מקיים זיין ווייל זיין ברודער איז גיוועזן א מתנגד נאר ווייל זיין מוטער האט אויף איהם גוזר גיוועזן בכיבוד איז ער צוא איהם גיפאהרין . האט ער מיט איהם גירעט אסך אונ נגלה גמרא דער נאך וויא ער האט מיט איהם אנגעהויבין צו רעדין תורה בדרך נסתר . האט דער בעלזער רב גיפרעגט זיין ברידער א מאמר אונ דעם זוהר . האט ער איהם גיזאגט . דער נאך האט דער ברידער גיפרעגט דער בעלזער רב וויא אזוי ער לערינט עפיס דיא כונות פון דעם זוהר הקדוש . אזו וויא דער בעלזער רב האט אנגעהויבין צוא זאגין . איז זיין ברידער דער רב דערשראקין גיווארין . אונ מען האט איהם קוים דער מינטערט . האט ר"ש גיזאגט אז ער האט מיט זיין קדושה צו נעצווינגין ר' שמעון בן יוחאי . האט דער בעלזער רב אוים נעפירט אז אזוי דארף מען לערנין זוהר :

מח) אמאהל איז ניקומין צום רבי'ן ר' אורי סטערעליסקער'ס איניקיל אונ האט זיך פאר איהם מתנצל גיוועזן אז ער דארף חתונה מאכין זיינע קינדער אונ ער פערמאגט נישט קיין פרוטה . האט איהם ר"ש געהייסין פאהרין קיין יאס דארט איז פערהאנדין איינער מיט דעם נאמין משה . אגרויסער עושר . ער וועט איהם נעבין אויף הוצאות פון דער חתונה . האט ער ווידער גיזאגט אז ער האט מורא צו פאהרין איבער דער גרעניץ אן אבילעט אונ אן געלד . האט איהם דער רבי גינעבין א רייניש אונ האט איהם גיזאגט פאר זאלסט ני'ט קיין מורא האבין אויף דער גרעניץ האט דער גיזעצטער גימיינט אז ער איז פון רומעניא . נאר ער האט זיך אהער גינגבית . האט ער איהם צוריק גישיקט קיין רומעניא . איז ער גיקומין קיין יאס אונ איז גיגאנגין צום גבור ר' משה . וויא ער האט איהם דערזעהן איז איהם דער גבור אקעגין גילאפין מיט גרוים שמחה אונ האט איהם גינעבין שלום מיט אפריילעך פנים . ער האט איהם גינעבין צי עסין אונ טרינקין עטליכע טאג . דערנאך האט ער איהם גיזאגט . אלעס וואס דיא דארפסט אויף דער חתונה וועל איך דיר נעבין . האט ער גימאכט

אחשבון

אַחשבון וויפיל ער בעדאַרף . האָט אים ר' משה גינעבין . האָט ער גיפרעגט דעם ר' משה מיט וואָס ער האָט כּיַיא אים אַזוי געפינען חן . אונ גיט אים וואָס ער דאַרף . האָט ער אים גיענטפערט אַז ער איז געפאָהרין צו זיין זיידין קיין סטרעליסק האָט ער אים גיבענטשט מיט קינדער וויַיל ער האָט דאָס גידאַרפען האָט ער געהאַט אַטאָכטער האָט זיא חתונה געהאַט . נאָר נאָך דער חתונה איז זיא שלאַף געוואָרין דאָס זיא האָט זיך נישט גיקאָנט רייניגען ר"ל . איז איהר מאַן פון איהר אַוועק געפאָהרין אונ איהרע ביטערע געשרייען איז נישט גיוועזן משער צוא זיין . ביז מיט אַמאָהל איז ער פריַיטיג צו נאַכט נעגאַנגען פון דאַווינין האָט ער געהערט אונ דרויסען דיא געשרייען פון זיין טאָכטער . וויא ער איז אַהיים געקומען האָט ער זיך גיזעצט עסין סעודת ליל שבת . איז ער אַנטשלאָפין געוואָרען אונ האָט גיזעהן אונ חלום זיין רבי'ן דער סטרעליסקער איז ער צוא אים געלאָפין ער זאָל אים העלפין . האָט ער אים גיענטפערט אַז ער לעבט שוין נישט נאָר זיין תלמיד דער בעלזער רב ער קען אים העלפין האָט ער אים געוויזען מיט דעם פינגער אויף דעם בעלזער רבי האָט ער גיבענטין אַהילף פון דעם בעלזער רב . האָט אים דער בעלזער רב געזאָגט האָסט דאָ (ער האָט אים גיוויזין מיטן פינגער) אַ איַינִיקיל פון ר' אורי סטרעליסקער וואָס ער דאַרף חתונה מאַכין זייגע זוהן גיב אים וויא פיל ער בעדאַרף וועסטו געהאָלפין ווערין . אַזוי האָט ער אים מבטיח גיוועזן . אונ זיין טאָכטער האָט תיכף געהאַט אַרפואה . דעריבער האָט ער תיכף דערקאָנט יואַכידיג ר"א אייניקיל ווען ער איז פאַר אים גיקומען וויַיל דאָס איז דער איינציגער וואָס דער בעלזער רב האָט אויף אים גיוויזין מיט זיין פינגער . איז מיט אים דער גביר גיפאָהרין קיין בעלז :

---

מט) **דער** בעלזער רב האָט פריער גילערינט ביַים דעם סקאָהלער מגיד . דער נאָך איז ער גיפאָרין קיין סטרעליסק עפ"י סבה . וויַיל ער איז גיוועזן אינטער וועגינס ביַיא זיין בעקאַנטין , איז דער בעה"ב אריַין גיקומין אונ זיין חדר אריַין אונ האָט גיזאָגט אַז ער האָט אַגרויס עסק וואָס ער דאַרף פאָרין צוא זיין רבי'ן ר"א מסטרעליסק . אונ ער דאַרף האָבין אַיליג ביַיא דעם רבי'ן ע"ב בעט ער דעם בעלזער רב אַז ער זאָל מיט אים פאָרין . האָט ר"ש גיקלערט וואָס איז דאָ דיא מעשה . עס מיז גיוויס זיין אַז איך דאַרף פאָרין קיין סטרעליסק . וויַיל פין וואַגין האָט דער בעה"ב אַזאַ שטאָלצקייט ער . זאָל מיר זאָגין איך זאָל מיט אים פאָהרין דעריבער האָט ער אים דערויף צו גיזאָגט האָט זיין בעה"ב איַינגישפּאַנט זיינע פערד און זיין וואָגין . אין עטליכע שעה אַריב איז ער ווידער גיקומין אונ דעם בעלזער רב'ס חדר אריַין אונ האָט צוא אים גיזאָגט . איך האָב דאָך נישט קיין ציַיט צו פאָהרין . לאָז דער רב אַליין פאָהרין אונ זאָל פאַר מיר רעדין אונ וויַיל ער האָט אים שוין געהאַט צו גיזאָגט דערויף צו פאָהרין מיט אים . איז ער יעצט שוין אַליין . אויך גיפאָרין וויא ער איז גיקומין קיין סטרעליסק . איז דער רב גישטאַנין אונ האָט גידאַווינט . האָט דער בעלזער רב גיקלערט . אויב דער סטרעליסקער איז זיין רב טאָר ער נישט דאַווינין איבער אים :

**נאָכן** דאַווינין האָט דער סטרעליסקער גיזאָגט

גיזאָגט פאַר דעם גאַנצין עולם . וואָס איז דאָס עפּיס מען זאָל מיך פאַר גירודין בייא מיין דאַווינין מיט קלערין צוא איך בין זיין רב . אונ אויב ער מעג דאַווינין אינטער זיין רבי'ן אונ קיינער האָט ניט גיוויסט אויף וועמין ער מיינט דיא רייד . נאָר דער בעלזער רב . דעריבער האָט ער אים אויף זיך אויף גינומין פאַר אַ רבי'ן .

~~~~~~~~

נ) דער בעלזער רב האָט גיזאָגט חאָטש ער איז שוין גיוועזן בייא אַסך צדיקים וואָס האָבין אַ רוה"ק נאָר אַזאַ אמתין רוה"ק האָט ער גיזעהן אונ סטרעליסק . עס איז גיוועזן אמעשה וואָס דער שוחט פון . . . האָט דערציילט אז ווען ער איז גיוועזן שוחט אונ אמאַניסטרישץ . איז ער גיפאָרין קיין קאָסיב אונ דאָרט האָט ער גיוויזין זיין חלף צוא דעם ממונה פון דעם שוחט ר' העגדיל . וואָס דער קאָסיבער רב האָט גיזאָגט אַז אויף אים שטייט ארמז אונ שולחן ערוך . אז מען הייסט ניט קיין מומחה צו שעכטין עד שיהי' תרנגול עמהם . דהיינו . העגדיל . וויא ער איז צוריק אהיים גיפאָרין האָט ער דאָרט גיטראָפין דעם סטרעליסקער רבי'ן אונ האָט אים גיוויזין זיין חלף . האָט ער גיזעהן אַז אויף דער צווייטער זייט איז דאָס מעסער אביסעל שאַרטיק האָט דער סטרעליסקער גיזאָגט אַז דער חלף איז שוין לאַנג גיוועזן בייא ר' העגדיל ז"ל :

~~~~~~~~

נא) אַמאָהל האָט דער בעלזער רב ר"ש נעהערט אַנישרייא פון איינים פון זיינע איניקלעך האָט ער גיזאָגט אַז ער הערט אַ קול פון אַ סירכאָ האָט מען נאָך גיזוכט איז מען גיוואָר גיוואָרין אַז דער שטיינער פון־עס זונגיל איז גיוועזן ער פלעגט גיין צו אשכן וואָס ער האָט מער קויפט פליייש פלעגט ער דאָרט עסין פלייש מיט אַ סירכאָ :

~~~~~~~~

נב) דער רב ר' שבתי ליפשיטץ אבד"ק יולניצא . האָט דער ציילט אַז ער האָט דאָס ווייפיל מאָהל געהערט פון זיין פאָטער . אז פאַר זיין חתונה איז ער גיגאַנגין מיט עטליכע חבירים צו פוס אויף שבועות צו ר' שלומין ז"ל ערב יו"ט זענין זייא גיגאַנגין נעמין שלום איז דער רב דעמאָלט גיוועזן אַ סגי נהור . נאָך יו"ט אסרו חג פאַר שחרית האָט זיך זיין חבר מקדים גיוועזן אונ איז זיך גיגאַנגין גיזעגינין צום רבי'ן האָט ער גינעבין דאָס קוויטיל דער מנהג איז גיוועזן אַז דער גבאי אלימלך האָט גילייענט דיא קוויטליך פאַר דעם רבי'ן אונ דער רבי האָט אויף יעדער זאַך גיענטפערט וואָס עס איז גישטאַנין גישריבין אונ קוויטיל . אָבער ווער עס איז זיך גיקומין גיזעגינין נאָכן דאַווינין , האָט שוין דער גבאי דאמאָלס נישט גילייענט דיא קוויטלעך . נאָר ער האָט גינומין אלע קוויטלעך אונ אפּאַטשיילע אריין אונ ער האָט יעדין גיזאָגט אַז דער רבי וועט לייאינין דיא קוויטליך אונ ארעכטע צייט אריין אונ דער רבי ז"ל האָט יעדין גיגעבין דיא האַנט אונ האָט זיך גיזעגינט . אין מיטין טאָג איז גיקומין מיין פאָטער גיזעגינין זיך אונ דער גבאי האָט בייא אים גינומין דאָס קוויטיל האָט זיך דער רב אָנגירופין אונ האָט גיזאָגט בייא דעם בחור זאָלסטו יאָ לייאינין דאָס קוויטיל ווייל זיין חבר וועט זיך ביט אים רייצין אַז זיין קוויטיל האָבע איך יאָה גילייענט אונ עהם קוויטיל האָבע איך

ניטש
~~~~~~~~

נישט גילייענט. אזוי האט מיין פאטער ערציילט. דאס איז זייער א וואונדער וויל אים יו"ט האט ער דאך זייא נישט גיפרעגט פון וואנען זייא זענען אונ פון וואנען האט ער גיוויסט אז ער האט דא א חבר:

נג) דער בעלזער רב ר"ש האט אים דער רבי פון לובלין דערהעכערט פון זיינע תלמידים. אמאהל איז ער גיקומען צום רבין ר' אברהם יהושע העשיל פון אפטא, האט אים דער רבי בייא שלש סעודות מכבד גיוועזן מיטן בענטשין. איז דאס יעדין גיוועזן א וואונדער וויל דער אפטער רב האט קיינמאל נישט מכבד גיוועזן קיין שום מענטש מיט דעם בענטשין פון שלש סעודות. נאר ער פלעגט אליין בענטשין. דאמאלס האט דער רבי גיזאגט צו זיין זוהן הרב המפורסים מו"ה ר' יצחק מאיר ז"ל. דיא זאלסט וויסין מיין זוהן אז בייא דער סעודה האב איך נידרשינת זייער א טיפין דרוש אונ דער הורה. אונ עס איז נישט גיוועזן אפילו איינער פון דעם גאנצין עולם וואס האט גיוויסט דאס טופקייט פון דיא ווערטער חאטש זייא זענין אלע גיוועזן גרויסע לומדים נאר דער יונגער מאן האט פערשטאנין דיא חידושים:

נד) דער בעלזער רב האט גיזאגט. אז דער מענטש וואס איז שלאף אויף דער לינג זאל ער זיך געוואהנין צו טרינקין יאך פון פיס. ער איז מבטיח אז דער וואס וועט אזוי טוהן וועט ער קריגין א געזונטע לינג. נאך ארפואה. אז איינער הוסט זאל ער נעמין א פיס פון א אקס אדער פון א קאלב אונ זאל עס גוט אויף קאכין אזוי וויא מען קאכט אונ מיאלינט אונ זאל עס טרינקין ווארימע הייט. אזוי זאל ער טוהן עטליכע טאג וועט ער געהיילט ווערין בעזה"י:

נה) דער רבי ר"ש מבעלזע האט מקפיד גיוועזן אויף דעם וואס ער הענגט אויף דיא טלית ותפילין. אונ אויף דעם וואס ער זאגט דיא ברכות פון אונ דער פריא אהן טלית ותפילין. אונ אויף דעם וואס ער נארטילט זיך צו מיט איין פאטשיילע. אויך האט ער מקפיד גיוועזן אויף דעם וואס ער צינד אהן בראנפין אויף אטיש. אונ דער וואס ער וואשט זיך מיט מים אחרונים מיט אלעפל וואס מען עסט מיט אים. ער האט גיזאגט אז דיא אלי זאכין זענין קשה צו דער פרנסה: נאך האט ר"ש מבעלזא גיזאגט אז דער וואס טראגט ארוים פון שטוב דיא כלי וואס מען וואשט זיך אונ איר אריין אונ דער פריא מיטן וואטער אונ גוסט עס ארוים. איז עס מסוגל צו זיין א ירא שמים. נאך האט ער מקפיד גיוועזן מען זאל נישט עסין אזא מאכל וואס עס איז שוין גיוועזן אין אבית הכסא. דער בעלזער רב פלעגט אוים רופין בייא שלש סעודות אונ מיטין דיא זמירות אונ ער האט גיזאגט. יעדער יוד איז מחויב צו זעהן אז זיינע קינדער נאך אים זאלין קענין זאגין דער באשעפער פון מיין פאטער:

נו) דער גאון ר' יעקב אורינשטיין האט זיך זייער ליבגעהאט מיט דעם בעלזער רב אטאהל איז דער רב ר' ישראל מריזין גיוועזן אונ לבוב אונ ער איז גיוועזן בייא דעם רב ר"י אורינשטיין. האט זיך גימאכט דאס דער ריזינער האט עפים מקפיד גיוועזן אויף דעם גאון ר"י אורינשטיין'ס זוהן

אין

איז ער דערנאך קראנק געווארן און איז נפטר געווארן . האט ר"ש מבעלזא געזאגט אז ער זאל דארט געוועזן זיין ווא ער געוועזן דיא זאך נישט דערלאזט

**בעווייל מיר שמיסין שוין פון דעם גאון ר' יעקב אוירינגשטיין וועלין מיר פון אים דערציילין עטליכע געשיכטעס . זעהר ווינדערליכע :**

נז) אין דער שטאט לעמבערג איז געוועזן אגזרה מען זאל צאהלין לעבטפאכט דאס רוב משנויחים אויף דעם זעגין געוועזין יודין . נאהר דער גרעבסטער רעוויזאר פון דיא לעבט און לבוב איז געוועזן אקריסט זייער אגרוסער רשע ער פלעגט יודין מיט דעם זייער מצער זיין . בייא דעם גאון רי"א איז געוועזין אשמש וואס ער איז געוועזן געווארפין ער זאל נעמען אכטונג געבין אויף דיא עירובין צו זייא זעגין נישט קאליע געווארין . דער שמש איז געוועזן זייער א ערלעבער יוד . זיין שטייגער איז געוועזן אז אלע דאנערשטיג נאך האלבין טאג איז ער גיגאנגין אכטונג געבין אויף דיא עירובין פון דער גאנצער שטאט :

אמאהל אום זומער פאר נאכט דאנערשטיג . איז דער שמש גיגאנגין אכטונג געבין אויף דיא עירובין איז ער דורך גיגאנגין אויף דעם ארט וואס דער רעוויזאהר איז געזעסין שעפין לופט . האט ער אים גיזעהן אונ האט דעם שמש צו גערופין . האט דער רעוויזאהר גיזאגט צים שמש זאג מיר וויפיל דיא ווילסט זאלסט מיר פערקופין דיא מצוה פון תיקון עירובין וואס דיא טוסט שטענדיג איך וויים דאך אז דיא האסט פיר טעכטער וואס דיא יונגסטע מאכטער איז אויך אלט מיין פון צוואנציג יאהר איך וועל דיר געבין וויפיל דיא דארפסט התונה צו מאכין צוויא פון זייא אונ פערקויף מיר דיא מצוה . דער שמש איז נישטאנין אונ האט גיקלערט וואס צו ענטפערין . האט ער אים גיענטפערט אז אונ אוואך ארום וועט ער אים זאגין ענטפער . האט אים דער רעוויזאהר גיזאגט גידענק גוט צו ענטפערין מיר דיא צווייטע וואך . אונ זאלסט פון מיר נישט שפעטין . ווייל איך האב נישט גירעד קיין לעהרע זאך איך וועל דיר בעצאהלין וויפיל דיא ווערסט מיר זאגין אז דיא דארפסט חתונה צו מאכין דיינע צוויא קינדער בכבוד . וויא דער שמש איז צוריק גיקומין צום רב רי"א . אונ האט אים גיזאגט דיא גאנצע מעשה אונ אויך דאס געלד וואס ער וויל אים געבין . האט אים דער גאון גיענטפערט . דיא צווייטע וואך איידער דיא וועסט אהין גיין וועל איך דיר זאגין וואס דיא זאלסט טוהן . וויא עס איז גיקומין דאנערשטאג איידער ער איז אהין גיגאנגין אכטונג געבין אויף דיא עירובין . האט ער גיפרעגט דעם רב וואס ער זאל אים ענטפערין . האט דער רב צוא אים גיזאגט מיט דיזין לשון . זאלסט וויסין אז יעדער זאך וואס עס געפינט זיך אויף דער וועלט איז נאר זיין גאנץ לעבין פון דער קדושה . אויך דיא קליפות איז דער עיקר פון זייער לעבין נאר פון דער שפע פון דער קדושה . אונ אהן דעם וואלטין נישט גיקענט דאבין קיין קיום . אונ דער רשע ווייל ער האט זייער פיל גיזינדיגט האט זיך אים גילאזט

ג׳לאָזט זיין גאַנץ חיות דאָס ער קען שוין נישט ציען פון דער קדושה. נאָר דיא קליפה דאַרך דעם ווייל זיא וויל אַז זיך האָבין חיות גליסט זיא ציא טוהן וועלכע מצוה כדי זיא זאל האָבין פון וואַנין ציא זייגין. אוג אויב זיא וועט נישט האָבין פון וואַנין וועט זיך איר לעבין אוים לאָזין. דעריבער זיי געוואָרינט אַז די זאָלסט גיט נעבין קיין אָרט ציא דער קליפה זיא זאָל האָבין פון וואַנין צו שעפין. אַ גוטען סימן גיב איך דיר דערויף. אַז אַזוי וויא דיא וועסט אים זאָגין אַז דיא ווילסט נישט דעם משא ומתן. וועט זיך זיין לעבין ענדיגין אוג ער וועט שטאַרבין. דער שמש האָט גיטוהן זיין האַרץ ציא דיא רייד וואָס דער רבי האָט צו אים גיזאָגט. וויא ער איז גיגאַנגין צו זיין מלאָכה. איז דער רעוויזאָהר גיזעסין און האָט גיוואַרט אויף תשובה. וויא ער האָט אים דער זעהן האָט ער אים גיפרעגט זאָג מיר צו עס וועט זיין פין דעם מסחר וואָס מיר האָבין פון אים יעני וואָך גירעט. האָט אים דער שמש גיענטפערט איך קען דיא זאַך נישט טוהן בשום אופן. אפילו דיא זאָלסט מיר געבין פיל געלד. מיין האָט ער נישט גירעט. וויא ער האָט גיקאַנטשיט זיינע רייד איז דער רעוויזאָהר אַנידער גיפאַלין אַ פלוצלינגן טויט. ר״ל. האָט יעדער גיזעהן דעם נס:

---

## יעצט ווילין מיר צוריק גיין צום ערשטין שמים מהרבי ר׳ שלום מבעלז זצ״ל:

נח) דער רבי ר׳ שלום איז געוועזן אין לובלין. האָט אים דער רבי גירופין אים תשעה באב אין האָט אים ניהייסין ער זאָל תיכף עסין אוג טרינקין ביא דעם רבי׳ן אוג שטוהב. האָט ער אַזוי גיטוהן. וויא ער איז אַהיים ניקומין. איז ער שלאַף גיוואָרין אין ער איז גיוועזן אין אַ סכנה וויא עס איז ניקומין יוהכ״פ האָט ער ניפרעגט דעם דאָקטער פון לעמבערג אויב ער זאָל פאַסטין. האָט ער אים ניענטפערט. אויב ער האָט ניט צוויא חדשים פריער נישט גיפאַסט מעג ער פאַסטין. האָט ער יעצט פערשטאַנין נאָך וואָס דער רבי פון לובלין האָט אים נעהייסין עסין אים תשעה באב:

---

נח) אין מען דערציילט ווען ר׳ שלום איז גיוועזן אוג לובלין איז ער נאָך געוועזן אַ יונגער מאַן פלעגט ער ליגין אינטער דעם טיש פון דעם רבי׳ן מלובלין. אוג ווייל עס איז דאָרט אויך ענג גיוועזן. איז ער גילעגין אינטער דעם רבי׳ן׳ס פיס. האָט דער רבי דער פילט אוג האָט אים גיפרעגט ווער ער איז דאָס האָט ער גיענטפערט זיין נאָמין. האָט דער רבי צו אים גיזאָגט אַזוי וויא דיא שטיפסט דיך אינטער מיר. אַזוי זאָל מען זיך שטיפין אינטער דיין טיש:

---

ס) אין בעלזאָ איז גיוועזן איינער פון דיא תלמידים פון דעם רבי מלובלין ער האָט נעהייסין ר׳ אהרן משיח. נאָך זיין פטירה האָט דער רבי מלובלין נעהייסין אויף נעמין פאַר רב ר׳ שלום מבעלזאָ אוג דעריבער איז דער ר׳ אַהרן משיח פריער נפטר געוואָרען

גינזארין . פלעגט ר' שלום זאגין אווערביל און אבות שטייט אהרן רודף שלום . אבער יעצט איז פערקעהרט . שלום רודף אהרן :

---

## נא) דער רבי ר' אורי מסטרעליסק האט גיזאגט פאר זיין פטירה

אז זיינע קינדער וועלין נדחה ווערין פאר זיינע תלמידים . דהיינו זיין זוהן ר' שלמה איז נדחה גיווארין פאר ר' יהודה הירש מסטרעטין . און זיין איידים ר' יצחק וועט נדחה ווערין פאר זיין תלמיד הצדיק ר"ש מבעלז . נאך דעם וואס דער רב ר' אורי מסטרעליסק איז נפטר גיווארין איז זיין איידים ר' יצחק גיפארין צים רבי'ן ר' שלום מבעלזא . מיט גיבעטן אז ער האט א טאכטער חתונה צו מאכין . און ער האט איר ניטט צו געבין קיין נדן . און נישט התונה צו מאכין דעריבער האט ער גיבעטין ר' שלום מבעלזא . ער זאל אים זיין באהילפיג ער זאל אים געבין חתונה צו מאכין . האט דער בעלזער רב גיענטפערט און האט גיזאגט פון מיין קעשינע קען איך דיר נישט געבין נאר דאס וועל איך טוהן . איך וועל דיר געבין אבריף צו מיינע הסידים פון פיל שטעדט . און דיא וועסט אים פארין אויף דיא אלע ערטער וואס מען קען מיך . וועסטו קאנין צינאנט נעמין אויף דיא צרכי החתונה בריווח האט ר' יצחק נישט גיוואלט הארכין צים רבי'נ'ס ר"ש עצה . ער זאל זיך דארפין אים שלעפין פון שטאדט צו שטאדט . האט אים ר"ש גיבעטין אז ער זאל חאטש פאהרין אויף עטליכע נאהנטע ערטער . האט ער ניכט גיוואלט . האט אים ר"ש גיענטפערט און האט גיזאגט דיא זאלסט פאהרין קיין יאס ראדט וועסטו טרעפין איין עושר וואס ער וועט דיר געבין אויף דעם גאנצין צורך פון דער התונה בהרחבה . האט ר' יצחק גיזאגט איך ווייס נישט ווער דער עושר איז וואס ער וועט מיר געבין . וויל עס איז פארהאנדין אסך נגידים און דער שטאדט יאס . זאגט מיר וויא אזוי ער הייסט . האט אים דער רב גיזאגט דיא וועסט שוין אליין וויסין ווער ער איז . און וועלכער ער איז . נאר זאלסט אהין נעך פארין . האט ר' יצחק געהארכט דעם רבי'ן און איז גיפארין קיין יאס . איידער ער איז גיקומין צו דער שטאדט יאס . האט זיך גיטראפין אמעשה און דער שטאט יאס בייא אנביר וואס ער האט געהאט א איינציגע טאכטער . איז זיא פלוצלינג אראפ פון דעם רעכטין שכל און אלע דאקטוירים זענין מיעד גיווארין נאך צו זיכין רפואות פון אירט ווענין . און דער צייט וואס זיא איז קראנק גיוועזן האט זיך דעם גביר גיחלימט דאנערשטיג בייא נאכט אז ער איז אויף יענער וועלט האט ער גיזעהן דעם רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק מיט זיינע חסידים און ער האט דעם ר' אורי נישט גיקענט . האט ער גיפרעגט ווער איז דאס דער מענטש האט מען אים גיזאגט דאס איז דער רבי ר' אורי מסטרעליסק . איז ער צו אים צו גיגאנגין און איז אנידער גיפאלין פאר אים צו בעטין אים ער זאל בענטשין זיין טאכטער מיט א רפואה שלמה . האט אים ר' אורי גיענטפערט איך בין דאך יעצט שוין אויף יענער וועלט . אויף דער וועלט איז פערהאנדין דער צדיק ר' שלום מבעלז ער קען דיר העלפין צו בעטין פאר דיין טאכטער זיא זאל האבין ארפואה שלימה האט דער גביר גיזאגט . וויא אזוי קען איך קימין קיין בעלז האבין זיא גיזאגט מיר נייען יעצט הערין מקבל שבת זיין דעריבער האלט דיך אהן אין מאן נארטיל וועסטו קענין אהין

גיין

ניִן. האָט ער אַזוי גיטוהן און איז גיקומין קיין בעלז. האָט ער זייער גיוויינט פֿאַר דעם בעלזער רב ער זאָל בעטין פֿאַר זיין טאָכטער זיא זאָל האָבין ארפואה שלמה האָט דער בעלזער רב גיזאָגט. אַז דיא וועסט געבין ר׳ יצחק׳ן ר׳ אורי סטרעליסקערס איידים אלעס וואָס ער דאַריף אויף דער חתונה. וועט דיין טאָכטער האָבין ארפֿואָה שלמה. דיא זאָלסט ניט מיינין אַז דאָס איז נאָר אַחלום. נאָר זאָלסט וויסין אַז דיא זאַך איז אמת. און מאָרגין אי״ה וועט צו דיר קומין ר׳ יצחק מיט אַוואָגין מיט אַזוייא פערד. זאָלסטו אים געבין אַלעס וואָס ער דאַרף. וועסטו אים דערקוויקין דער נאָך האָט זיך דער נגיד אויף גיכאַפּט. האָט ער גיגלייבט דערינין און האָט גיוואַרט כנ׳ און דער פֿריא און האָט געהאָפֿט זיין טאָכטער זאָל האָבין אַרפֿואָה שלמה. און דעם חלום האָט אים גיוויזין ר׳ שלום דיא צורה פֿון ר׳ יצחקלין כדי ער זאָל אים מאָרגין דערקענין וויא עס איז לעבּטיג גיוואָרין איז ר׳ יצחק גיקומין קיין יאס און האָט זיך אַנידער גישטעלט בייא דעם נגיד. האָט אים דער נגיד דערקענט אַז ער איז דער מענטש וואָס ער האָט אים נעבּטין גיזעהן איז ער אים אַקעגין גילאָפֿין און האָט אים צו זיך אַריין גיברענגט. ער האָט אים גינעבין צו עסין און צו טרינקין. האָט ער גיזאָגט איך וועל דיר געבין אַליים וואָס דיא דאַרפֿסט אויף דער חתונה בהרחבה. אויך איז ער מיט אים גיגאַנגין אין זיין גיוועלב אַריין און האָט אים גינעבין אָרינטליכע מלבושים פֿין זיין טאָכטער׳ם וועגין און פֿין זיינט וועגין אויך ער איז בייא אים גיוועזן שבת. איז זיין טאָכטער תיכף בעסער גיוואָרין. האָבין זייא זיך דעם שבת זייער גיפֿרייט. האָט אים דער גביר גיגעבין דעם נדן און אלעס וואָס ער האָט בעדאַרפֿט אויף דער חתונה בהרחבה. נאָך שבת האָט ר׳ יצחק גיזאָגט צים גביר אַז ער פֿערלאַנגט זייא זאָלין בּיידע פֿאָהרין קיין בעלזא און זאָל אויך מיט נעמין זיין טאָכטער. דער רבי זאָל זיא בענטשין און צו דערקענען דעם רבין ר׳ שלום. האָט אים דער גביר געהאָרכט און ער האָט מיט גינומען זיין טאָכטער מיט דעם משרת און זייא זענין אלע גיפֿאָרין קיין בע״ז און זייא זענין גיקומען צים רבין. וויא דער גביר האָט דערזעהן דעם רבין האָט ער אים דערקענט אַז דאָס איז דער אייניגער וואָס ער האָט אים גיזעהן אויף יענער וועלט. איז אויף אים גיפֿאַלין אגרויסע שרעק און ער האָט אָנגעהויבען צו חלשין האָט דער רבי עם אויפֿגישטעלט און האָט גיזאָגט צו אים שטעל דיך אויף דיינע פֿים איז ער תיכף אויפֿגעשטאַנין. האָט דער גביר דערציילט דעם רבין דיא גאַנצע מעשה. האָט דער רבי גיזאָגט איך ווייס שוין פֿון לאַנג. און ער האָט זייא גיבענטשט. און צו ר׳ יצחק׳ין האָט דער רבי גיזאָגט. וויל דיא האָסט גיהאַט וויניג אמונה האָב איך גמוזט טוהן דיא אַלע פֿאַרכטיגע זאַכין. אָבער ווען דיא זאָלסט גיוועזען גלייבין וואָלסטו גיוועזען נעהאָלפֿין גיוואָרין אויף איין אַנדערין אופֿן. זכותו יגן עלינו ועכ״י אָמן:

---

סב) **דער** בעלזער רב האָט גיזאָגט אַז דאָס וואָס דיא וועלט איז זיך נוהג אים פֿרייטיג צו נאַכטס. אַז דאָס קנייטיל פֿון דעם לעכט בריינגט זיך איבער ווערט דאָס לעכט קאַלט

קאַליע. איז מען זיך נוהג אַז מען לייגט אַנידער קיינין דעם לעכט פֿון דער שבת'דיגער חלה. אונ דעמאָלס בייגט זיך דאָס לעכט צריק אוים אונ דיא וועלט האָלט דאָס פֿאַר אַ מופת איז דיא זאַך אַ גוישער מנהג

---

סג) **דער** רבי ר' מאיר הלוי דער טיקטינער רב האָט מען זיים גפרענט פֿאַר זיין טויט ווער עס זאָל זיין אויף זיין אָרט רב נאָך אים. האָט ער אויף גישריבין אַקשיא אויף דער גמרא. אונ אַתירוץ צו דער קשיא. אונ ווער עס וועט זוכה זיין צו ציטרעפֿין דעם תירוץ דער איז צו זיצין אויף זיין שטוהל. האָט מען אים גישיקט דיא קשיא צו אַלע גרעסטע לייט אונ צו זיינע זוהן. אונ פֿון זייא אַלע האָט זוכה גיוועזן דער רב ר' שלום רוקח. האָט מען אים גישיקט אַ כתב רבנות. האָט ר' יוקל דער בראָדער רב זיך מקנא גיוועזן אונ אים. האָט ער געהאַט בדעה אַז ר' שלום וועט פֿאָהרין אויף דעם רבנות דאָרך דער שטאָט בראָד זאָל ער אים איבער שפּאַרין מיט דינים. ווייל ער איז גיוועזן זייער אַ גרויסער חריף אונ ער איז גיוועזן דער זוהן ר' מאיר טיקטינערס. האָט ער גיוואָלט זיצין אויף זיין פֿאָטער'ס שטוהל. אונ דיא נאַכט פֿון דעם טאָג וואָס ר"ש האָט גזאָלט אַהין קימין איז דער רב ר"מ גיקומין צו זיין זוהן ר' יוקל אונ חלום אונ האָט אים אהנגיזאָגט אַז ער זאָל אונ ר' שלום'ן נוהג כבוד זיין. ווייל ער האָט פֿון הימעל זוכה גיוועזן דאָס רבנות. האָט ער אַזוי גיטוהן:

---

סד) **דער** בעלזער רב האָט ערצייהלט מיט דיזין לשון ווען איך בין אַ בּיסיל גיוואָרין אמענטש בּין איך גיפֿאָרין צים רבין ר' יעקב יצחק מלובלין אויף שבת. פֿרייטיג צו נאַכט האָט ער מיר גיגעבין אַ גלעזיל ווייַן צו טרינקין. אונ ווייל מיין מנהג איז גיוועזן איך זאָל נישט טרינקין קיין שום משקה וואָס שיכרט אָהן. דעריבער האָב איך נישט גיוואָלט טרינקין. אונ נישט צו האָרכין דעם רבי'ן פּאַסט דאָך אויך נישט. דערוּבּר האָב איך אַזוי גילאָזט שטיין דעם בעכער פֿאַר מיר אויפֿין טיש. איז ער אַזוי לאַנג גישטאַנין ביז ער איז צו שפּאַלטין גיוואָרין. איז דער וויין אוים גיגאָסין גיוואָרין. האָט ער אָהנגיגאָסין איין אַנדערין כוס ווייַן אונ האָט אים נעבין מיר אנידער גישטעלט איז ער אַזוי גישטאַנין ווייא פֿריער ביז ער איז צו שפּאַלטין גיוואָרין. האָט ער ווידער אָהנגיגאָסין דאָס דריטע מאָהל אונ האָט אים אַנידער גישטעלט נעבין מיר. האָט ער מיר גיזאָגט טרינק. דיא ביסט מיר גיקומין צו ברעכין אַלע מיינע גלעזער. דיימאָלסט האָב איך אים גיענטפֿערט. איך טרינק נישט קיין וויין. האָט ער מיר אויף געהערט צו געבין וויין:

---

סה) **דער** צדיק ר' שלום מבעלזא איז זיין קול גיוועזן אַזוי ווייא דאָס קול פֿון אַלייב בּפרט בּמה דעם לייענין די מגילה האָט מען געהערט זיין קול ווייט דרייא תחום שבת. דען עס איז גיוועזן אַקליין שטעטיל נעבין בעלז. פֿלעגין דיא מענטשין פֿון דאָרט יוצא זיין. מיט דעם וואָס זייא האָבין געהערט דעם רבי'ן לייענין דיא מגילה. חאָטש עס איז גיוועזן ווייט דרייא תחום שבת פֿון דעסט וועגין איז זיין קול געהרט גיוואָרין פֿון אַזוי ווייט:

קיין

סו) קיין בעל"ז איז אמאהל גיקומען אשלאפער . וואס איז שלאף גיוועזן אויף א ציטערניש . האט אים דער רב ז"ל גיזאגט . איך קען דיר נישט העלפין וואל דיא גלייבסט נישט אונז אינז . איז מען דיא זאך גיוואהר גיוואורין אז דער דאזיגער איז גיוועזן א בדחן ער פלעגט מאכין ליצנות . צו טארטונס איז אויך גיקומען אזא מענטש האט דער רבי בייא אים צו גינומין דיא קליעס איז ער גיגאנגין אזוי וויא פריער אהן קליעס . פון דעסט וועגין האט אים דער רבי געהייסין . אז ער זאל זיך נאך אביסיל האלטין פאר שלאף דורך א עין הרע ר"ל :

---

סז) דער ריזינער רבי ז"ל האט גיזאגט . דער בעלזער רב איז דער בעל הבית פון דער וועלט . דעם בעלזער רב האט מען אבגיגעבין . דיא וועלט ער זאלי שאפין . אונ דער בעלזער רב אליין האט גיזאגט . איך בין מקובל אז איך ברויך נישט צו האבין קיין שום הבנעה פאר קיין שום מענטש פון דער וועלט . נאר הרב ר' מאטעלע טשרנאבלער . ווען ער זאל זיין אונ דיא דרייא מייל פון בעלז . וואלט איך צו עם אריבער גיפארין :

---

סח) אין דעם בעלזער פנקס איז פעשריבין גיווארין דיא מעשה פון דעם בעלזער רב'ס וועגין גיליבט צו מאלין אונ צו היטען דעם יחוס . ראך אמעשה וואס עס איז נישען אונ אגרויסע שטאט איז גיקומען אנריעפין צו דעם שטאד רב . אונ האט אים גיבעטין אז ער זאל מיט איר ארויין גיין אונ אבעזונדער חדר ארויין . ווייל זיא האט מיט אים צו רעדין א סוד . האט דער רב איהם גיענטפערט אז עס איז פערהאנדין א איסור יחוד . נאר זיא האלט זיך בייא איינס אז עס וועט אים דער פון ארויס קימען א טובה . אונ ווידער זיא איז דאך א אלטע . האט דער רב גיזעהן וויא דער דין איז . אז עס זענין גיוועזן אויפין דיא טהירין אונ דעם חדר ארייין וואס ער איז מיט איר אריין גיגאנגען האט זיא אים דערציילט אז ער דער רב איז איר זוהן פון דעם גלח אונ זיא איז איינע פון דיא מאנאשירנע פאנים [זאקניצע] זיא האט אים גיזויגען פון דעם גלח . אונ דעמאלס איז גיוועזן א געזעטץ . אז מען האט דיא זאך גיוואר גיווארין האט מען זיא 'נעהרגיט מיט דעם בועל מיט דעם קינד וואס עס איז גיבוירין גיווארין . דעריבער האט זיא פערבארגין דיא זאך . האט זיא דאס קינד איבער גיענטפערט צו איוד וואס ער האלט דיא מילך אונ אדארף נאר עס איז אים זייער שלעכט גיוועזן בייא דעם דארפסמאן . וואס ער האט זיך אונ אמתין נישט געפירט מיט עם וויא אדערבארמינער פאטער . האט ער פערלאזט זיין פאלשען פאטער'ס הויז . אונ איז אנטלאפין אונ אשטאדט אריין . איז ער אריין גינאנגען אונ אשטאר אריין אין איז גינאנגען אין אבית המדרש אריין . האט ער זייער מצליח גיוועזן איז ער גיווארין ארב . אין יעצט אויף איר עלטער ווייל זיא אים אוועק נעבין איר פערמעג בירושה . האט דער רב דערקענט דיא אמת'ע רייד . נאכדעם וואס זיא האט אים גינעבין אמתע ראיות . אז זיא איז זיין מוטער נאך פון דעסט וועגין האט ער גיזאגט אז וועט פריער פאהרין פרעגין אעצה פין דעם בעלזער רב . איז ער גיפאהרין קיין בעלז אין האט דערציילט

דיא

דיא גאנצע מעשה האט דער בעלזער רבי ז"ל גיזאגט אז דיא זאך איז אמת. אין ער זאל בייא איהר נאר נעמין געלד פאר קליינע זאכין אבער נישט פאר קיין פעלדער איז אזוי גיוועזן דערנאך האט דער רב מיט זיינע זוהן וואס ער האט פון לאנג געהאט. האבין זייא זיך טובל גיוועזן לשם גירות. דעריבער האט דער בעלזער רב גיווארינט מען זאל געליבט מאכין דעם יחוס צו וויסין פון וואנין מען קומט ארויס:

---

נט) אמאהל איז ר' שלום טבעלזא גיפארין מיט איין חברותא קיין לובלין. האבין זייא דערציילט מעשיות פון דעם בעש"ט ז"ל. האט א יונגער מאן דערציילט. אז אונ דעם בעש"ט'ס צייטין איז גיוועזן א תלמיד חכם אונ דערמאט קיטוב. האט ער זייער גיענגט דעם רבין ר' גרשון קיטובער האטש ער איז גיוועזן אגרויסער תלמיד חכם אין א בעל צדקה ער האט נאך גיזוכט נאך מצות, אבער קיינין ר' גרשונין איז ער גיוועזן זייער שלעכט. אמאהל וויא דער בעש"ט איז גיקומין קיין קיטוב. האט זיין שוואגער ר' גרשון פאר קלאגט דעם ת"ח וואס ער איז אים זייער מצער. וויא דער ת"ח איז אהין גיקומין איז דער בעש"ט ארין גיגאנגין מיט דעם תלמיד חכם אין א בעזונדער חדר ארין אין האט אים גיפרעגט פאר וואס ער טוט אזוי האט ער גיענטפערט אז ער ועהט אונ זיין שוואגערן ר"ג חסרונים דאט אים דער בעש"ט גיזאגט הלואי עס זאל אזוי זיין אבער דיא ביסט ריין פון אלע עבירות? האט ער גיענטפערט. יא. האט דער בעש"ט צו אים גיזאגט.

הלואי עס זאל אזוי זיין וויא די זאגסט. אבער פון דעסט וועגין פון דיין יוגינד ביסטו אויך ריין? האט ער גיענטפערט יא. האט ווידער דער בעש"ט גיזאגט עס שטייט דאך אז עס איז נישט פערהאנדין אצדיק וואס זאל טוהן גוטס אין זאל נישט זינדיגען. איך בין אבער פארט ריין האט ער אים גיענטפערט. האט דער בעש"ט אים גיזאגט זיך נאר גוט אפשר וועסטו גיפינען האט ער גיענטפערט. עס גיפינט זיך אונ טור נישט קיין שום זינד. האט ווידער דער בעש"ט צו אים גיזאגט אונ דאס שלעכץ וואס דיא האסט גיטוהן מיט דער קריסטין דאס האסטו פארגעסין. עס איז נישט אמת האט ער גיענטפערט. האט אים דער בעש"ט גיזאגט אז דיא וועסט מיר ענטפערין מיט עזות וועט דא באלד זיין די קריסטין האטש זיא איז שוין טויט פיעל יאהרין. וועט זיא קימין אויף דיר עדות זאגין. האט ער גיזאגט מיט זיין חוצפה לאז זיא קימין. איז תיכף גיקימען דיא קריסטין אין האט זיך גישטעלט פאר אים אונ האט עדות גיזאגט אונ זיין פנים. איז ער באלד אנידער גיפאלין אויף דער ערד. אונ האט גיבעטין א תשובה פון דעם בעש"ט. האט זיך דארט א יונגער מאן אנגירופין. נוא אז איך גלייב נישט דיא מעשה בין איך אויך נישט קיין אפיקורוס. האט דער בעלזער רב גיזאגט אז עס איז יא אזוי. זאג איך דיר אז דיא ביסט אויך נישט ריין. אונ מיט דעם זעלבין האסטו אויך גיזינדיגט. האט ער גיזאגט עס איז ליגינד. האט אים ר' שלום גיזאגט אז דיא הייבסט אויך שטיין אונ דיין עזות אונ וועסט זאגין אז עס איז ליגינד. וועט א קיינין דיר אויך קימין דיא קריסטין וואס דיא האסט

האָסט מיט איר גיזינדיגט אונ זיא וועט פאַר דיר עדות זאָגין האָט ער צים רבין גיזאָגט. איך בעט אייך איבער איך האָב גירעט פיהל ווערטער. אין דער רבי זאָל מיר מוחל זיין · אונ זאָל גאָר נישט טוהן:

---

ע) אַמאָהל אים שבועות אונ דערפריי האָט זיך דער בעלזער רב פערשפעטיגט צי קימין דאַוונען אונ שוהל אריין צים דאַווינין. דיא חשובים האָבין דאָס גיזעהן האָבין זייא זיך פערוואונדערט. האָבין זייא גיבעטין זיין מיטער דיא רעביצען זיא זאָל גיין אַריין צים רבין גיוואָהר ווערין וואָס דאָס איז. וויא זיא איז אַריין גיגאַנגען צוא אים · האָט ער גיזאָגט מיט גרויס זופצינג ווייא גישריגין מיין מוטער · וואָס האָסטו גיטוהן. יעצט איז גיוועזן אַ עת רצון אַזוי וויא פאַר טויזינד יאָהר. וואָס עס איז אויך גיוועזן אַגרויסער עת רצון · אונ עס איז גיוועזן צייט משיח זאָל קימין. איז דאַמאָלס גיוועזן אונ דעם דור אַגדול וואָס ער איז ראוי גיוועזן ער זאָל זיין משיח · ווייל ער האָט נישט נעהאַט קיין שום עבירה האָט דער בעל דבר גיבעטין מען זאָל אים נאָך געבין אַ צייט צו פריווין אים. טאָמער וועט ער אים נאָך קענין שטראָכלין מיט וועלכער עבירה. האָט מען אונ הימיל דערויף מסכים גיוועזן. איז דער בע״ד גיקומין אויף דער וועלט אונ דעם גישטאַלט פון אַ אשה. וואָס זיא האָט גיקאָנט זייער גיט לערנין ביז איר שם איז געהערט גיוואָרין פון וויים. אונ אויף דער גאַנצער וועלט האָט מען נעהערט וואונדערליכע זאַכין פון דיא חידושי תורה וואָס זיא איז מחדש. איז זיא אים גיפאָרין אויף דער וועלט · אונ זיא איז גיקומין אונ דער שטאָט אַריין וואָס דער גדול האָט דאָרט גיוואָהנט זענין צו איר אַריין גיגאַנגען אַלע לומדים פון שטאָד. האָט זיא פאַר זייא גיזאָגט זייער שטאַרקע פשטים. האָבין זייא זיך אַלע דערויף זייער וואונדערט. אונ יעדעס מאָהל האָט זיא גיזאָגט. ווען דער היגער רב זאָל קימין אונ איר סטאַנציע אַריין. דאַמאָלס וואָלט זיא גיזאָגט חידושים וואָס עס האָט נאָך קיינער נישט געהערט. אַלע מאָג האָבין דיא לומדים דער ציילט פאַר דעם רב אירע רייד אונ דער רב האָט צו איר נישט גיוואָלט גיין ביז אונ עטליכע טעג אַרים איז דער רב איבער גירעט גיוואָרין פון זיינע ליב־האָבער אונ ער איז גיגאַנגין אונ איר גאַסט הויז אַריין. האָט זיא אים גיוויזין איר כוח אונ לערנין אונ דער רב האָט זיך זייער פערוואונדערט אויף איר כוח אונ דער תורה. האָט זיא אים ווידער גיזאָגט. אַז עס וועט יעדיר אַרויס גיין אונ דער רב אַליין וועט נאָר בלייבין אונ איר חדר דאַמאָלס וועט זיא אים הערשט זאָגין נאָך וואונדערליכע חידושים. האָבין זייא אַזוי גיטוהן. איז דער רב אַביסיל איבער גיבליבין עטליכע רגע מיט איר אונ דורך דעם האָט זיך אויס גילאָזט דיא גאַנצע מראה איז דיא זאַך בטל גיוואָרין אונ זיין ווילין איז נישט אויס געפירט גיוואָרין. אונ יעצט אויך האָט דער רב אויס גיפירט איז אויך גיוועזן אַזא עת רצון אונ מיט דעם וואָס דיא ביכט אַריין גיקימין האָסטו קאַליע גימאַכט. דעריבער וועלין מיר גיין דאַווינין ער כל פנים. איז ער אַריין גיגאַנגין אונ שוהל אַריין דאַווינין:

---

עא) הרב ר׳ יצחק דעם בעלזער רב׳ס אייניקל האָט דערציילט אַז ער

איז

איז אַמאָהל גיזעסין דיא גאַכט פֿון פרײַטיג אונ דעם חדר פֿון זײַן שווינגער דיא רעביצין ע"ה וואָס זיא איז דאַמאָלס שלאָף גיוועזין, אונ ער זאָל טוהן וואָס מען דאַרף. דער נאָך האָט ער זיך גימאַכט שלאָפֿידיק. האָט ער געהערט אַז זײַן שוועער איז אַרײַן גיקומין אונ איר חדר אַרײַן האָט ער צו איר גיזאָגט אַז ער פרעגט זיא אַ עצה דען עס פֿאָהרט צו אים אויף שבת אַ אורח מיט אַ בעדיל מיט משמשים אונ ער איז פֿון דער סיטרא אַחרא ר"ל. וואָס זאָל ער טוהן? צו ער זאָל אים מקרב זײַן אוים שבת בײַא זײַן טיש צו נישט. האָט אים זײַן ווײַב דיא רבצין גיגעבין אַ עצה ער זאָל אים מקרב זײַן מיט אַפריילך פנים איז אַזוי גיוועזן פרײַטאָג איז ער גיקומין ארבי מיט זײַנע מעמשים האָט אים דער רבי שבת זייער מקרב גיוועזן:

---

עב) אִין דער שטאָט בראָד זענין דיא עשירים ומיוחסים איבער ניקערט גיוואָרין אויף אָרימילײַט. אונ דיא משרתים מיט דיא דינסטין זענין גיוואָרין עשירים. זענין זײַא גיפֿאָרין קײַן בעלזאָ. האָט זײַא ר"ש גיענטפֿערט דאָס איז ווײַל זײַא האָבין שווער גיאַרבייט מיט זײַערע משרתים דעריבער איז דאָס ענין פֿאַרקעהרט גיוואָרין:

---

עג) עֶם איז גיוועזן אַמענטש וואָס אונ זײַן יונגער האָט ער גיוואָהנט אונ בעלזאָ האָט ער זיך פֿון דאָרט אוים גיצויגין קײַן רוסביא אז ער האָט גישא חן גיוועזן בײַא אַ שר וואָס איז דאָרט גיוועזן האָט ער בײַא אים גינומין אַשענק. אונ אַשטיקל פֿעלד אונ האָט דאָרט גילעבט בשלום.

ויהי היום איז דעם פרינץ'ס זוהן משוגע גיוואָרין. האָט ער גיפרובט דאָרך דוקטאָרים אונ כישוף מאַכער'ס איז עס האָט גאָר נישט גיפֿועלט. האָט דער יוד גיזאָגט צו זײַן פרינץ איך וועל בעטין מײַן העדר ער זאָל פֿאָהרין צים רבין וואָס ער איז אונ מײַן שטאָדט בעלז. דאַמאָלסט וועט ער אַוועק נעמין זײַן זוהן דעם שגעון. ווײַל דאָס אין בײַא אים אַקליינער זאַך צו הײַלן אַ קרענק פֿון אַ רוח. אַזוי וויא אין האָב אַליין גיזעהן. זײַן גידאַנק איז גיוועזן ער זאָל קענין זעהן זײַן משפחה אונ ער זאָל האָבין אימזיסט אַ קאָטש. האָט דער שר גיזאָגט אַזוי צו טור איז ער גיפֿאָרין אונ דער שר מיט זײַן זוהן זענין גיגאַנגין בײַא נאַגר מיט דעם יוד. וויא זײַא זענין גיקומין קײַן בעלז. איז דער יוד גיגאַנגין פֿאָראויס פֿאַר זײַא צום רבין ר"ש. האָט ער גיזאָגט צים רבין אַז דאָס איז אַ קידוש השם צו ווײַזין אַז עס איז דאָ אַ יודישער בעשעפֿר. האָט אים דער רבי גיענטפֿערט אַז ער זאָל זיך נישט אינטער שטעלין אַרײַן צו ברענגין דעם שר אונ זײַן שטוב אַרײַן. עס איז גיניג וואָס ער איז מטריח הש"י פֿון יודינס וועגין. איז דער יוד אַרויס גיקומין אונ האָט דיזע רײַד דערציילט דעם שר. האָט דער שר גיענטפֿערט. עס איז זייער גוט. נאָר אַז מאַן זוגט גפֿש איז נישט טייער בײַא דעם רבין אונ ער וואָלט מיר גיקענט העלפֿין. נאָהר ווײַל איך בין נישט פֿון זײַן גלויבין וועל איך אויך אַזוי טוהן. דיא ווײַסט דאָך אַז דרײַא הינדערט יודין וואָהנין אינ מײַנע דערפֿער אונ אין מײַנע פֿעלדער. זײַא מיט זײַערע ווײַבער אונ קינדער ווערין גישפײַזט דאָרט מיר בכבוד יעצט וועל איך זײַא אַלע אַרויס טרײַבין. ווײַל זײַא זענין נישט פֿון מײַן גלויבין. אונ דיא וועסט

זײַן

זיין דער ערשטער ביא דיר וועל איך אנהייבן. דיא וועסט שוין מעהר נישט רייטין אויף קיין אייזיל נייא נעם דיר דיין וויב מיט דיינע קונדער. דען איך וועל זייא תיכף ארויס ווארפין אזוי וויא איך וועל אהיים קימין, דיא וועסט זייא טרעפין דיר אקייגין גיין אויפין וועג. איז דער יוד צוריק גיגאנגין צים רבין אונ האט פאר אים גישריגין. אונ גיזאגט דרבא היגדערט משפחות. אונ יעדער ראש פון דער משפחה האט איבין אכט קינדער מיט זייער ווייבער דיא ארעמע זאלין דארפין געמין זייערע שטעקינס אונ גיין אויף דיא טיהרין בעטין נדבות דארך איין גוי וואס דער רבי איז בייז אויף איין גוי. האט אים דער רבי גיענטפערט. אז עס איז יא אזוי איז עס דאך אצרה פון א רבים. זאלסטו מיין זוהן אזוי טוהן. זאג דיין פריין אז עס איז אהנגיברייט ארפואה פון זיין זוהן'ס וועגין גאר ער זאל צוריק פאהרין. אונ אז ער וועט קומין צו דער זיבעטער טומאה זאל ער ארויין גיין צום גלח. וועט ער אונ גאנצין געהיילט ווערין. זעה. איך האב אים גיבענטשט. איז ער ארויס גיגאנגען מיט אפרייד. אונ דער שר איז אויך גיוועזן זייער פריילך. ווייל ער האט דערוויייל געהערט אז וואס דער רבי זאגט מוז מקוים ווערין אונ ער האט געטראכט אז זיין זוהן וועט זיכער געהיילט ווערין. אונ דעם זיבטין דארף איז דער גלח גיוועזן א גרויסער רשע. אונ אלע טאג זענין דיא יודין פון דעם דארף גיקומין צום רבין שרייען אויף דעם שלעכץ וואס ער טוהט זייא. אז עס איז נאך נישט גיקומין זיין סוף. יעצט אז דער שר מיט זיין זוהן מיט דעם יוד זענין גיפארין אונ זענין ארויין גיגאנגין צו דעם גלח האבין זייא אים דערציילט אז דער יודישער רבי האט זייא צו אים גישיקט האט ער אנגעהויבין צו שעלטין דיא יודין וויא זיין שטיינער איז גיוועזין מיט זייערע רבים מיט זייערע תורות. אויך האט ער גילעסטערט השי"ת האט ער זיך אזוי לאנג גישטאריקט אונ דיא קללוה ביז ער איז משוגע גיווארין אונ דער רוח איז אונ אים ארויין. אונ דער רגע איז דער שר'ס זוהן געהיילט גיווארין פון זיין שגעון. איז דער שר ארויס גיגאנגען אידער דער משוגענער גלח האט עפיס אים גיטאן ווייל ער האט גיזאגט. עס פעהלט מיר נאך משוגענע?. איז ער פון דארט אוועק גיפארין האט ער גיזעהן אז זיין זוהן איז אונ גאנצין גיזינד גיווארין זייא האבין בעגאנד גירעט אזוי וויא אפאטער מיט זיין זוהן. אונ דער זוהן האט זיך אויך פערוואונדערט אויף דעם וואס עס האט זיך מיט אים פאסירט. איז דעם שר עפיס איינגיפאלין אונ ער האט גיזאגט צום יוד. צו בין איך א הונד וואס איך האב הגאר געהאט פון דעם רבין אונ האב אים גאר נישט בעצאהלט קום לאטיר צוריק פאהרין צום רבין וועל איך אים בעצאהלין עטליכע הינדערט רובל האבין זייא אזוי גיטוהן. זענין זייא צוריק גיקומען צים רבין. האט דער רבי ר"ש צו אים גיזאגט איך וועל ביא דיר גאר נישט נעמין. האט זיך דער שר זייער מצער גיוועזן. האט אים דער יוד גיזאגט איך וועל דיר א עצה געבין. קום אונ בית המדרש אריין דארט זיצין בטלנים אונ לערנין טאמער וועלין זייא ביא דיר נעמין וועסטו זיין בערוהט איז ער גיגאנגען אונ האט גירופין דעם גבאי האט ער גיבעטען אחשבון וויפיל יושבים עס איז פערהאנדין אונ בית המדרש. האט ער יעדין איינים גימאכט שיך מיט

מלבישים

מלבושים פון קאפ ביז פיס. פאר דעם געלד וואס זייא האבן אים געזאגט. איז ער זיך אהיים געפארן און ער האט יודין פיל טובות געטוהן:

עד) עס איז אמאהל געקומען צום בעלזער רבי'ם פריטאג אמענטש וואס איז געוועזן שלאף אויף ביידע פיס נאר ער האט זיך אהנגעלעהנט אויף קוליעס דער רבי האט זיך געפארעט פארטיג צו מאכן די לעכט מיט די לייכטער. ווי זיין שטייגער איז געווען. האט אים דער רבי געזאגט וואס ווילסטו? האט ער זיך אנגעהויבן מתנצל צו זיין פאר אים אז ער קען נישט שטיין און גיין אהן קוליעס. ווייל ער האט א מיחוש אויף ביידע פיס. האט צו אים דער רבי געזאגט מיט דיזין לשון. ביזט אוודאי נישט געשטאנען ערליך שמונה עשרה. האט ער אויף אים אנגעהויבן צו קוקן פון קאפ ביז די פיס און אין דער צייט וואס דער רבי האט אים אויף געקוקט האט דער שלאפער געפילט. אז עס איז אים געקומען כח און אשטארקונג און זיינע פיס. ביז ער האט אוועק געווארפן זיינע-קוליעס אויף דער ערד. און ער איז געבליבן שטיין גראד דער נאך האט ער אויף געהויבן די קוליעס און האט זייא צו בראכן אויף זיינע קניא פאר דעם רבי'נס אויגן. איינציג ווייס. און האט זייא ארויף געלייגט אויף דעם פייער וואס מען האט דארט געקאכט די שבת-דיגע פיש. איז ער ארוים געגאנגן בשלום פון דעם רבי'ן און מען האט נישט דערקענט אויב דער מענטש האט אמאהל געהונקן. ווייל ער איז און גאנצן געהיילט געווארן:

# וואונדערליכע מעשיות מהרב הגאון ר' יואל סירקיס בעל ספר „בית חדש" (ב"ח) וועלכער איז אויך געוועזן רב אין בעלז.

עה) דער ב"ח איז געווען און בעלז רב זענין אויף געשטאנען א חברה רשעים און האבן אנגעצינדן א מחלוקת האט זיך זייער האגד געשטארקט. און זיי האבן אים איבער געפירט פון דעם רבנות. האט דער ב"ח מיט זיין בני בית זיך זייער מצער געווען. ווייל ער איז געווען אגרוסער ארימאן. ויהי היום און ערב שבת. ווי ער האט זיך געוואשן זיין פנים אויף זיין הויף. זענין געפלויגן פייגיל איבער זיין קאפף און האבן געפופטשעט ווי דער ב"ח האט דאס געהערט האט ער זיך זייער געפרייט. איז ער ארין געגאנגען און שטוהב ארין און האט געזאגט צו זיין ווייב די צדיקית אז די פייגיל האבן אים א בשורה געזאגט אז ער איז אויף גענומן געווארן פאר רב אין קראקא. דערנאך געהט בעהר אהן אויף שבת פון דריי מענטשינג וועגן. וואס זייא זענין פון דארט געשיקט געווארן מיט א כתב רבנות און זייא וועלן אהער קומען אויף שבת. דען אזוי האב איך געהערט פון די פייגיל האט זיא אים געזאגט איך האב דאך נישט קיין געלד. האט

עד

ער איר גיענטפערט ניא אונ לייא דיר אויף א משכון. האט זיא אזוי געטוהן. אונ עס איז אזוי געוועזן אז פאר נאכט זענין זיא געקומין. דער נאך איז אונ בעלז געוועזן א גזרה אז דיא בעלי בתים האבין גימוזט ארויס נעמין דיא ביינער פון דיא טויטע אונ מען זאל זיא לייגין אויף א אנדער ארט האבין דיא שטאט זייער פיל ע"ג געהאט דערפין. האט זיא ר' שלום מבעלזא געזאגט. איר זאלט נישט זארגין. ווייל איך ווייס זיכער אז דיא ביינער זענין פון דיא מענטשין וואס זיא האבין געקריגט מיט דעם ב"ח ז"ל:

עו) אמאהל איז דער ב"ח נדחה געווארין פון זיין רבנות

אונ אפשאט דארך א מעשה וואס עס האט זיך פאסירט. אז מען האט בעדארפט א לעכט צו ליכטין ביא א געווינערין האבין דיא בעלי בתים געזאגט בוודאי ביא דעם רב וואס ער זיצט אונ לערינט נאך האלבע נאכט איז פערהאנדין אפייער אונ אלעכט ברענגט זיך זענין זיא אהין גיגאנגין אנצינדין פון זיין ליכט. האבין זיא גיפינין אז ביא דעם רב דער ב"ח איז גיוועזן פינסטער. איז אונ דער פריא געווארין א גרויסער רעש אונ ביהמ"ד. אז דער רב זיצט נישט אונ לערינט תורה וויא עס געהער צו זיין אונ ער איז נישט אויף פון נאך האלבע נאכט אהן אזוי וויא עס איז געווארפין אויף ארב ער זאל נישט שלאפין פון האלבע נאכט אהן. האבין דיא בע"ב גימאכט איין אסיפה דאט מען גיפסקינט אז מען זאל אים מאכין פאר אוים רב האט ער זיך מודה געוועזן צו דעם פאלשקייט ווייל אונ אמת איז ער יא אויף געוועזן. נאר ער האט גילערינט אויסינווייניג אונ דער פינסטער. ווייל ער האט נישט געהאט עטליכע גראשין צו קויפין לעכט. דארך זיין גרויס ארומקייט אונ דחקות וואס ער האט געהאט:

עז) דאס איז דאך פריזסט אז דער ב"ח איז אונ בעלז געוועזן

רב זייער מיט גרויס דחקות. דער ציילין בעלזער חסידים אז אום פרייטיג האבין זיינע קריגער'ס גיפועלט ביא דעם האר פון בעלזא אז דער ב"ח זאל פון דארט אנטלויפין צייט פיר אונ צוואנציג שעה. אונ אויב נישט וועט מען אים פון דארט ארויס טרייבין מיט אזעלכע קיילין. דאמאלס האבין דיא בעלי בתים איבער גיענטפערט צו דעם שמש דאס פאפיר ער זאל דאס געבין דעם ב"ח פאר מנחה מען זאל אים טרויעריג מאכין אבער דער שמש האט געווארט ביז מוצש"ק ווייל ער האט אים נישט געוואלט מצער זיין א גאנצין שבת דאמאלס איז דער שמש צו אים געקומין אונ דיא זאקין מיט דעם בריף. אונ ער האט פאר אים זייער געוויינט ער זאל אויף אים נישט בייז זיין. ווייל ער האט דאס נישט געטוהן מיט זיין ווילין האט דער ב"ח ביא אים געוואלט נעמין דאס פאפיר. האט ער עס אים נישט גוואלט געבין. אונ דעם איז אים אהנגיקומען פון דער פאסט א כתב רבנות נון דער שטאט שילדוב. דאמאלס האט אים דער שמש איבער גיענטפערט דאס פאפיר פון דיא בעלי בתים האט ער זיא גישאלטין אז זיא זאלין נישט האבין קיין מנוחה אפילו נאך זייער טויט אונ זייער קבר. אונ דעם שמש האט ער גיפרעגט. וואס פאר אברבה ער וויל פאר דעם וואס ער האט אים נישט מצער געוועזן פרייטיג אונ שבת. האט

ער

ער איז געענטפערט אז ער האט נישט קיין קינדער . זאל ער איס בענטשן אז ער זאל האבין אזא זוהן וויא איר זאגט . האט איס דער ב"ח געענטפערט דיא וועסט אזוי האבין . איז איס געבוירן געווארין דער זוהן ר' יצחק אב"ד דק"ק בעלזא :

~~~~~~

עח) **אונ** דעם יאהר **תר"ז** איז געקומען דער שר פון דער זאלקאווער גרעניץ קיין בעלז האט ער געזעהן אז דער אריין קום פון שטאט אונז זייער בארג . אפ אונ עס איז אסכנה . האט ער געשיקט צו דיא גוישע בע"ב אז זייא זאלין נעמין ערד מען זאל דעם מאהל גלייך מאכין . איז דארט געוועזן א רשע האט ער געזאגט אז דיזע ערד טויג נישט . נאר צו נעמין פון דעם בית הקברות וואס עס איז אויף אהויכין אונ אשפיצוגין בארג האט ער נאך געהייסין נעמין פון דעם בארג האבין זייא ארוים געווארפין דיא ביינער פון דיא טויטע אוים זייערע קברים ארוים נאר וויא זייא זענין געקומען נעמין דאס קבר פון דעם גאון ר' יצחק דער בעלזער רב . איז דער גראבער אגידער געפאלין אויף אקריינק פון א ציטערניש . איז אצווייטער געקומען אויף זיין ארט איז איס זיין פנים בפלד אויס גידרייט געווארין ארונטער . האבין זיך אלע ביינער אום געוואלגערט . נאר דער גאון איז געבליבין אונ זיין קבר :

~~~~~~

עט) **בייא** דעם רבין ר' שלום מבעלזא איז געוועזן א נבאי אמשמש מיט זיין נאמין ר' אלימלך ער האט זייער ליב געהאט בראנפין . פערשטייט זיך אלע חסידים האבין איס געוואלט פטערין . נאר דער רבי ר"ש האט נישט געוואלט וייל ער איז אבער געוועזן זייער א פרומער מאן . האבין איס דיא חסידים געפרעגט . היא ביסט דאך עפיס א משמש . פאר וואס דערציילסט דיא אונז נישט קיין גרויסע זאכין פון דיא נשמות וואס זייא קומען צום רבין בייא נאכט . האט ער זייא געענטפערט אז ער האט נישט געזעהן . נאר פיל מאהל האט דער רבי ר"ש אשטילין ניגון מיט משונה-דיגע תנועות אונ ער הייסט איס ארויס גייען פון זיין חדר מאמער דאמאלס קומען צו איס דיא נשמות . דעריבער וועל איך שוין פון יעצט אהן פערשטיין וואס צו טוהן . א מאהל דאנערשטיג בייא נאכט . האט ער זיך [?]טאכט שיכור פון וויין . אונ ער האט זיך אגידער געווארפין אויף דער קנאפי . דאמאלס האט דער רבי ר' שלום אויף איס געשריגין . מלך . אבער ער האט זיך נימאכט שלאפענדיג שנארכין . איז ר"ש געקומען מיט צווייא לעכט נאהנט צו זיינע אויגין ער זאל מלך'ן אויף וועקין . נאר ער האט נישט געענטפערט . האט ער געעפינט זיין טוהער זענין אריין געקומען אונ זיין חדר אריין פיל טויזינדער נשמות איינע נאך דער אנדערער . אונ א אלטע יודינע איז געשטאנין אקעגין זיין פנים . האט ער זיא געפרעגט ווער זיא איז . האט זיא געענטפערט איך בין דיא מוטער פון דער שטאט דען דאס רוב שטאט זענין פון אירע איינעקלעך . זיא איז געוועזן מיט צווייא הונדערט יאהר צוריק פאר זייא האט זיא צו איס געזאגט רבי . עס איז דאך אויף אונז שוין פערבייא געגאנגען אלע ימי הדין אונ גיהנם . אונ יעצט זאלין מיר נאך ליגין אויף דעם וועג

אונ

און מען זאָל פֿאָהרין אויף איינזערע ביינער. האָט צו זייא דער רבי ר"ש גיזאָגט. דאָס איז דאָך דיא קללה פֿון דעם ב"ח עס איז שווער איר זאָלט קענין געהייליט ווערין. האָט זיא גיענטפֿערט האָלט ער דאָך דאַמאָלסט תיכף נעקערט צו טוהן נישט יעצט. אויך ווייסין מיר נישט ווער דער ב"ח איז. האָט ער זייא גיענטפֿערט דאָס איז דאָך דער גאָון ר' יואל סירקש אייער רב. האָט זיך איינער אַנדערער גישטעלט און האָט גיזאָגט צום רבי'ן האָט איר געהערט דיא חצפות פֿון ר' יואל'ישין דאַמאָלס האָט דער רבי נישריגין דרך ארץ פֿאַרוואָגילטער ער איז דאָך גיוועזן אַ גדול און איינער און זיין דור. און מיר האָבין אַלע מורה פֿאַר זיין הייליגין נאָמין. דאַמאָלס האָט איינער גיוויינקין צום אַנדערין און האָבין גיוויזין אויף ר' שלומין. דהיינו. מיר האָבין אים נישט גיוויסט טייער צו האַלטין. און דער צייט זענין גיקומין צווייא רוחות צום רבי'ן ר"ש און האָבין גיזאָגט מיר זענין יעצט גיוועזן פֿאַר דעם ב"ח. און ווייל עס איז שוין מקוים גיוואָרין די קללה. האָט ער איינז אַלע מוחל גיוועזן מיט דעם גאַנצין. האָט ער זייא גיפֿרעגט וואָס זאָל איך טוהן. האָבין זייא אים גיענטפֿערט איר זייט אייך משתדל הינטין און מיר אויבין דיא צווייטע וואָך איז ר' שלום גיפֿאָהרין קיין זאָלקאָווי און ער האָט גיבעטין דעם שר ער זאָל מבטל זיין זיין גזרה פֿאַר דעם געלד וואָס ער האָט גיוואָלט געבין. אָבער ער האָט נישט גיוואָלט איז פלוצלינג דער שר שלאָף גיוואָרין מיט אַקרענק. און ער איז גישטאָרבין מיט אַ מיתה משונה ר"ל. איז גיקומין אַ אַנדערער אויף זיין אָרט. האָט מען אים גינעבין פֿיפֿציג הינדערט רייניש. האָט ער גינעבין רשות מען זאָל צוריק לייגין דיא ערד אויף איר אָרט צו דעם בית הקברות האָט איינער דערציילט אַז ער אַליין מיט דיא שטאָט לייט האָבין גיטראָגין דיא ערד און קליינע כלים: